STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01957

AZA IZ GEVEN ZEYER GOYRL

Joseph Klenicky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף קלעניצקי (יאָשקע)

☆

אַזאַ איז געווען זייער גורל

☆

כ ז ה ה י ה ג ו ר ל ם

געשריבן אין יפו באַלד נאָך
דער עליה פון אויטאָר, און
דאָס איז זיין לעצטער חיבור
ערב זיין שווער קראַנק ווערן

נכתב ב י פ ו מייד אחרי
עלייתו של המחבר ארצה,
וזה פרי עטו האחרון לפני
שחלה ב מ ח ל ת ו הקשה

יוסף קלעניצקי
(יאָשקע)

אזא איז געווען זייער גורל

כזה היה גורלם

עברית: י. ברקמן

אַרויסגעגעבן פון מחבר

Joseph Klenicky (Joshke)

AZA IZ GEVEN ZEIER GOYRL

KAZE HAYA GORALAM

Printed in Israel, 1977

תשל"ז תל־אביב 1977

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל

צום באַדויערן זענען אין בוך אַריינגעפאַלן דריי גרייזן:

1. אויף זייט 60 איז די שורה 18 — „בערהויפט קעגן פויערטום די שוידערלעכסטע" — איבעריק.

2. די אויבן געבראַכטע שורה דאַרף קומען אויף זייט 64 אַנשטאָט דער שורה 5.

3. די דאָזיקע שורה 5 פון זיין 64 — „פאַרשיקט מען, אָדער מען פאַראורטיילט זיי" — דאַרף קומען אויף זייט 66 נאָך דער שורה 25.

תודתי נתונה לידידי היקר זאב ליבנה על עזרתו בתרגום הספר

י. ב.

איבער אַנדערטהאַלבן יאָר ווי איך לעב אין ישראל. פאַר דער צײַט איז מיר אויסגעקומען צו הערן און לייענען אַרויסזאָגונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועגן סאָוועטישע ייִדן, וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור און וועגן די שעפערס פון דער ליטעראַטור — און נישט נאָר וואָס זיי שטימען נישט מיט דעם וואָס איך האָב געשריבן, נאָר אָפט זענען זיי פונקט פאַרקערט, (זאָל מיר פאַרגעבן ווערן די זינד פאַר דער איבערצײַיגונג אַז איך בין גערעכט). איך האָב איגנאָרירט די לאַפּסוסן און אַבסורדן, וואָס זענען דערלאָזט געוואָרן אין אייניקע פאַלן, און האָב זיך געשטעלט די פראַגע — פון וואַנעט נעמען זיי זיך די נישט־ריכטיקע אַרויסזאָגונגען?

ווי מיר דאַכט זיך האָבן דאָ געווירקט צוויי סיבות.

די ערשטע סיבה איז, וואָס מען שרײַבט וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד סתם, ווי עס וואָלטן דאָרט נישט געווען, פאַר די איבער 50 יאָר פון זײַן עקזיסטענץ, קיין פאַרשיידענע פעריאָדן, און איין פעריאָד פון צווייטן וואָלט זיך נישט אונטערשיידט.

אין ישראל זענען פאַראַן, אפשר מער ווי אין אַן אַנדערן פרייען לאַנד, מענטשן, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן אין די צוואַנציקער יאָרן, (געציילטע אויך אין די דרייסיקער) אַרויסצופאָרן פון דאָרט, און פוילישע ייִדן, וועלכע האָבן אין דער צײַט פון קריג געלעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; אין די לעצטע יאָרן זענען פון דאָרט צוגעקומען אויך די נײַע עולים.

זיכער, מיט דער אינפאָרמאַציע און מיט די איינדרוקן פון די אויבן־דערמאָנטע דאַרף מען זיך רעכענען און באַציִען זיך צו זיי ערנסט. צווישן די פוילישע ייִדן זענען געווען אויך שרײַבער, וועלכע לעבן איצט אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד געטראָפן מיט די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער (אייניקע זענען אפילו געווען מיט זיי נאָענט באַקאַנט) און האָבן וועגן זיי געשריבן. זיי האָבן גע־

אני נמצא כבר בישראל למעלה משנה וחצי. במשך זמן זה נזדמן לי לשמוע ולקרוא דעות על ברית-המועצות, על יהודיה, על הספרות היהודית-סוביטית ועל יוצריה, והן — לא די שאינן תואמות את השקפתי, שהעליתי על הנייר. אלא, לעתים קרובות, אף סותרות אותה.

יסולח לי החטא הנובע מהיותי משוכנע בצדקתי. אני מתעלם מפליטות הפה ומההבלים המזדקרים מהתבטאויות מסוימות, אולם שאלתי את עצמי — מאין באה פסקנות מסולפת זו?

לפי עניות דעתי, גרמו לכך שתי סיבות:

סיבה ראשונה נעוצה בכתיבת-סתם על ברית-המועצות, כאילו במשך חמישים שנות קיומה לא עברו עליה תקופות שונות ולא חלו בה שינויים מתקופה לתקופה.

בישראל נמצאים, אולי במידה רבה יותר מאשר במדינות אחרות, אנשים, שחיו במשך פרק זמן מסוים בברית-המועצות. אלה הם אנשים, שהצליחו בשנות העשרים (מעטים גם בשנות השלושים) לצאת משם, ויהודים מפולין, ששהו בה במשך המלחמה. בזמן האחרון נוספו בישראל גם העולים מברית-המועצות. בידיעותיהם ובהתרשמותם של היהודים הנ"ל צריך, ללא ספק, להתחשב וחייבים להתייחס אליהם בכובד ראש. בין היהודים שבפולין היו גם סופרים, החיים כעת בישראל או בארצות אחרות. בהיותם ברוסיה

שריבן נישט נאָר וועגן די ייִדישע שרײַבער, נאָר וועגן ראַטן־פאַרבאַנד בכלל. אָפט זענען זייערע אַרויסזאָגונגען אינטערעסאַנט. די צרה איז אָבער, וואָס סײַ די וואָס זענען געקומען אין די צוואַנציקער יאָרן, סײַ די וואָס זענען געקומען נאָכן קריג — איינשליסלעך די ייִדישע שרײַבער פון פוילן, און פיל פון די וואָס קומען איצט (למשל, די ייִדן פון די באַלטישע לענדער און די יוגנט בכלל) — האָבן געלעבט אין ר״פ נאָר איין פעריאָד, אָפט זייער אַ ספּעציפישן, און זיי מאַכן פון זייערע איינדרוקן געוואַגטע אויספירן וועגן ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן די דאָרטיקע ייִדן פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס פאַרמינערט דעם ווערט פון זייער אינפאָרמאַציע. וואָס פאַראַ ווערט וואָלטן געקענט האָבן דערקלערונגען פון פאַרשיידענע מענטשן, פון וועלכע יעדער איינער האָט איבערגעלעבט אין פראַנקרייך נאָר איין פעריאָד פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און יעדערער וואָלט, נאָר אויפן סמך פון זיינע פערזענלעכע אײַנדרוקן פון איין פעריאָד, געשריבן וועגן דער גאַנצער עפּאָכע פון 1789 ביזן פאַלן פון נאַפּאָלעאָנען?

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נאָך דער רעוואָלוציע דורכגעמאַכט אַזוי פיל עטאַפּן, אַזוי פיל פעריאָדן, אַז גאַנץ אָפט פלעגט די פאַרטיי, די רעגירונג אפילו, מיט איר אַגיטאַציע־אַפּאַראַט, אָננעמען אַלע מיטלען, און די שווידערלעכסטע רעפּרעסיעס, נישט נאָר צו פאַרניכטן די פרוכטן, נאָר אַרויסצורייסן מיט די וואָרצלען די ביימער, וואָס זיי אַליין האָבן פאַרזעצט, און אויף וועלכע די פרוכטן זענען אויסגעוואקסן. איין צייט איז געוואָרפן געוואָרן אַ לאָזונג: „רויב דאָס אָנגערויבטע״, און אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען אָנגעווענדט די שטרענגסטע שטראָפן פאַר רויבערייען. איין צײַט האָט מען באַקעמפט מיט די האַרבסטע מיטלען דעם פּריוואַט־האַנדל און דערוויזן „וויסנשאַפטלעך״, אַז דער איינציקער וועג צום קאָמוניזם איז דער „מיליטערי־

נפגשו עם סופריה היהודים (אחדים היו אפילו מקו־רבים להם) וכתבו עליהם. הם כתבו לא רק על הסופרים היהודים, אלא גם על ברית־המועצות בכלל. דעותיהם לעתים קרובות מעניינות.

הצרה היא, שבין אלה, שהגיעו בשנות העשרים, ובין אלה, שבאו אחרי המלחמה — ובתוכם הסופרים מפולין, והרבה מהבאים עכשיו (למשל, היהודים מה־ארצות הבלטיות והנוער בכלל), ישבו בברית־המוע־צות במשך פרק זמן מוגבל, לפעמים אופייני במיוחד. מהתרשמויותיהם הם מגיעים למסקנות נועזות על ברית־המועצות ועל יהודיה, החל מפרוץ המהפכה ועד היום הזה. זה גורע מערכם המידעי. איזו חשיבות, למשל, אפשר היה לייחס להסבר של אנשים ספורים, שכל אחד מהם חי בימי המהפכה בצרפת בפרק זמן אחד, וכל אחד מהם היה כותב, על סמך התרשמותו האישית בלבד, על כל התקופה שבין 1789 לבין נפילת נפוליאון

אחרי המהפכה עברה ברית־המועצות כל כך הרבה שלבים וחלפו עליה כל כך הרבה תקופות, עד שהמפלגה, ואפילו הממשלה, עם מנגנון תעמולתה, היתה משתמשת בכל מיני תחבולות לא רק להשמדת הפירות, כי אם לשירוש העצים שהם עצמם נטעו אותם, ושעליהם גדלו הפירות האלה. פעם שלטה הסיסמה: „גזול את הגזול!", וכעבור זמן מה הוטלו עונשים כבדים מאוד נגד גזל. פעם ננקטו אמצעים

שער״; סוף דעצעמבער 1920 איז לענין אַרויסגעטראָטן און געזאָגט, אַז עס איז ווייניק צו צעיאָגן סוכאַרעווקע — אַן אָרט אין מאָסקווע, וווּ עס פּלעגט פֿאָרקומען דער פּריוואַט־האַנדל — נאָר מ׳דאַרף אַרויסרײַסן די סוכאַרעווקעס פֿון די הערצער. און ווייניקער ווי אין 3 מאָנאַטן אַרום, אין מיטן מערץ 1921, דערלויבט מען פּריוואַט־האַנדל און מען וואַרפֿט אַ לאָזונג: לערנט זיך האַנדלען! מ׳פֿירט איין דעם „נעפּ״. אין 7—8 יאָר אַרום פֿאַנגט מען ווידער אָן מיט די שטרענגסטע מיטלען צו ליקווידירן דעם „נעפּ״, סײַ אין האַנדל, סײַ אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און מען טרעט צו קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. יעדעס מאָל ווערט „די איינציקע ריכטיקע ליניע פֿון דער פּאַרטיי״ דורכגעפֿירט מיט רעפּרעסיעס. עס מערן זיך לאַגערן און לאַגערניקעס אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי פֿילן שוין אויס וויכטיקע עקאָנאָמישע אויפֿגאָבן און ווערן אַן אומטיילבאַרער רינג אין לעבן פֿון לאַנד. נאָכדעם קומען פֿאָר די רייניקונגען. מען הויבט שוין אָן רעפּרעסירן גאַנצע פֿעלקער — איבערהויפּט קליינע פֿעלקער. דערנאָך קומט די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אַזוי פֿיל קרבנות, נישט נאָר אויף די פֿראָנטן. נאָך דער מלחמה — ווידער רדיפֿות אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. ווידער רעפּרעסיעס קעגן קליינע פֿעלקער, מען פֿאַרשיקט גאַנצע פֿעלקער פֿון קליין ביז גרויס, פֿון גרויע זקנים ביז קינדער אין די וויגן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך ייִדן האָט דערוואַרט אַזאַ גורל, נאָר סטאַלינס טויט האָט זיי געראַטעוועט. דאָס אַלץ אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד...

מען וואָלט געקענט דעטאַליזירן און אַנווײַזן, אַז די אַלע זיגזאַגן, האָבן אַרויסגערופֿן ענדערונגען אין כאַראַקטער פֿון מענטשן און פֿעלקער. אָפֿט פֿלעגן זיך איינע און די זעלבע מענטשן אַזוי פֿיל ענדערן, אַז עס פֿלעגט אוממעגלעך זיין זיי צו דערקענען. מענטשן

חמורים במלחמה נגד המסחר הפרטי והוכיחו באופן „מדעי", שהדרך היחידה להגשמת הקומוניזם הוא „הקומוניזם המיליטריסטי", וכבר בסוף דצמבר 1920 הופיע לנין ואמר, שלא די בחיסול סוכאריווקה (מקום במוסקבה שבו התנהל הסחר הפרטי) — אלא מוכרחים לעקור אותה מהלבבות. לא עברו 4 חדשים ובמרץ 1921 הורשה הסחר הפרטי ונזרקה הסיסמה: „למדו לסחור!" קם ה„נאפ" (השיטה הכלכלית החדשה). כעבור 7 — 8 שנים התחילו באמצעים דרסטיים לחיסול ה„נאפ", הן במסחר, והן בחקלאות, והגבירו מאמצים להנהיג את הקולקטיביזציה בחקלאות ולתעש את המדינה. „הקו היחיד והאמיתי של המפלגה" מת־גשם על ידי רפריסיות. מיספר מחנות הריכוז ואסי־ריהם גדל עד כדי כך, שהם ביצעו משימות כלכליות חשובות ביותר בחיי הארץ. אחר כך באו הטיהורים. מתחילים להתעלל בעמים שלמים, ובעיקר בקטַנים שבהם. אחרי זה פורצת מלחמת־העולם השנייה רבת ההרס, החורבן והקורבנות, לא רק בחזית. ומייד לאחריה פתחו שוב ברדיפות בקנה־מידה גדול. שוב נגישות והתנקשויות בעמים קטנים: מגלים עמים שלמים מקטון ועד גדול, מטף ועד זקן. ייתכן שגם היהודים היו צפויים לאותו גורל איום, אַך מותו של סטאלין הציל אותם. כזאת היא ברית־המועצות.

אפשר היה לפרט ולהראות, שכל הזיגזגים האלה גרמו לשינויים באופיים על האנשים ושל העמים.

פון איין פעריאָד זענען נישט געבליבן די זעלבע אין צווייטן פעריאָד. זיכער איז עס נישט אַזוי פּראָסט און איינפאַך. איין פעריאָד האָט נישט פאַרניכטעט אַלע ווירקונגען פון די פריערדיקע צייַטן. אויך נישט אַלע בירגער האָבן זיך געביטן אין איינער און דער זעלבער מאָס. נאָר פונדעסטוועגן קען מען מיט זי־כערקייט זאָגן, אַז בלויז אויפן סמך פון פערזענלעכע איינדרוקן פון איין פעריאָד, קען מען נישט און מען טאָר נישט מאַכן קיין גרויסע און ברייטע אויס־פירן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר אַלע יאָרן.

דאָס איז איין סיבה, וואָס פאַרמינערט די ווערט פון די אַרויסזאָגונגען.

די צווייטע סיבה איז די, וואָס מערסטנס האָט מען באַנומען די סאָוועטישע ייִדן איזאָלירט פון דער גאַנצער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. מ'האָט ווייניק געטראַכט, און איך וויל מיר דערלויבן זאָגן: ווייניק געוווסט — וואָס, וועלכע גרויסע, אָפט שווידערלעכע, פאַקטאָרן האָבן געווירקט אויפן טראַכטן און דענקען פון סאָוועטישן ייִדנטום. מ'איז צוגעגאַנגען, און מ'גייט איצט אויך צו, צו די סאָוועטישע ייִדן מיט באַשטימטע שאַבלאָנען און מאָדעלן. לויט די דאָזיקע שטאַמפּן דאַרפן ייִדן זיין אַזעלכע און אַזעלכע. איך רייד דאָ נישט נאָר וועגן פאַנאַטיש־רעליגיעזע ייִדן — זיי האָט גאָט אַליין אָנפאַרטרויט דעם עטאַלאָן, דעם מוסטער פון ייִד און ייִדן. אפילו מאָדערנע, פרייע פון רעלי־גיע, ייִדן — ביז די סאַמע לינקסטע — האָבן געהאַט און האָבן מאָדעלן פון ייִד און ייִדן. אַלץ און אַלע, וואָס זענען נישט ענלעך צו אַ באַשטימטן מאָדעל, זענען שוין נישט קיין ייִדן. אַלע גייַסטיקע ווערטן, וואָס ווערן געשאַפן דורך אַזעלכע ייִדן, זענען לויט זיי, נישט קיין ייִדישע, ווייַל די שעפער זענען דאָך שוין נישט קיין ייִדן...

האָט מען אַ לאַנגע צייַט, ווען מען פלעגט רעדן און טראַכטן וועגן דער ייִדן־פראַגע, זיי „פאַרגעסן“.

לעתים קרובות היו אותם האנשים משתנים במובן המוסרי לבלי הכר. אנשים, שחיו בתקופה אחת, לא היו דומים לעצמם בתקופה אחרת. ברור, שהעניין אינו פשוט כלל. תקופה אחת לא עקרה מהשורש את כל ההשפעות של התקופות הקודמות. גם לא כולן השתנו באותה המידה. בכל זאת אפשר לומר בוודאות, שעל סמך התרשמויות אישיות מפרק זמן מסוים אחד גרידא, אי אפשר וגם אסור להוציא מסקנות על ברית-המועצות בכל שנות קיומה.

זאת היא סיבה אחת, הפוגמת בערך הדעות המושמעות. הסיבה השנייה היא, שעל פי רוב נראו היהודים הסוביטיים, כאילו הם חיים מחוץ למציאות הסוביטית. אני מרשה לעצמי להגיד: ידעו מעט, מה ואילו גורמים כבירים — לפעמים איומים — השפיעו על דרך המחשבה של היהדות הסוביטית. לפי הדגם הקבוע הזה הניחו, כי על היהודים להיות כאלה וכאלה ולא אחרים. בין אם היו יהודים מודרניים (לא חרדים) ובין אם הם שמאליים ביותר, וכל היהודים, שאינם תואמים את הדגם המסוים, אינם יהודים בעיניהם. כל הערכים, הנוצרים על ידי יהודים מסוג חריג זה, אינם יהודיים, כיוון שיוצריהם אינם נחשבים ליהודים.

במשך זמן רב, כשהדיבור והמחשבה היו מוסבים לבעייה היהודית „שכחו" את היהודים החריגים הנ"ל, והנועזים שבין החוקרים אמרו: כיהודים הם נמחו מרשימותינו; כמעט כל הערכים — על טהרת היהדות

די גאָר „העלדישע" ייִדן האָבן געזאָגט: מיר האָבן זיי אַראָפּגעשריבן (ספּיסאַלי) ווי ייִדן. כּמעט אַלע גייַסטיקע ווערטן — ריין ייִדישע — וואָס ייִדן האָבן דאָרט געשאַפֿן, זענען אָפּגעלייקנט געוואָרן: דאָס זענען סאָוועטישע ווערטן, די שפּראַך בלויז איז אַ ייִדישע. און די שפּראַך אַליין — וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט זי מיט אַזאַ אויסלייג ?!

נאָר ווען עס זענען אַנטשטאַנען גינסטיקע באַדינ־גונגען און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד עקזיסטירן ייִדן, ווי ייִדן, האָט מען גענומען זוכן דערקלערונגען. און אַז מען זוכט געפֿינט מען. האָט מען אַנטדעקט: די אַנטשטייונג פֿון דער ייִדישער מדינה און גאָלדעם קומען קיין מאָסקווע, ווי אַ פֿאָר־שטייערין פֿון ישראל. גוט, אָבער נאָך דער אַנטשטייונג פֿון דער ייִדישער מדינה, נאָך גאָלדעם קומען קיין מאָסקווע, האָבן דאָך פֿיל פֿון די זעלבע ייִדן — וואָס קעמפֿן איצט העלדיש פֿאַר זייער רעכט צו לעבן ווי זיי ווילן, און ווו זיי ווילן, און שטעלן אַרויס פֿאָדערונ־גען מען זאָל זיי דערלויבן אָרגאַניזירן קורסן (אולפּנים) פֿאַר עברית — אין די פֿינצטערע טעג פֿון אָנפֿאַנג 1953, מיט זייערע אייגענע הענט „העלדיש" פֿאַרברענט און פֿאַרניכטעט נישט נאָר ביכער אין עברית און אין ייִדיש, נאָר אפילו ביכער אין רוסיש, אויב זיי זענען געווען איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אָדער עברית.

אַ צווייטע דערקלערונג האָט מען געפֿונען: די זעקס־טאָגיקע מלחמה. איז אינטערעסאַנט, פֿאַרוואָס (פֿאַר די, וואָס גיבן אַזאַ ענטפֿער) שטעלט זיך נישט קיין פֿראַגע: ווי איז דאָס מעגלעך געווען אין 1956, ווען דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט עפֿנטלעך פֿרעך געדראָט מיט אַטאָם־געווער קעגן ישראל, מען זאָל נישט הערן קיינע פּראָטעסטן פֿון ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד? וואָס, זיי איז עס געווען אָנגענעם און צום האַרצן? אַמעריקע איז דאָך דעמאָלט אויך געווען קעגן ישראל, און די געפֿאַר פֿאַר ישראל איז געווען דאַן גענוג גרויס!

— שיצרו יהודים, שאינם תואמים את הדגם המקובל, הוכחשו: אלה הם ערכים סוביטיים גרידא, רק השפה היא יהודית; ואיזה ערך יש לשפה היהודית בכתיב, שבו הם משתמשים?...

אולם כשנוצרו תנאים נוחים והתברר, כי בברית-המועצות חיים יהודים כיהודים, התחילו לחפש הס-ברים. וכשמחפשים — מוצאים. הגורמים הם: הקמת מדינת ישראל ובואה של גולדה למוסקבה כנציגת המדינה. טוב, אך מוזר. דווקא רבים מיהודי רוסיה, הלוחמים היום בעוז על זכויותיהם לחיות כפי שהם רוצים ובמקום הרצוי להם, ודורשים לאפשר להם לארגן אולפנים לעברית, שרפו במו ידיהם „בגבורה" והשמידו לא רק ספרים כתובים בעברית או ביידיש, אלא גם ספרים ברוסית, אם היו תרגומים מיידיש או מעברית, וזה היה בימים השחורים של התחלת 1953, 5 שנים לאחר הקמת מדינת ישראל ולאחר בואה של גולדה.

המציאו גם פירוש לכך: מלחמת ששת הימים. אולם מעניין, מדוע אין המסתפקים בתשובה זו שו-אלים: איך זה? בשנת 1956 כשאיימה ברית-המועצות בצורה גסה על ישראל בנשק אטומי, לא נשמעה כל מחאה נגד איום זה מצד יהודי ברית-המועצות? האם זה נעם לרוחם ולליבם? בימים ההם הרי גם אמריקה התנגדה לישראל, ורבה היתה הסכנה לקיום המדינה! כך, לפחות, נראה היה ליהודי ברית-המו-

וויניקסטנס, אזוי האָט זיך עס אויסגעוויזן די ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אויף נאָך אַ פֿראַגע דאַרף מען געבן אַן ענטפער: מיט וואָס קען מען דערקלערן, וואָס גראָד אין 3־4 יאָר אַרום, נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, האָבן זיך די מיטלען און פֿאָרמען פֿון קאַמף פֿון די סאָוועטישע ייִדן אַזוי פֿאַרשטאַרקט? איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אין פֿעברואַר 1971. קיינער האָט זיך דאַן נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ס׳וועט מעגלעך זיין אָנצוווענדן אין קאַמף אַזעלכע מיטלען און אין אַזאַ פֿאָרנעם.

נאָך אַ דערקלערונג טראָגט מען צו: אַ נס. און אַ נס קען דאָך קיינער נישט דערקלערן. וועט מען מוזן וואַרטן ביז ס׳וועט קומען אַ געטלעכער מאַן וואָס וועט אַלץ פֿאַרטייטשן. ביז ער קומט נישט — איז קיין זאַך נישט קלאָר, נישט פֿאַרשטענדלעך.

אין די אַלע דערקלערונגען איז וויכטיק אונטער־צושטרייַכן איין זאַך: מען זוכט אויסטייַטשונגען אויף די געשעענישן נישט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, נישט אין סאָוועטישן ייִדנטום, נאָר ערגעץ אַנדערש. אָבער קיינעם פֿאַלט נישט אײַן אַ טראַכט צו טאָן: אפשר זענען די פֿאָרשטעלונגען, די מיינונגען, וואָס זענען דאָ געבראַכט געוואָרן וועגן ראַטן־פֿאַרבאַנד און די סאָוועטישע ייִדן פשוט פֿאַלשע? אפשר האָט מען נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט די גייסטיקע ווערטן, וואָס די סאָוועטישע ייִדן האָבן געשאַפֿן? דאָס טוט מען נישט. מען דערגייט אין די אַרויסזאָגונגען ביז שענדלעכן כוליגאַניזם, צו וועלכן עס איז שווער צו געפֿינען אַ גלײַכן. נישט לאַנג האָט דער דיכטער יוסף קערלער, מיט פֿאַרדרוס און צאָרן, דערציילט אויפֿן אָוונט אין שלום עליכם־הויז, וואָס איז געווען געווידמעט דער 20טער יאָרצײַט פֿון די אויסגעמאָרדעטע ייִדישע שרייבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַז גראָד אין יענע טעג איז אין אַ בײַלאַגע צו אַ צײַטונג אין עברית געווען אָפּגעדרוקט, אַז די אומגעבראַכטע ייִדישע שרײַבער זענען קרבנות, אָבער

עצות. ועוד שאלה אחת דורשת תשובה: איך להסביר, שדווקא שלוש — ארבע שנים לאחר מלחמת ששת הימים, כה גברו המאבק ושיטות הלחימה של היהודים? יצאתי מרוסיה בפברואר 1971. איש לא היה מסוגל אז לתאר לעצמו, שאפשר יהיה להשתמש במערכה באמצעים כאלה ובהיקף כזה.

יש עוד סברה: נס. ונס הרי אינו ניתן לפירושים. חייבים לחכות עד שיבוא האיש הפליא, שיתרץ קושיות ואבעיות. כל עוד לא בא, שום דבר לא ברור ולא מובן.

בכל הפירושים האלה צריך להדגיש דבר אחד: מחפשים הסברים למאורעות לא בברית-המועצות, לא ביהדות הסוביטית, אלא בכל מקום שהוא בעולם. אולם לא עולה בדעתו של שום איש המחשבה: אולי הסברות והדעות, שהובאו לעיל על ברית-המועצוה ועל יהודיה, פשוט אינן נכונות. אולי לא העריכו נכונה את הערכים הרוחניים, שיצרו היהודים הסוביטיים? בזה אין עוסקים. מגיעים בהתבטאויות שונות לחוליגניות בזויה, שאין דומה לה. המשורר יוסף קרלר סיפר לא מזמן בכעס ובצער בבית שלום-עליכם בערב מוקדש ליום העשרים לרציחתם של הסופרים היהודים בברית-המועצות, שדווקא בימים ההם הופיעה במוסף לעיתון עברי דעה, שהסופרים שהושמדו היו אמנם קרבנות, אולם קדושים הם לא היו. זה לא ניתן להבין, לא ניתן להשיג! לא די לנו בסלקציות האיומות,

קיין קדושים זענען זיי נישט. עס איז דאָך ממש נישט צו באַגרייפן, נישט צו באַנעמען! עס זענען נאָך ווייניק די שווידערלעכע סעלעקציעס, וואָס ייִדן־פּײַנט האָבן דורכגעפירט איבער לעבעדיקע ייִדן — פירט מען דורך דאָ, אין ישראל, אַ סעלעקציע, אַ סאָרטירונג איבער די טויטע, וועלכע מען האָט אומגעבראַכט אַלס ייִדן: ווער עס איז נאָר אַ קרבן, און ווער עס איז אויך אַ קדוש. דער אמת איז: ווער עס איז אומגעקומען ווײַל ער איז אַ ייִד — איז אַ קדוש. אפילו די מישלינגען, וועלכע די הלכה אָנערקענט נישט אַלס ייִדן, מוזן ייִדן פאַררעכענען פאַר קדושים, ווײַל מען האָט זיי אומגעבראַכט פאַר דעם טייל ייִדיש בלוט, וואָס האָט אין זיי געפלאָסן. צוליב אונדזער בלוט זענען זיי אומגעקומען!

ס׳איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז צווישן די מיליאָנען אומגעבראַכטע, זענען געווען אויך נישט קיין צדיקים. צוליב אונדזער מענטשלעכער און ייִדישער עקזיסטענץ זענען מיר פאַרפליכטעט נישט בלויז זאָגן, נאָר אפילו אונטערשרײַבן די אייגענע חסרונות, ווײַל מען מוז אויסראָטן דאָס שלעכטס, וואָס איז געווען און איז פאַראַן אין אונדז און צווישן אונדז. נאָר קיינער האָט קיין רעכט נישט צוצונעמען אפילו בײַ מינערווערטיקע ייִדן דעם רום פון קדושים, אויב זיי זענען אומגעקומען ווי ייִדן.

איך וויל איבערגעבן, ווי ווײַט דאָס איז פאַר מיר מעגלעך, מײַנע אײַנדרוקן וועגן ייִדישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פאַרלויף פון איבער 50 יאָר — פון הארבסט 1920 ביז אָנפאַנג 1971. איך בעט לייגן אַכט, אַז דאָס זענען בלויז אײַנדרוקן. איך האָב זיך נישט פאַרנומען ספּעציעל מיט לערנען דאָס לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, אפילו אין דער מאָס, ווי דאָס איז מעגלעך געווען.

איך געפין פאַר נייטיק צו זאָגן וועגן זיך אַ פּאָר ווערטער.

שביצעו שונאי ישראל על יהודים חיים — עורכים פה בישראל סלקציה בין המתים, שהושמדו כיהודים: מי מהם הוא קרבן בלבד, ומי מהם גם קדוש. האמת היא: כל מי שנספה כיהודי קדוש הוא. אפילו את הצאצאים מנישואי תערובת, שההלכה אינה מכירה בהם כיהודים, אנו מצווים לראות כקדושים, כי נספו בגלל חלק הדם היהודי שנזל בעורקיהם. בגלל דמנו הושמדו!

ברור לכול, שבין המיליונים שהוכחדו היו גם לא צדיקים גמורים. למען קיומנו היהודי והאנושי מחויבים אנו לומר, ואפילו להדגיש, את מגרעותינו אנו, כי מצווים אנו לבער את הרע, שהיה ועדיין קיים בקרבנו, אולם אף לאחד לא ניתנה הרשות לשלול, אפילו מהיהודים הנחותים, אם רק נספו כי־הודים, את התואר — קדושים.

☆

רצוני למסור, עד כמה שכוחי יגיע, את התרש־מותי מהחיים היהודיים בברית־המועצות במשך חמי־שים שנה ומעלה — מסתיו 1920 ועד התחלת שנת 1971. אני מבקש לשים לב, שאלה הן התרשמויות בלבד. לא התעסקתי בחקירת החיים של היהודים הסוביטיים, אפילו במידה שאפשר היה לעשות זאת.

היות ובחיבורי הקודם נגעתי פה ושם בנושא זה, לא אוכל להימנע מחזרות באותו עניין.

אני מוצא לנחוץ להשמיע מילים אחדות:

אין די יאָרן 1918—1920 בין איך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין בריסק — דאָרט איז געווען אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פריִער ווי אין פוילן האָט זיך אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אין אויגוסט 1920, נאָכן דורכפאַל פון דער רויטער אַרמיי אין איר מאַרש אויף וואַרשע, האָב איך זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין אירע רייען. די סאָוועטישע ווירקלעכקייט אין דער אַרמיי, און נאָך מער נאָך דעם ווי מען האָט מיך דעמאָביליזירט, האָט אויף מיר געמאַכט ממש אַ שווידערלעכן איינדרוק. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז נישט דאָס איז דער וועג צו אַ בעסערער אַלמענטשלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אין האַרבסט 1921 האָב איך אָנגעגעבן אַ מעלדונג, אַז איך טרעט אַרויס פון דער פּאַרטיי. פון דאַן אָן, ביזן פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך אין מערסטנס פראַגן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך דאַרף צוגעבן, אַז כאָטש אין מיין באַוווסטזיניק לעבן איז נישט געווען אפילו קיין קורצע צייט איך זאָל נישט פילן און וויסן, אַז איך בין אַ ייִד (איך בין שטענדיק געווען אַ ייִד נישט נאָר פון מיין געבורט, נאָר מיט מיין גאַנצן וועזן), דאָך האָט די סאָוועטישע פּאָליטיק אין דער ייִדן־פראַגע קיין באַזונדערן אָרט נישט פאַרנומען אין מיין געדאַנקען־גאַנג. איך האָב שטענדיק באַנומען, און באַנעם אויך איצט, אַז די גרויזאַמסטע טאַטן קעגן ייִדן זענען נאָר אַ רעזולטאַט פון דער גרויזאַמקייט פון דעם רעזשים צו אַלץ און צו אַלעמען. און כאָטש, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך זיך ספּעציעל נישט פאַרנומען מיט דער ייִדן־פראַגע, האָב איך אַלע יאָרן מערסטנס — געלעבט צווישן ייִדן, און נאָך וועלכע ייִדן! וועגן די איינדרוקן, וואָס איך האָב אין פאַרשיידענע פּעריאָדן באַקומען, וועל איך שרייבן.

בשנים 1918 — 1920 הייתי חבר פעיל בארגון הקומוניסטי בפולין. באוגוסט 1920, אחרי המפלה של הארמיה האדומה במסעה לוורשה, התגייסתי לצבא האדום. המציאות הסוביטית בצבא, וביתר שאת אחרי התגייסותי, עשתה עלי רושם איום. הגעתי למסקנה, שלא זו הדרך, המובילה למשטר חברתי וכלל-אנושי יותר טוב. בסתיו 1921 הודעתי, שאני עוזב את המפ־לגה. מאז ועד יציאתי מברית-המועצות התייחסתי בשלילה למדיניות של המפלגה הקומוניסטית. עלי להוסיף, שאם כי בהכרתי לא היה אפילו רגע אחד, שלא ידעתי ולא חשתי, שאני יהודי (הייתי מאז ומתמיד יהודי לא רק לפי מוצאי, אלא בכל ישותי), לא תפסה המדיניות הסוביטית בשאלה היהודית מקום מיוחד בהלך מחשבתי. תמיד תפסתי — ותופס גם היום — שאפילו המעשים הנוראים ביותר נגד היהודים היו אך ורק תוצאה מאימי המשטר בכלל. אולם, אף על פי שלא התעניינתי במיוחד בשאלה היהודית, חייתי רוב שנותי בין יהודים, ועוד איזה יהודים! על ההתרשמויות, שספגתי בתקופות השונות, אכתוב.

☆

כשנסוג הצבא האדום, השאיר אחריו את האוכ־לוסיה היהודית בעיירות ובכפרים שרויים בפחד ובייאוש. היהודים האלה סבלו במידה גדושה הן מהשילטון האזרחי (ראווקום) והן מהצבא האדום בימים המעטים, שהשלטון היה בידם: ההפקעות האין-סופיות

☆

ווען די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן, האָט זי איבערגעלאָזט די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט־לעך און דערפער אין שרעק און אין פאַרצווייפלונג. די דאָזיקע יידן האָבן זיך גענוג אָנגעליטן, סיי פון דער ציווילער סאָוועטן־מאַכט (רעווקאָמען) און סיי פון דער רויטער אַרמיי, פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט: די אומענדלעכע קאָנפיסקאַציעס פון אַלץ, אין וואָס די רויטע אַרמיי האָט זיך געניטיקט, דאָס אײַנקוואַרטירן מיליטער־לײַט און זייערע מיטאַרבעטער אין די וווינונגען, אין בתי־מדרשים און שולן, וואָס גאַנץ אָפט פלעגט עס באַגלייט ווערן מיט גאָט־לעסטערונג, וואָס האָט שטאַרק אָנגערירט די רעליגיעזע געפילן פון פיל יידן א.א.וו. דאָך האָט די יידישע באַפעלקערונג געוווּסט, אַז די אַלע עוולות ווערן קעגן איר באַגאַנגען נישט דערפאַר ווײַל זיי זענען יידן. מען טוט דאָס אַזוי מיט אַלעמען, מען שפּאָט אָפּ פון אַלע גלויבנס. אפילו די געקריוודעטע האָבן זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן, אַז מען טוט זיי אָן שלעכטס נאָר דערפאַר ווײַל זיי זענען יידן.

נאָכן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי, זענען אַרײַן די פּוילישע און בולאַק־באַלאַכאָוויטשעס אַר־מייען. אין זכרון זענען נאָך פריש די גוואַלדטאַטן, וואָס די דאָזיקע אַרמייען האָבן אָפּגעטאָן קעגן יידן, בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען יידן. ווען די רויטע אַרמיי איז געווען אין די געגנטן, איז געווען שלעכט, איניקע פאַמיליעס — אָפילו זייער שלעכט, אָבער נישט דערפאַר, ווײַל זיי זענען יידן. די פּוילישע און דערהויפּט בולאַק־באַלאַכאָוויטשעס סאָלדאַטן האָבן געוווּסט, אַז יידיש גוטס, יידיש בלוט איז הפקר. די רויטאַרמייער האָבן געוווּסט, אַז פאַר איזדעקעוועון זיך איבער יידן קען מען באַצאָלן מיטן לעבן.

אין זכרון האָט זיך אײַנגעקריצט אַזאַ בילד. אַ

של המצרכים, שלהם היה זקוק הצבא, אכסון אנשי הצבא ופקידיהם בבתיהם, בבתי המדרש ובבתי הספר, שהיה מלווה לעתים קרובות בחילול השם, שפגע עד למאוד ברגשות הדתיים של היהודים וכו'. על אף הכול ברור היה לאוכלוסיה היהודית, שכל העוול כלפיה אינו נגרם לה בשל היותה יהודית. זה היה גורל כל התושבים. היו מפקיעים את רכוש כולם והופכים לצחוק את כל הדתות. אפילו הנפגעים בעצמם לא יכלו להתאונן, שמציקים להם בגלל מוצאם היהודי.

אחרי נסיגת הצבא האדום נכנסו הארמיות הפו־לניות ושל בולק בלכוביץ'. שמורות עוד בזיכרוני הפרעות, שעשו הארמיות האלה רק ביהודים בלבד. כשהיה הצבא האדום באזורים האלה היה רע, ולמש־פחות מסוימות — אפילו רע מאוד, אולם בלי שום קשר למוצאן. לחיילים הפולנים, ובמיוחד לאלה של בולק בלכוביץ', היה ידוע, שרכוש יהודי ודמו הפקר הם. חיילי הצבא האדום ידעו, שעבור התעללות ביהודים משלמים לפעמים בחיים.

נחרתה בזיכרוני תמונה זו: מזג האוויר לח, סתווי. הארמיה האדומה נסוגה. פתאום מופיעה יהודיה ומצביעה על שני חיילים, ששדדו אותה לפני כשעתיים. במקרה נמצא שם באותו הרגע היושב ראש של הטריבונל המהפכני. נמוך, מבטאו הרוסי היה גרוע ביותר. אמרו עליו שהיה רוטין. תיכף הקהילו מספר רב של חיילים, כדי שיהיו נוכחים במשפט. אחד

האַרבסטיקער נאַסער וועטער. די אַרמיי טרעט אָפּ. פּלוצעם קומט אַ ייִדישע פרוי און ווײַזט אָן אויף 2 רויטאַרמייער, וואָס האָבן זי מיט אַ פּאָר שעה צוריק באַראַבעוועט. גראָד איז אויפן אָרט געווען דער פאַר־זיצער פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. אַ קלײנינקער. ער האָט געערדט רוסיש מיט זײער אַ שלעכטן אַקצענט. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ רומיין. אויפן אָרט האָט מען צונויפגעזאַמלט וואָס מער רויטאַר־מייער, זיי זאָלן בײַזײַן אויפן פּראָצעס. איינער פון די באַשולדיקטע — אַ פויער פון אַ דאָרף, וועלכער איז דאָ נישט לאַנג אַרײַנגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי פרײַוויליק — האָט זיך גלייך מודה געווען. דער צווייטער האָט אין אָנפאַנג געלייקנט און דערנאָך זיך אויך מודה געווען. דערצו האָט מען בײַ אים אין אַרמיי־זאַק געפונען אַ טייל פון די זאַכן, וואָס ער האָט בײַ דער ייִדישער פרוי צוגענומען — אַלץ קליי־ניקייטן. דער גאַנצער פּראָצעס, מיטן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, האָט געדויערט בײַ אַ האַלבער שעה. דער אורטייל איז געווען: דערשיסן. קיין צייט צו פאַרהאַלטן זיך איז נישט געווען. מיר האָבן געדאַרפט אָפּטרעטן. האָט מען אויפן בית־עולם וואָס איז געווען דערנעבן גלייך אויסגעפירט דעם אורטייל. מיר האָבן דערציילט די אַרמייער וואָס זענען בײַגעווען די עקזע־קוציע, אַז דער פויער האָט געוויינט, זיך געצלמט. דער צווייטער האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט אויסצו־דרייען זיך מיטן רוקן: שיס גלייך! אינטערעסאַנט, אַז דער צווייטער איז געווען... אַ ייִד פון פינסקער אונטערוועלט. דאָס האָבן מיר געזאָגט ייִדישע אַר־מייער. זיי האָבן אים געקענט, ריכטיקער: געוווּסט וועגן אים.

ביזן שליסן פרידן מיט פּוילן בין איך געווען אין אַזעלכע ערטער, וואָס זענען, ביזן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אויף וואַרשע, נישט געווען קיין סאָ־וועטישע. זיי זענען נאָכן שלום־אָפּמאַך אויך נישט

הנאשמים, איכר, שלא מזמן התגייס לצבא האדום, הודה באשמה. השני התכחש תחילה ולבסוף הודה אף הוא. בתרמילו נתגלה חלק מהחפצים, שנשדדו מהאישה היהודיה — דברים פחותי-ערך. כל המשפט, כולל הוצאת פסק-הדין, לא נמשך יותר מחצי שעה. פסק-הדין היה: מוות בירייה. הזמן היה דחוף ואי אפשר היה להתמהמה, כי מוכרחים היו לסגת. בבית-העלמין שנמצא בקרבת מקום נכרה במהירות קבר ופסק-הדין בוצע. החיילים שנכחו במשפט סיפרו לי, שלפני ביצוע פסק-הדין התייפח האיכר והצטלב. השני סרב אפילו לפנות עורף ליורים: ירה מיד! מעניין — השני היה יהודי מהעולם התחתון בפינסק. זאת מסרו לי החיילים היהודים. הם הכירו אותו, יותר נכון: שמעו עליו.

עד כריתת ברית-שלום עם פולין שהיתי במקומות שעד התקפת הצבא האדום על וורשה לא היו מעולם סוביטיים. גם אחרי חוזה-השלום לא הפכו לסוביטיים. מקומות אלה עברו לפולין. אולם תמיד נתקלתי שם ביהודים שמאלנים מאוהדי הקומוניזם. לא מעטים מבין הנוער היהודי התנדבו לצבא האדום: בלתי-מפלגתיים, בונדאים, פועלי-ציון וציונים כלליים. מאלה האחרונים פגשתי כעבור שנה במוסקבה. הם למדו שם באוניברסיטה. מבריסק עצמה עברו לרוסיה הסוביטית הרבה מאוד בונדאים, חברי פועלי-ציון ובלתי מפלגתיים. אחד מהם, פעיל בארגון פועלי-ציון (חבר נעורי — ריבצקי) נשלח בחזרה על ידי השלטון הסוביטי לבריסק

געוואָרן קיין סאָוועטישע. די ערטער זענען אַריבער צו פּוילן. אָבער אומעטום האָב איך זיך בײַ ייִדן אָנגעשטויסן אויף אַ פּראָסאָוועטישע שטימונג. נישט ווייניק פון דער ייִדישער יוגנט איז פרײַוויליק אַרײַנגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי: אומפּאַרטייִישע, בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן און סתם ציוניסטן. אַ טייל פון די לעצטע, אייניקע, האָב איך אין אַ פּאָר יאָר אַרום געטראָפן אין מאָסקווע. זיי האָבן דאָרט געלערנט אין אוניווערסיטעט. עס זענען פון בריסק אַליין אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד זייער פיל בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן און אומפּאַרטייִשע. איינעם, אַן אַקטיוויסט אין דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (מיינער אַ יוגנט חבר — ריבאַצקי), האָט די סאָוועטן־מאַכט צוריקגעשיקט קיין בריסק מיט אַ ספּעציעלער אויפגאַבע. מ׳האָט אים געכאַפּט און פאַרורטיילט צום טויט. ווי צו מיר איז דערגאַנגען, האָט ער אין דער לעצטער רגע אויסגערופן: זאָל לעבן די ראַטן־מאַכט! זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע! אייניקע פון דער ציוניסטישער יוגנט, וועלכע זענען פרײַוויליק אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי און געווען מיט מיר אין איין אָפּטיילונג, זענען אין די צוואַנציקער יאָרן געווען אין דער קאָלאָניע אונטער מאָסקווע, ווו זיי האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. איך בין כמעט זיכער, אַז אויב עס לעבט דאָ אין ישראל נאָך ווער פון די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט יענעם וועג, פאַרנעמט ער זיך אויך מיט פאַראורטיילן די סאָוועטישע ייִדן, דערפאַר וואָס זיי זענען געווען פאַר סאָוועטן־מאַכט...

איך האָב זיך געטראָפן שפּעטער מיט ייִדן פון מינסק, באָברויסק, באָריסאָוו, האָמעל, מאָגיליאָוו, מאָסקווע און מיט ייִדן פון אוקראַיִנע — אַלע האָבן געלעבט שלעכט, מ׳האָט אַ היפּש ביסל צוגעהונגערט, נאָר אַלע האָבן נאָך געלעבט מיט דער שרעק פאַר

בשליחות מיוחדת. הוא נתפס ונידון למוות. נמסר לי, שברגע האחרון של חייו צעק: תחי ברית-המועצות! תחי המהפכה העולמית! אחדים מהנוער הציוני, שהתנדבו לצבא האדום ונמצאו אתי באותה מחלקה, היו בשנות העשרים בחווה ליד מוסקבה והתכוננו לעלות לפלסטינה. אין לי כמעט צל של ספק, שאם מישהו מהם, שעבר את הדרך הארוכה-ארוכה, חי כעת בישראל, הוא אינו נרתע מלהאשים את היהודים הסוביטיים, על שהיו בעד השלטון הסוביטי...

במרוצת הזמן נפגשתי עם יהודים ממינסק, מבוברויסק, בוריסלאוו, מהומל, ממוגיליוב, ממוסקבה, ועם יהודים מאוקראינה — כולם חיו במחסור, רעבו הרבה, ועליהם אימת הפרעות, שאורגנו על ידי מתנגדי הסוביטים. לכל אחד היו טענות מסוימות. טענות בעלי-אופי יהודי. אולם כולם היו מסורים לשלטון הסוביטי, וכולם היו מוכנים להקריב את חייהם למען שלטון זה. לא מפני שהכול היה ישר בעיניהם. להיפך, הרבה תופעות לא נראו להם, ובעיקר אלה, שהיתה להן איזושהי שייכות ליהודים. לשמע הערותי הבקורתיות היו מגיבים בכאב ומאשימים אותי בקוסמופוליטיזם. יהודי מצווה להיות פרוסוביטי. העולם הנאור סייע תמיד בכול לצבא הקונטררבולוציונרי ולכנופיות, ששפכו כל כך הרבה דם יהודי. שחיטת היהודים לא נגעה לליבו. היה בידי עולם זה, לו רק היה רוצה, להפסיק את הטבח. די היה לאיים על מתנגדי הסוביטים, שכל

פּאָגראָמען און מיט די איבערלעבענישן פון פּאָגראָמען, וואָס די קעגנער פון די סאָוועטן האָבן דורכגעפירט. יעדערער האָט געהאַט געוויסע טענות, ריין ייִדישע טענות, נאָר נאָך אַלעמען זענען זיי געווען איבערגעגעבן דער סאָוועטן-מאַכט. זיי זענען גרייט געווען דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַר דער סאָוועטן-מאַכט. נישט ווײַל אַלץ איז געפעלן. פאַרקערט. פיל דערשיינונגען זענען זיי מער ווי נישט געפעלן געווען, דערהויפּט די, וואָס האָבן געהאַט אַ וועלכע עס איז שייכות צו ייִדן. אויף מײַנע אַלגעמיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן דער סאָוועטן-מאַכט פלעגן זיי רעאַגירן ממש קרענקלעך. איך בין, פלעגן זיי זאָגן, אַ קאָסמאָפּאָליט. אַ ייִד מוז זיין פּראָסאָוועטיש. די ציוויליזירטע וועלט האָט געהאָלפן מיט אַלץ די אַלע קאָנטעררעוואָלוציאָנערע אַרמייען און באַנדעס, וועלכע האָבן פאַרגאָסן אַזוי פיל ייִדיש בלוט. די שחיטות פון ייִדן איז איר וויניק אַנגעגאַנגען. וואָלט זי געוואָלט, וואָלט זי זיי גאַנץ לייכט געקאָנט אָפּשטעלן. בלויז מיטן דראָען די קעגנער פון דער ראַטן-מאַכט, אַז אויב זיי וועלן דערלאָזן פּאָגראָמען, וועט מען זיי מער קיין הילף נישט געבן, וואָלט געווען גענוג די פּאָגראָמען אָפּצושטעלן. מיר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן: יאָ, איך בין אַן איבערצײַגטער ציוניסט, קיינער און קיין זאַך וועט עס פון מיר נישט אַרויסרײַסן, נאָר ביזן פאַרווירקלעכן די אידעע פון ציוניזם איז נאָך ווײַט און די מעגלעכקײַטן פון פּאָגראָמען, אויב מען וועט פאַרניכטן די סאָוועטן-מאַכט, איז זייער נאָענט. איינער אַ ציוניסט האָט דעם זעלבן געדאַנק פאַרמולירט אַזוי: אַלע פּאַרטייען האָבן אַ מינימום-פּראָגראַם און אַ מאַקסימום-פּראָגראַם. פאַר די סאָוועטישע ייִדן דאַרף זײַן דער מינימום-פּראָגראַם דאָס פאַרטיידיקן די סאָוועטן-מאַכט, אויב נישט, וועט מען אַלע ייִדן אומברענגען. דער מאַקסימום איז ציון, ווײַל קיין אַנדער לייזונג פאַר דער ייִדן-פּראָגע איז

סיוע ייפסק מהם, אם לא ישימו קץ לפרעות. לא פעם נזדמן לי לשמוע: כן, אני ציוני משוכנע. אף אחד לא יעקור מליבי הכרה זו. אולם עד הגשמת האידיאה הציונית יעבור זמן רב, ואפשרויות של פרעות עם תבוסת השלטון הסוביטי, הן ממשיות בכל זוועתן. אחד מהם, שהיה ציוני, הגדיר את הרעיון הזה בצורה זו: לכל מפלגה יש תכנית-מקסימום ותכנית-מינימום. תכנית-המינימום של היהדות הסוביטית צריכה להיות — הגנה על השלטון הסוביטי. אחרת — יושמדו כולם. המקסימום — זאת ציון, כי פתרון אחר לשאלה היהודית אינו בנמצא. וכך אין שום סתירה בין ציונות לבין פרוסוביטיות.

הכרתי אדם אחד, שהפך לי לידיד, שעלה בידו להתקבל ע"י קלינין. והוא ביקש ממנו להרשות לארגן יחידה צבאית יהודית, שתילחם בנאצים בכל החזיתות. הוא סיפר לי, כי קלינין הסביר לו, שנגד יחידה כזאת ירכז השונא את כל כוחותיו כדי להשמידה. יהודים כאלה, המוכנים בכל ליבם לצאת נגד הארמיות הלבנות, יכולים במסגרת הצבא הכללית להביא תועלת יותר רבה. ידידי זה היה לפי הכרתו ציוני. בהיותו סטודנט נחה דעתו מהיחס הרשמי לשפה העברית. את האשמה הוא תלה ביבסקים. הממשל הקציב אפילו כסף בשביל „הבימה", וחברי הממשלה היו מבקרים בתיאטרון. בלי שום ספק, היו מרשים גם להוציא ספרים בעברית, לולא היבסקציה. לאחר הצאריזם והפרעות במלחמת-

נישטאָ. אַזוי אַז עס איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן ציוניזם און פּראָסאָוועטיזם.

איך האָב געקענט איינעם, ער איז מיר געוואָרן אַ נאָענטער פריינד, וואָס האָט זיך דערשלאָגן, אַז קאַלינין זאָל אים אויפנעמען. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים דערלויבן אָרגאַניזירן אַ מיליטערישע אָפּטיילונג בלויז פון ייִדן, וואָס זאָלן זיך שלאָגן אויף די פראָנטן. ער האָט דערציילט, ווי קאַלינין האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קעגן אַזאַ אָפּטיילונג וועט דער פיינט קאָנצענטרירן אַלע זיינע קרעפטן און וועט זי גלייך פאַרניכטן. אַזעלכע ייִדן, וואָס זענען אַזוי גרייט צו קעמפן קעגן די ווייסע אַרמייען, קענען אין אַלגעמיינע אַרמייִשע טיילן זיין נוצלעכער. מיין פריינד איז געוועזן לויט זיינע איבערצייגונגען אַ ציוניסט. אַלס סטודענט האָט ער געלעבט פון פּריוואַטע לעקציעס, אויף עברית. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער איז געוועזן אומצופרידן מיט דער אָפיציעלער באַציִונג צו העברעיִש, אָבער באַשולדיקט האָט ער גאָר די יעווסעקן. די רעגירונג האָט אַסיגנירט אפילו געלט פאַר דער „הבימה״, און מיטגלידער פון דער רעגירונג פלעגן באַזוכן דעם טעאַטער. די רעגירונג וואָלט נאָך דערלויבט אַרויסצוגעבן ביכער אין העברעיִש, נאָר די יעווסעקן האָבן נישט דערלאָזן. נאָכן צאַריזם, נאָך די פּאָגראָמען אין דער צייט פון בירגערקריג, איז סאָוועטן־מאַכט דאָס בעסטע וואָס מ׳קען זיך פאַרשטעלן. ייִדן זענען כאָטש זיכער מיטן לעבן. ביי מערסטנס ייִדן האָב איך געטראָפן אַזאַ שטימונג.

☆

נאָכן בירגער־קריג, נאָך דעם ווי מען האָט איינגעפירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק (נעפּ), האָט זיך אין לאַנד געשאַפן אַזאַ לאַגע: אין אָפענעם קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט זענען די קעגנער באַזיגט, זייערע הויפּט־אָנפירער זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. די קלענערע, נישט אָנגעזעענע פירער און די סאָלדאַטן

האזרחים, השלטון הסוביטי הוא הטוב ביותר, שאפשר לתאר. היהודים בטוחים, לפחות, בחייהם. הלך רוח זה מצאתי אצל רוב היהודים.

☆

אחרי מלחמת האזרחים, אחרי הנהגת המדיניות הכלכלית החדשה („נאפ"), נוצר ברוסיה מצב כזה: במלחמה הגלויה נגד הסוביטים הוכרעו מתנגדיהם, ראשי מנהיגיהם ברחו לחו"ל. הפחות חשובים, הזוטרים והיילי הארמיות הלבנות נשארו ברוסיה. אחדים מהם החליפו את מקום מגוריהם, ויתרם נשאר במקום. כולם חיו לפי רצונם בפריקת-עול. להשמיד את כולם אי אפשר היה וחסר תועלת. אלה מהם, שהשתייכו לכנופיות פרטיזניות, הושמדו. עם היתר צריך היה באיזשהו אופן להשלים. כלכלת המדינה נחרבה כליל. מצוקת הרעב גדלה. המדיניות הכלכלית החדשה היתה חייבת לשקם את משק המדינה ולהקטין את מספר הבלתי-מרוצים. אולם ברוסיה נמצאים הרבה אנשים, במיוחד בין המיעוטים הלאומיים, שאינם מרוצים ממעמדם הלאומי (הקונטררבולוציה ניצלה את ההר־גשה הזאת כמיטב יכולתה). לכן צריך היה לאפשר להם לפתח את תרבותם הלאומית, כמובן, תחת עינה הפקוחה של המפלגה. את השוויון הלאומי צריך להנהיג לא רק באופן פורמלי: במקום ר.ס.פ.ס.ר., ועוד כמה רפובליקות גדולות, צריך להקים ס.ס.ס.ר. עם הרבה רפובליקות לאומיות. כל רפובליקה, והעמים הקטנים

פון די אַרמייען זענען געבליבן אין לאַנד. אייניקע האָבן געביטן זייערע וווינערטער, די איבעריקע האָבן דאָס אויך נישט געטאָן. זיי אַלע לעבן פראַנק און פריַי. אַלעמען פאַרניכטן איז אוממעגלעך און אומנוצלעך. די וואָס אָרגאַניזירן זיך אין פאַרטיזאַנישע גרופּן פאַרניכטעט מען. מיט די איבעריקע דאַרף מען זוכן וועגן צו מאַכן שלום. דאָס לאַנד איז עקאָנאָמיש פולשטענדיק רויִנירט. דאָ איז נאָך צוגעקומען דער שרעקלעכער הונגער. די נייַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק וועט העלפן אויפשטעלן די ווירטשאַפט, זי וועט פאַרקלענערן די צאָל אומצופרידענע אין לאַנד. אָבער אין לאַנד זענען פאַראַן פיל מענטשן, דערהויפּט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייַטן, וועלכע זענען נישט צופרידן מיט זייער נאַציאָנאַלן צושטאַנד (די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט די אומצופרידענע גוט אויסגענוצט). מען דאַרף זיי דעריבער געבן פולשטענדיקע מעגלעכקייַטן צו אַנטוויקלען זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן, זיכער, אונטערן קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי. מען דאַרף געבן נאַציאָנאַלע גלייַכהייַט נישט נאָר פאָרמעל: אויפן אָרט פון ר.ס.פ.ס.ר. און נאָך אַ פּאָר גרויסע רעפּובליקן מוז מען שאַפן ס.ס.ס.ר. מיט פיל נאַציאָנאַלע רעפּובליקן. קלענערע פעלקער אין יעדער רעפּובליק דאַרף מען געבן אויטאָנאָמיע און דערהויפּט איז נייטיק צוטיילן זיי פולשטענדיקע רעכט צו אַנטוויקלען די קולטורן פון אַלע פעלקער אין זייער אייגענער שפּראַך.

די נעכטיקע קעגנער האָבן פון זייער זייַט געזאָגט: מיר זענען מיליטעריש באַזיגט, נאָר דעם זיגער האָט עס געקאָסט אַזוי טייַער, אַז ער האָט געמוזט ענדערן זייַן פּאָליטיק — דערהויפּט אין עקאָנאָמישע פראַגן. דאָס לאַנד, דאָס פאָלק איז געבליבן. די פאַרלוסטן זענען שרעקלעכע. מיר דאַרפן דינען דעם פאָלק, אפילו ווען עס פירן מיט אים אָן די באָלשעוויקעס. מיר דאַרפן מיטאַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס און

שבה, יקבלו אוטונומיה. והעיקר, מוכרחים לאפשר פי־תוח התרבויות של כל העמים בלשונותיהם.

המתנגדים מאתמול עשו בינם לבין עצמם חשבון כזה: מבחינה צבאית אנחנו מנוצחים, אולם למנצח עלה הניצחון ביוקר רב, לכן היה מוכרח לשנות את מדיניותו, במיוחד בשאלות כלכליות. הארץ והעם נשארו. האבידות איומות. עלינו לשרת את העם, אפילו כשמנהיגיו בולשביקים. עלינו לשתף פעולה עם הבול־שביקים ולהשפיע עליהם, שייטיבו את דרכם. וכך נוצרה תנועה, שהרוסים קראו לה „סמאנה וואך", ז.א. החלפת העמודים, המציינים את כיוון הדרך. אעפ"י ששם התנועה לקוח משם ילקוט המאמרים (זאַמלבוך), שהוציאו בחו"ל אינטליגנטים רוסים אַק־טיביסטים, שזה לא כבר נלחמו בבולשביקים, אבל אחרי ככלות הכול לא רק הם קבעו את מצב הדברים; ברוסיה עצמה היתה קיימת אינטליגנציה, שהגיעה לאותה המסקנה — לשתף פעולה עם השלטון והכול ישתנה לטובה.

עניין השינוי (סמאנה וואך) היה קיים גם בין עמים אחרים במדינה. אצל כולם התפתחה השאיפה לשינוי לאומי של הערכים — לשנות את הבולשביקים תוך שיתוף פעולה אתם. הממשלה היתה מרוצה מזה. דרישתה היתה אחת ויחידה — לויאליות לברית־המועצות. בימים ההם צץ המושג „לוויין" (פופוטצ'יק). את המושג הזה קבע טרוצקי. משמעותו היא, שסופר,

ווירקן אויף זיי זיי זאָלן זיך אויסבעסערן. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ באַוועגונג, וואָס ביַי די רוסן האָט עס געהייסן: „סמענא וועך" בייטן די סלופּעס, וואָס ווײַזן די ריכטונג פון וועג. כאָטש די באַוועגונג האָט באַקומען איר נאָמען לויטן נאָמען פון זאַמלבוך, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד רוסישע אינטעליגענטן אַקטיוויסטן, ערשט נישט לאַנג געוועזענע אָנטיילנעמער אינעם קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, נאָר נאָך אַלעמען איז עס געגאַנגען נישט נאָר אין זיי. אין לאַנד גופא איז פאַראַן אַ גרויסע אינטעליגענץ, וועלכע איז געקומען צום זעלבן אויספיר — מיטאַרבעטן מיט דער מאַכט און אַלץ וועט זיך ענדערן צום גוטן.

דאָס, וואָס איך האָב דאָ געשריבן וועגן „סמענא וועך" ביַי רוסן, איז אויך גילטיק פאַר אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד. ביַי אַלע איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער סמענאוועכיזם — ענדערן די באָלשעוויקעס דורך מיטאַרבעטן מיט זיי. די מאַכט איז דערמיט צופרידן געווען. זי האָט דאַן געפאָדערט איין זאַך — זײַן לאָיאַל דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דעמאָלט איז אויפגעקומען דער באַגריף „פּאָפּוטשיק", אין ייִדיש פלעגט מען עס איבערזעצן „מיטלויפער". אַרײַנגעפירט דעם באַגריף האָט טראָצקי. באַדײַט האָט עס, אַז דער אָדער יענער שרײַבער צי קולטור טוער, איז טאַקע נישט קיין קאָמוניסט, נאָר איז אויך נישט קיין קעגנער. פאַרקערט. אין פיל פאַלן אַרבעט ער מיט מיט די קאָמוניסטן. ער טוט זיך זײַן אַרבעט און ברענגט דערמיט נוצן. אַזאַ אינהאַלט האָבן אין דעם אַרײַנגעלייגט די קאָמוניסטן. די מיטלויפער האָבן עס אויסגעטײַטש אַנדערש. אַמבעסטן האָט אויסגעדריקט דעם אינהאַלט פון דער ריכטונג איינער פון די זײַלן פון דער דעמאָלטיקער רוסישער ליטעראַטור — באָריס פּילניאַק. ער האָט געשריבן (איך גיב איבער לויטן זכרון) — איך בין אויף אַזוי פיל מיט די באָלשעוויקעס,

או עסקן תרבותי זה או אחר, שאמנם אינם קומו־ניסטים, אבל גם אינם נמנים עם המתנגדים, להיפך, לעתים קרובות הם משתפים פעולה עם הקומוניסטים, עושים את מלאכתם ומביאים בה תועלת. זה היה פירוש הקומוניסטים לפעולה הזאת. השותפים לפעולה פירשו אותה אחרת. את תמצית התנועה הביע בצורה קולעת ביותר בורים פילניאק, אחד מעמודי התווך של הספרות הרוסית. הוא כתב (אני מוסר את דבריו מהזיכרון) — אני עם הבולשביקים באותה המידה שהם עם רוסיה. כמעט אצל כל העמים, המאכלסים את ברית־המועצות, היתה קיימת תנועה זו באותה משמעות.

באותו זמן נקטה הממשלה אמצעים חמורים לחי־סול פעולת המפלגות, שהוערכו כשמאליות. את הק־דאטים לשעבר, ואת הימניים מהם, רדפו פחות מאשר את האנרכיסטים, את הסוציאלדמוקרטים ואת הבונ־דאים (אלה שלא הצטרפו יחד עם מפלגת ה„בונד" למפלגה הקומוניסטית) ואת הס.ר. — סוציאל־ריבולו־ציונרים. באופן חמור ביותר התייחסו לאנרכיסטים. אולם גם את הסוציאלדמוקרטים ואת הבונדאים הגלו. נגד הס.ר. אירגנו את המישפט המפורסם בקיץ 1922. פרט אופייני: במשפט הופיע כתובע כללי אותו עורך־הדין הידוע, שלפני מספר שנים, בימי שלטון הצאר, הופיע נגד הס.ר. בימים ההם האשים אותם במהפכנות, ועתה — בקונטרריבולוציה. ב־1922 הפך את עורו. למזלו

אויף וויפל זיי זענען מיט רוסלאַנד. כמעט בײַ אַלע פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט די באַוועגונג געהאַט אַן אָרט מיטן זעלבן אינהאַלט.

אין דער זעלבער צײַט נעמט די רעגירונג אָן די שטרענגסטע מיטלען צו ליקווידירן די טעטיקייט פון די פאַרטייען, וועלכע זענען פאַררעכנט געווען, ווי לינקע. מען האָט געוויזענע קאַדעטן און די נאָך רעכטערע פון זיי וויניקער פאַרפאָלגט ווי אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בונדאָווצעס (וואָס זענען נישט אַרײַנגעטראָטן מיט דער פאַרטיי „בונד" אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי) און עסערן. אַמשטרענגסטן איז מען זיך באַגאַנגען מיט אַנאַרכיסטן, נאָר אויך סאָציאַל־דעמאָקראַטן און בונדאָווצעס האָט מען פאַרשיקט. קעגן עסערן האָט מען אָרגאַניזירט דעם באַוווסטן פּראָצעס, זומער 1922. אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: אויפן פּראָצעס איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער באַשולדיקונג איינער און דער זעלבער באַוווסטער יוריסט, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק, פאַרן צאַריזם, אַרויסגעטראָטן קעגן די עסערן. דאַן האָט ער זיי באַשולדיקט, אַז זיי זענען רעוואָלוציאָנערן, איצט — אַז זיי זענען קאָנטררעוואָלוציאָנערן. ער איז שוין אין 1922 געווען אַ סמענאָוועכאָוועץ. צו זײַן גליק האָט ער זיך גיך אומגעקערט קיין אויסלאַנד... — מיר דאַכט זיך, אַז אויך מיט ציוניסטן איז מען זיך באַגאַנגען אַ סך לאָיאַלער, ווי מיט פאָרשטייער פון לינקע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. זיכער פלעגט טרעפן, אַז אויך ציוניסטן פלעגט מען אַרעסטירן און פאַרשיקן, נאָר ווי אַ מאַסן־דערשיינונג איז עס אין יענע יאָרן, די ערשטע יאָרן נאָכן בירגערקריג, נישט געווען.

רעליגיע און גייסטלעכע האָט מען פאַרפאָלגט. בײַ מיר איז פאַרבליבן אַן אײַנדרוק, אַז די קריסטלעכע גייסטלעכע האָט מען מער פאַרפאָלגט ווי די יידישע,

מיהר וחזר לחו"ל... נדמה לי, שגם לציונים התייחסו בצורה יותר לויאלית מאשר לנציגי המפלגות השמא־ליות. בלי שום ספק, היו מקרים, שבהם נאסרו והוגלו גם ציונים, אולם כהופעה המונית בשנים ההן, השנים הראשונות אחרי מלחמת־האזרחים, לא היתה קיימת.

את הדת ואת כוהניה רדפו ללא רחם. סבורני, שהכוהנים הנוצריים נרדפו יותר מאנשי הדת היהודיים, וכל שכן המוסלמים. אולי אני טועה.

בזמן שהשלטון שאף להקטין את מיספר הבלתי־מרוצים, הוא נכנע בשטח התרבותי, במידה מסוימת, לדרישות היסודות הלאומניים של העמים, כדי שלא יוכלו לפנות לעם ולטעון: ראו, איך מדכאים את תרבותנו הלאומית. ואעפ"י שהיהודים, העיקר בגלל הפוגרומים, היו פרוסוביטיים, היו גם סיבות אחרות, שעליהן אעמוד להלן, שאפשרו גם להם לפתח את תרבותם ביידיש עד כדי כך, ששום בונדאי לא היה מעלה זאת על דעתו, ואפילו בחלומו לא היה רואה זאת. את השפה העברית רדפו הקומוניסטים היהודים בנימוק, שהיא כרוכה בריאקציה. בעיה זו לא עמדה כלל לפני המימשל המרכזי. הוא היה מוכן, כאמור, נגד רצון הייבסקים, לתמוך בתיאטרון העברי. והוא גם עשה כך, כי ברית־המועצות השתדלה, שלא יהיו בתוכה תושבים בלתי־מרוצים בענייני תרבות. לתרבות ביידיש ניתנו כאמור, אפשרויות כאלה, שמעולם לא היו לה. לא ניתן להזכיר כאן את הכול. כולנו היינו אז ממש כשיכורים.

ווער רעדט נאָך די מוסולמענישע. אפשר בין איך נישט גערעכט.

ווען די מאַכט האָט זיך באמת עס זאָלן זײַן אין לאַנד וואָס ווייניקער אומצופרידענע, האָט זי אויפן געביט פון קולטור נאָכגעגעבן די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון די פעלקער, זיי זאָלן נישט קענען קומען צום פאָלק און זאָגן: זעט ווי מען דערדריקט אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור. און כאָטש ייִדן זענען, הויפּט־זאַכלעך צוליב די פּאָגראָמען, געווען פּראָסאָוועטיש — עס זענען געווען נאָך מאָטיוון, ווי איך וועל אָנווײַזן ווײַטער — האָט מען אויך געגעבן אַזעלכע מעגלעכ־קייטן צו אַנטוויקלען די קולטור אין ייִדיש, אַז קיין בונדאָוועץ וואָלט זיך עס אפילו חלומען נישט געקענט. פאַרפאָלגט העברעיִש האָבן ייִדן, ייִדישע קאָמוניסטן, מיטן מאָטיוו. אַז העברעיִש איז רעאַקציע. פאַר דער צענטראַלער מאַכט איז אַזאַ פראַגע נישט געווען. זי איז דאָך גרייט געווען צו געבן, ווי געזאָגט, קעגן ווילן פון די יעווסעקן, הילף אויך דעם העברעיִשן טעאַטער. זי האָט עס געטאָן, ווײַל אין פראַגן פון קולטור האָט זיך דאָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באמת עס זאָלן קיין אומצופרידענע נישט זײַן. — די קולטור אין ייִדיש האָט באַקומען אַזעלכע מעגלעכקײַטן, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט. אַלץ אויסרעכענען דאָ איז אוממעגלעך. אַלע זענען ממש פאַרשיכורט געווען פון דעם. אויך פיל ייִדן אין אויסלאַנד זענען געווען באַצווי־בערט פון דעם מצב. איך האָב אַליין געהערט ווי אָפּאַטאָשו האָט אין הערצן־הויז אין מאָסקווע אויפן ייִדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1934 — אפילו נאָך אין יאָר 1934! גערופן די סאָוועטישע שרײַבער זיי זאָלן שאַפן באַדינגונגען פאַר לייוויקן, ער זאָל קענען אַריבערפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און ווי אַלע שיכורע, האָט מען זיך ניכטער נישט געקענט צוקוקן און זיך אָפּגעבן אַ קלאָרע רעכענונג פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין רעאַלן לעבן.

הרבה יהודים גם בחו"ל היו מוקסמים ממצב זה. במו אזניי שמעתי בבית-הרצן במוסקבה, בכנס הסופרים היהודים בשנת 1934 — אפילו ב־1934! — את אפר־טושו קורא לסופרים הסוביטיים ליצור תנאים כאלה, שלייזויק יוכל לעבור לברית-המועצות.

וכמו כל השיכורים, לא היינו מסוגלים להתבונן בצורה מפוכחת בחיי המציאות ולראות נכוחה, מה מתרחש בהם.

☆

ומה התרחש ?

המהפכה ביטלה את תחום-המושב. יהודים רשאים לגור בכל מקום שיבחרו. המהפכה הרסה את כל מקורות הפרנסה היהודיים בעיירות. לכן התפזרו היהודים בכל רחבי הארץ. הנוער פנה לערים הגדולות ללמוד. שום הפרעות, שום נורמת-אחוזים לא היו. צדיך היה רק להסתגל לרעב ולאגור ידע. ליהודים היה קל יותר להתקבל לעבודה מאשר למישהו אחר. ולא (כהסתת האנטישמים במשך שנים) משום שיהודי אחד מושך אחריו את השני למשרה רמה, הסיבות היו לגמרי אחרות.

אחר מלחמת-האזרחים, בערך בראשית 1922, נכנסתי לביתו של יעקב ביקין במינסק. אז התארח אצלו רוסי, חבר-מפלגה ותיק, שהיה יחד עם י. ביקין באמיגרציה בשוויצריה. והוא סיפר: צוחקים לי, שבכל פעם, שממנים אותי לעבודה אחראית, נוצר סביבי....

☆

און פאַרגעקומען איז אַט וואָס:

די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט דעם תחום המו־שב. ייִדן קענען לעבן אין גאַנצן לאַנד, וווּ־נאָר זיי ווילן. די רעוואָלוציע האָט נאָך מער צעשטערט אַלע ייִדישע פּרנסות אין די שטעטלעך. האָט מען זיך געלאָזט איבערן ברייטן און לאַנגן לאַנד. די יוגנט איז אַוועק אין די גרעסטע שטעט זיך לערנען. קיין שטערונגען, קיין פּראָצענט־נאָרמעס זענען נישטאָ. מען דאַרף נאָר קענען צוהונגערן — און אָנזאַמלען וואָס מער וויסן. אָנקומען אויף אַרבעט איז ייִדן לײַכטער, ווי ווען עס זאָל נישט זײַן. און נישט דערפֿאַר, ווי אַנטיסעמיטן האָבן יאָרן געהעצט, אַז איין ייִד שלעפּט אַרײַן אַ צווייטן אויף אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. די מאָטיוון זענען געווען גאָר אַנדערע.

נאָכן בירגער־קריג, אומגעפֿער אין אָנפֿאַנג 1922, בין איך אין מינסק אַרײַנגעקומען צו יאַקאָוו ביקין. בײַ אים איז געזעסן אַ געקומענער פֿון ערגעץ גאַסט, אַ רוס, אַ אַלטער פּאַרטייער, וואָס איז צוזאַמען מיט ביקינען געווען אין שווייצאַריע אויף עמיגראַציע. האָט ער געזאָגט: מען שפּאַסט פֿון מיר, אַז ווי נאָר איך ווער באַשטימט אויף אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ווערט אַרום מיר געשאַפֿן אַ „זשידאָווסקי קאַגאַל”. עס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק, איך בין אַן אינטער־נאַציאָנאַליסט. מיך גייט נישט אָן וועער פֿון וועלכן פֿאָלק שטאַמט. איך אַליין בין אַ רוס, נאָר איך בין פֿריִער פֿאַר אַלץ אַ רעוואָלוציאָנער און מיר זענען די אינטע־רעסן פֿון דער רעוואָלוציע טײַערער ווי אַלץ. ווען מיר קומט אוים אָנצונעמען איינעם אויף אַ פֿאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט, און עס זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע קאַנדידאַטן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס, צווישן זיי אויך אַ ייִד, איז נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז אַ ייִד, האָב איך צו אים מער צוטרוי. די זאַך באַשטייט אַט אין וואָס: איך קען יענעם אין דער נשמה נישט אַרײַנקריכן. איך

„קהל יהודוני". הם צודקים במידה רבה. אני אינטר־נציונליסט. לא איכפת לי לאיזה עם מישהו משתייך. אני רוסי, אולם קודם כל אני מהפכן ועניני הריבולוציה יקרים לי מכול. כשצריך אני לקבל מישהו לעבודה אחראית, ויישנם מועמדים שונים מעמים שונים, וביניהם גם יהודי, יש לי לזה האחרון אמון יתר, רק בגלל היותו יהודי. ודברים בגו: אי אפשר לחדור לנשמתו של הזולת. איני יודע ואיני יכול לדעת, מהו תוכו של האדם, האם הוא קונטררבולוציונר קנאי, או לא; לעולם איני יכול להיות בטוח, שאם ח"ו ישתנה משהו, ולו לזמן קצר, מבחינה מדינית, הוא לא יחשוף את שיניו האנטישמיות. ביהודי אני בוטח. אף אחד לא ישכנע אותו, שפוגרומים ואונס נשים הם דבר טוב. והתוצאה היא, שבלי כוונה תחילה, אני, אינטרנציו־נליסט ובולשביק ותיק, לוקח בחשבון, לאיזה עם שייך המועמד, ומקבל לעבודה ביתר רצון את היהודים. ענייני הריבולוציה דורשים ממני לנהוג בדרך זו.

וכך זה אמנם היה. יהודי יכול היה ביתר קלות להסתדר במשרה אחראית. כפי שכבר הזכרתי, התפזר הנוער היהודי בכל המדינה. לעתים קרובות התיישבו במקומות, שבהם היה מיספר היהודים קטן מאוד, ומעטים אלה גרו רחוק זה מזה, ונזדמנו יחד לעתים רחוקות. העבודה והדאגות היום־יומיות גוזלות הרבה זמן. בשעת העבודה משתמשים החברים בשפה הרוסית. מתיידדים עם השכנים, שעל פי רוב אינם יהודים.

ווייס נישט און קען נישט וויסן, וואָס אַ מענטש שטעלט מיט זיך פאָר, צי איז ער אַ פאַרביסענער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, צי נישט. איך קען קיין מאָל נישט זײַן זיכער, אַז אויב עס וועט זיך, כאָטש אויף אַ קורצער צײַט, עפּעס פּאָליטיש בײַטן, וועט ער נישט ווײַזן זיינע קאָנטררעוואָלוציאָנערע ציין. אין אַ יִדן בין איך זיכער. אים וועט קיינער נישט איבערצײַגן, אַז פּאָגראָמען און פאַרגוואַלדיקונגען פון פרויען איז זייער אַ גוטע זאַך. און אַזוי באַקומט זיך, נישט ווילנדיק, אַז איך, אינטערנאַציאָנאַליסט, אַלטער באָלשעוויק, נעם אין אַכט ווער צו וועלכן פאָלק באַלאַנגט, און איך נעם אָן מער גערן יִדן. די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע פאָדערן פון מיר איך זאָל אַזוי טאָן.

אַזוי איז טאַקע געווען. אַ יִדן איז געווען לײַכטער צו באַקומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

איז, ווי אויבן געזאָגט, האָט די יִדישע יוגנט פאַרלאָזט שטעט און שטעטלעך און האָט זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד. גאַנץ אָפט האָט מען זיך באַזעצט אין אַזעלכע ערטער, ווו יִדן זענען זייער ווייניק דאָ, און די וואָס זענען פאַראַן, וווינען זייער ווײַט איינער פון צווייטן און טרעפן זיך זייער זעלטן. די אַרבעט און די טאָג־טעגלעכע זאָרגן נעמען צו זייער פיל צײַט. בײַ דער אַרבעט רעדן די חברים רוסיש. מען באַפריינדעט זיך מיט שכנים, וועלכע זענען מערסטנטייל נישט קיין יִדן. יִדישע קינדער שפּילן זיך מיט אַנדערע קינדער און רעדן נאָר רוסיש. זיי גייען אין רוסישע שולן און קענען שוין נישט קיין וואָרט יִדיש. אויף דעם לייגט מען קיין אַכט נישט. מען שאַפט פלענער וואָס מער אויסצובריימערן און פאַרמערן יִדישע קולטור־אַנשטאַלטן. מ׳איז צופרידן, מען בראַווירט מיט גרויסע ציפערן, מיט גראַנדיִעזע פאַרמעסטונגען, מיט טעכניקומס, אָפּטיילונגען אין די אוניווערסיטעטן, מיט פאַרלאַגן א.א.וו. יִדישע שרײַבער שרײַבן ביכער. רעגירונגס־פאַרלאַגן גיבן זיי אַרויס אין, פאַרהעלטניש־

הילדים היהודיים משחקים עם ילדים אחרים ומדברים רוסית. הם מבקרים בבתי־ספר רוסיים ויידיש כבר אינם יודעים.

לזה אין שמים לב. בינתיים עורכים תוכניות, לפיהן אפשר היה להרחיב ולהרבות במידה ניכרת מוסדות־תרבות יהודיים. שמחים, מתגאים במספרים גדולים, בהתמודדויות ענקיות, בהקמת טכניונים ופ־קולטות־אוניברסיטה, בבתי־הוצאת ספרים וכו׳. סופרים יהודים מחברים ספרים. בתי־הוצאה ממשל־תיים מוציאים אותם לאור בהפצה גדולה יחסית, כי ידוע, שישנה רשת גדולה של ספריות והספרים יימכרו. למעשה, היתה הממשלה מוציאה כספים, מדפיסה ספרים על מנת לקנות אותם, כי הספריות היו קוני־הספרים העיקריים. איש לא ידע, באיזו מידה הספר מוצא חן, ואיזו השפעה יש לו. לא רוצים ולא צריכים לדעת. יש אנשים מומחים ב„אידיאולוגיה היחידה והאמיתית", והם מדברים בשם מעמד הפועלים, בשם ההמון ובשם העם. משימתם העיקרית היא שהספרים לא ידביקו את הפועלים באידיאולוגיה הבורגנית, הרקובה וההמונית. הכול עסוקים בהמצאת שיטות חדשות, בתגבורם והרחבתם של מוסדות־תרבות עד כדי כך, שלא נותר להם זמן לשים לב למתרחש בחיים הריאליים עצמם, לשינויים ולתהליכים החלים בהם. מצב זה הוא לא רק אצל היהודים. הממשלה נענתה, כאמור, לדרישות של המיעוטים בשטח התרבות. אם

מעסיק, גרויסע טיראַזשן, ווײַל מען ווייסט, אַ עס איז פֿאַראַן אַ נעץ פֿון ביבליאָטעקן, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן אויך פֿון דער זעלבער רעגירונג, און די ביכער וועלן פֿאַרקופֿט ווערן. פֿאַקטיש פֿלעגט די רעגירונג אויסגעבן געלט, אַרויסלאָזן ביכער, זי זאָל זיי נאָכדעם אַליין קויפֿן. ווײַל דער גרעסטער טייל ביכער פֿלעגט פֿאַרקויפֿט ווערן די ביבליאָטעקן. קיינער ווייסט נישט אויף וויפֿל דאָס בוך געפֿעלט, אָדער ווירקט. מען וויל נישט און מען דאַרף עס נישט וויסן. עס זענען פֿאַראַן מענטשן, באַוואָפֿנטע מיט דער „איינציקער ריכטיקער אידעאָלאָגיע", און זיי רעדן אין נאָמען פֿון אַרבעטער־קלאַס, פֿון די ברייטע מאַסן, פֿון פֿאָלק. די הויפּט אויפֿגאַבע זייערע איז, אַז די ביכער זאָלן נישט אָנשטעקן די אַרבעטנדיקע מיט דער פֿאַרפֿוילטער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע". אַלע זענען אַזוי פֿאַרנומען מיט שאַפֿן נײַע טעאָריעס, מיט אויסברייטערן, פֿאַרמערן קולטור אנשטאַלטן, אַז מען האָט קיין צײַט נישט זיך צוצוקוקן — וואָס עס געשעט אין רעאַלן לעבן און וועלכע פּראָצעסן עס קומען דאָרט פֿאָר. די לאַגע איז אַזוי נישט נאָר בײַ ייִדן. די מאַכט האָט, ווי געזאָגט, נאָכגעגעבן אויפֿן קולטור־געביט כמעט אַלע מעגלעכע פֿאָדערונגען פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן. אויב אין אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער רעפּובליק איז פֿאַראַן אַ ראַיאָן מיט אַ מערהײַט פֿון אַן אַנדער פֿאָלק, האָט מען רעכט צו פֿאָדערן, אַז אין דעם ראַיאָן זאָל אַלץ געפֿירט ווערן אין דער שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק, וואָס שאַפֿט דאָרט די מערהייט. אַזוי צ.ב. זענען אין אוקראַינע געשאַפֿן געוואָרן ראַיאָנען, וווּ אַלץ איז געפֿירט געוואָרן אין פּויליש. עס זענען אפילו געשאַפֿן געוואָרן צוויי שפּראַכיקע ראַיאָנען. איך האָב נאָך אין אַפּריל—מאַי 1936, ווען איך בין געצוווּנגען געווען צו בלײַבן אין דער נידער פֿון טײַך אמור, אין בוכטע מאגא, געטראָפֿן צוויי סעלסאָוועטן (דאָרפֿסאָוועטן) — אַ רוסישן און

במחוז כלשהו באיזושהי רפובליקה לאומית, היו רוב התושבים בני עם אחר, היתה להם הזכות לדרוש, שבמחוז זה תונהג במוסדות שפת הרוב. כך, למשל, קמו באוקראינה מחוזות, שבהם התנהל הכול בשפה הפולנית. היו אפילו מחוזות דו־לשוניים. עוד באפריל־מאי 1936, כשנאלצתי להישאר במורד הנהר אמור במפרץ מאגא, נתקלתי בשתי מועצות כפריות: רוסית וניבחית. הניבחים היו ידועים קודם כגיליאקים. לפי ספירת התושבים משנת 1959 היה מספרם 3700 נפש. חלק מהם היה באי סכלין וחלק — לאורך האמור התחתון. מאגא נמצאת יותר למעלה, 45 ק"מ מני־קולאיווסקי. השלטון היה מעוניין רק בדבר אחד: שהכול יהיה פרוסוביטי, או, לפחות, לא אנטיסוביטי. אי פעם יערכו כראוי את הדרישות ואת הסיסמאות, שהציגו לפני המומחים — לפני האינטליגנציה: היה ישר בעבודה ושכרך יהיה טוב; היה מומחה בלתי מפלגתי נאמן. אולם מה יעשה האדם, השמח במשכורתו ובמצבו החומרי, אבל יש לו גם אינטרסים רוחניים וחברתיים והוא דואג לעתיד עמו וארצו, ולעתידם של כל העמים שבמדינה ושל האנושות כולה, והוא מגיע למסקנה, שכל מה שהממשלה עושה, מביא נזק לעמו, למדינה וכו'? מה עליו לעשות? האם עליו להסתפק במצבו החומרי בלבד ולדחוק את דאגותיו? (שאם לא כן יעשה, הרי צפוי לו גורל הס.ר., המנשביקים, האנרכיסטים, גורל הבונדאים וכו'). קשה

אַ ניוווכישן. די ניווכן זענען פריִער באַוווּסט געווען ווי גיליאַקן. לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1959 האָבן זיי באַטראָפן דריי טויזנט זיבן הונדערט נפשות, טייל פון זיי האָט געלעבט אויפן אינדזל סאַכאַלין, און אַ טייל לענג־אויס דעם טײַך אַמור, אין דער נידער פון טײַך. מאַגאַ געפינט זיך אַ 45 קילאָמעטער העכער פון ניקאָלאַיעווסקי. די מאַכט האָט זיך אינטערעסירט מיט איין זאַך — אַלץ זאָל זײַן פּראָסאָוועטיש אָדער, ווייניקסטנס, נישט קעגן־סאָוועטיש (ווען עס איז ווען אָפּגעשאַצט ווערן ווי עס דאַרף צו זײַן די פּאָדערונגען, וואָס מ׳האָט דאַן אַרויסגעשטעלט, מיט וואָס פאַר אַ לאָזונגען מען איז געקומען צו ספּעציאַליסטן, צו דער אינטעליגענץ: אַרבעט אָרנטלעך, מיר וועלן דיר דער־פאַר גוט באַצאָלן, זײַ אַן אָרנטלעכער אומפּאַרטייִ־שער ספּעציאַליסט). נאָר וואָס זאָל טאָן אַזאַ מענטש, וואָס איז טאַקע צופרידן מיט זײַן לוין, מיט זײַן מאַטעריעלער לאַגע, נאָר ער האָט אויך גײַסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, און איז פאַרזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון זײַן פאָלק, פון זײַן לאַנד, פון די פעלקער אין לאַנד, וועגן דער צוקונפט פון דער מענטש־הייט — און איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס, וואָס די רעגירונג טוט, ברענגט שאָדן זײַן לאַנד, אאַז״וו, איז וואָס זאָל ער טאַקע טאָן? זיך באַנוגענען מיט זײַן גוטער מאַטעריעלער לאַגע און זײַנע זאָרגן אין זיך דערשטיקן? (ווײַל אויב ער וועט דאָס נישט דער־שטיקן אין זיך, איז דאָך פאַר אים צוגעגרייט דער זעלבער גורל פון די עסערן, מענשעוויקעס, אַנאַר־כיסטן, בונדיסטן א.א.וו.). שווער זיך פאָרצושטעלן נאָך אַזאַ ציניש און פרעכן רוף צו קאַריעריזם!...

אָבער דער „נעפּ" און דאָס אַנטקעגנקומען די מעגלעכע נאַציאָנאַלע פּאָדערונגען האָבן געווירקט. כמעט בײַ אַלע פעלקער אין לאַנד איז אויפגעקומען אַ נאַציאָנאַל־סאָוועטיזם, נאַציאָנאַלע סמענאָוועכיזמען. די, וואָס זענען געווען מער אַקטיוו אין קאַמף קעגן

לתאר קריאה כה גסה וצינית לקריאריזם!

אולם ה„נאפ" וסיפוק הדרישות הלאומיות האפ־שריות השפיעו. כמעט אצל כל עמי המדינה קם מעין נציונל־סוביטיזם, „סמאנאוואכיזם" (שאיפה לשינוי). אלה שלקחו חלק פעיל במלחמתם בסוביטים, הכו „על־חטא" בפומבי. הארמיות הלבנות וחייליהן, לוחמי הכנופיות השונות ואלה, שלא מזמן עשו פרעות ביהודים, התפזרו: מי לכפר, ומי לעיר, הסתדרו בעבודה בבתי - חרושת, במשרות שונות במוסדות הממשלתיים. למראית־עין הפכו לתושבים לויאליים, ובמשך הזמן גם הצטרפו למפלגה. הם העלימו, בלי שום ספק, את פעילותם בארמיות הלבנות, בכנופיות ובפוגרומים על יהודים. אולם האנטישמיות, שנטע הצאריזם ומתנגדי הסוביטים בתקופת מלחמת האז־רחים, לא נשכחה מליבם. זה ידוע לי במדויק. אין לי שום עובדות ממשיות להוכחת גירסתי, אולם נדמה לי, שרבים מהם עוד הגבירו ופיתחו את האנטי־שמיות. אם מצפונו של אחד הרוצחים היה מציק לו לפעמים, בהיזכרו במעשי האימים והזוועה נגד גברים, נשים וטף, היה מרגיע את עצמו במחשבה, שקרבנותיו היו יהודים בלבד. ולשם השתקת נקיפת מצפונו היה מחפש וזוקף על חשבון היהודים מיני עלילות ומעשים רעים, ובהסתר היה מפיץ אותם בין מכריו כדי לשמוע מהם, כי כלפי היהודים צריך היה להתנהג, כפי

דער סאָוועטן־מאַכט, האָבן זיך עפנטלעך געשלאָגן על חטא. די ווײַסע אַרמייען, די סאָלדאַטן פון די אַרמייען, די אָנטיילנעמער פון פאַרשיידענע באַנדעס, די, וואָס האָבן דאָ נישט לאַנג געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן, זענען זיך צעגאַנגען: ווער אין דאָרף, ווער אין שטאָט אויף אַרבעט אין פאַבריקן, און ווער אויף פאַרשיידענע פּאָסטנס אין רעגירונגס־אַנשטאַלטן. זיי אַלע זענען, אויסערלעך, געוואָרן לאָיאַלע בירגער און פלעגן מיט דער צײַט אַרײַנטרעטן אין דער פּאַרטיי. זיכער פלעגן זיי אויסבאַהאַלטן, אַז זיי האָבן געדינט אין די ווײַסע אַרמייען און באַנדעס און געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן. נאָר דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן ס'האָט אין זיי אײַנגעפלאַנצט פריִער דער צאַריזם און, אין צייט פון בירגער־קריג, די פאַרשיידענע קעגנער פון דער סאָ־וועטן־מאַכט, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. איך ווייס עס נישט גענוי, איך האָב נישט קיין קאָנקרעטע פאַקטן דאָס צו באַווײַזן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז פיל פון זיי האָבן אין זיך נאָך פאַרשטאַרקט און קולטיווירט דעם אַנטיסעמיטיזם. פלעגט בײַ וועמען עס איז פון די מערדער נעמען אַ מאָל פּײַניקן דער געוויסן, ביים דערמאָנען זיך אין די שוידערלעכע מעשים, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן קעגן פרויען, קינדער, אַלטע לייט און מענטשן בכלל, פלעגט ער זיך באַרויִקן מיטן אויסרייד, אַז דאָס האָט ער דאָך געטאָן בלויז קעגן ייִדן. צו באַרויִקן זײַן קראַנקן געוויסן פלעגט ער שוין אויפ־זוכן און צושרײַבן ייִדן וואָס מער שלעכטע זײַטן און האַנדלונגען און שטילערהייט פאַרשפּרייטן די בלבולים צווישן זײַנע נאָענטע, כדי ער זאָל פון זיי הערן, אַז ייִדן פאַרדינען מ'זאָל זיך מיט זיי באַגיין, אַזוי ווי ער איז זיך מיט זיי באַגאַנגען.

ביי ייִדן איז, אין אַנדערע פאָרמען און מאַס־שטאַבן אויך פאָרגעקומען ענלעכס. ביי ייִדן זענען קיין אָפענע אָרגאַניזירטע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרויס־טרעטונגען נישט געווען. זיכער זענען געווען פיל ייִדן,

שהתנהגו. (ובאותו זמן היה מעלים מהם את מעשי הפליליים והאכזריים נגד היהודים).

על היהודים עבר משהו בדומה לזה, הגם בצורה אחרת. הופעות מאורגנות אנטימהפכניות של היהודים לא היו. ללא ספק, היו ביניהם הרבה אנטיקומוניסטים משוכנעים, אבל אימת הפוגרומים מנעה מהם כל פעילות אנטיסוביטית. זה מחד גיסא. מאידך גיסא, לא היתה ליהודים, שוב מסיבת הפוגרומים, כל השפעה. מסופקני, אם אפשר להצביע על תנועה יהודית-חברתית מאורגנת כלשהי, שבגלל השאלה היהודית התנגדה לשלטון הסוביטי. אלה מהבונדאים, שלא הצטרפו יחד עם מפלגתם למפלגה הקומוניסטית, לא עשו כן משום שהיו להם דרישות יהודיות נוספות, אלא בשל נימוקים אחרים, כנראה.

דווקא אז, כשקיבלו היהודים זכויות מלאות כשאר תושבי המדינה, כשהשלטון התייחס אליהם ביתר אמינות, דווקא אז, כשאורגנו ונפתחו הרבה מוסדות-תרבות יהודיים, גברה התבוללותם של היהודים. לא היה לזה שום קשר לפחד, או לשאיפה קריאריסטית — גרמו לכך החיים היום-יומיים. עצם האפשרות להתגורר בכל הארץ, היכולת להיכנס לאוניברסיטאות ולתפוש משרות אחראיות — כל אלה במקובץ הוליכו לטמיעה.

✡

איני מתכחש לעובדת היותי מאוהב בהלקין לא

איבערצײַגטע אַנטיקאָמוניסטן, נאָר אויך זיי האָבן די פּאָגראָמען אָפּגעהאַלטן אין זייער טעטיקייט קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. דאָס איז איינס. צווייטנס, האָבן זיי, ווידער צוליב די פּאָגראָמען, קיין אײַנפלוס נישט גע־האַט. איך צווייפל צי מען קען אָנווייזן אויף אַן אָרגאַ־ניזירטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס זאָל צוליב דער ייִדן־פראַגע זײַן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. דאָס וואָס אַ טייל בונדאָווצעס זענען נישט אַרײַנגעטראָטן צוזאַמען מיט זייער פּאַרטיי אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז נישט געשען צוליב דעם וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעבלעכע פֿאָדערונגען אין דער ייִדן־פראַגע.

און גראָד אין יענער צײַט, ווען ייִדן האָבן באַקו־מען פולשטענדיקע רעכט, ווי אַלע בירגער פון לאַנד, ווען צו ייִדן האָט די מאַכט געהאַט מער צוטרוי ווי צו אַנדערע; גראָד דאַן ווען מען האָט אַלץ מער אָרגאַ־ניזירט און געעפנט ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן — גראָד דאַן האָבן ייִדן זיך צוממערסטן אַסימילירט. דאָס איז נישט געווען אַן אַנטלויפן צוליב שרעק, אָדער צוליב וועלן מאַכן אַ בעסערע קאַריערע — דאָס טאָג־טעגלע־כע לעבן האָט עס געטאָן. אָט טאַקע די מעגלעכקײַטן זיך צו צעשפּרייטן איבערן לאַנד, אָנקומען לערנען אין אוניווערסיטעטן, אַרבעטן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס — דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט געפירט צו אַסימילאַציע.

☆

איך לייקן נישט, אַז איך בין געווען פאַרליבט אין האַלקינען נישט נאָר ווי אין אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן גרענעצלאָזער ליבשאַפט צו מענטשן, נאָר אויך ווי אין אַ דיכטער. פאַרליבט, אָבער נישט פאַרנאַרט. (מיך קרענקט איצט וואָס נישט איין מאָל האָב איך אים פאַרשאַפט שמערצן). עס איז צו באַוווּנדערן, וואָס בלויז ער האָט דערפילט און געזאָגט; „מיר גייען אין שפּאַן און שטאַרבן פון

רק בגלל אנושיותו, שהצטיינה באהבה ללא סייג לבני אדם, אלא גם בהלקין הסופר. מאוהב אולם לא מסונוור (חורה לי, שלא פעם גרמתי לו עגמת-נפש). תמוה, שרק הוא חש במצב היהודים בברית-המועצות ואמר: „אנחנו הולכים בתלם ומתים מנשיקותיכם". הוא התאונן אז: „אין מי שיחוש ביסורי החידלון". גם הוא בוודאי היה נכון, כרוב היהודים, להקריב את חייו למען המהפכה: „רוסיה! לו בנפשי היה מדובר, הייתי מגיש לך את ראשי למתנה". ב-1923 היו רוסיה וברית-המועצות סינונימים. אז, כשעוד חי בזיכרון הכול: „לא מזמן כרתו את כל משפחותיה בגרזנים ובחרמשים מושחזים... איזור אכזרי — איזור השׂ-ליאכטה..." השמחה היתה מובנת. שמחו כי השתחררו מכל זה. אבל הלקין אמר: „ששמחתנו זויא בוהק קר של מאכלת מלוטשת". אצל שום סופר מהימים ההם לא תמצאו שורות כאלה.

אבל הלקין פחד רק ממוות בנשיקה. לא הרגיש שבעתיד הלא רחוק צפויות לנו מיתות אכזריות. לפי דעתי, היתה זאת תוצאה מתשומת ליבו, בדומה לכל התושבים, לצורה, שבה פירשו המנהיגים את המאורעות, המתרחשות אי-שם במדינה, יותר מאשר לתהליכים, המתפתחים בין התושבים, היהודים והלא יהודים. הנאומים של המנהיגים השונים ושל כל מנגנון-התעמולה המבהיל הסתירו מהרבה אזרחים את המצי-אות הממשית.

אײַערע קושן״. ער האָט זיך דאַן באַקלאָגט: „קײנער פֿאַרנעמט נישט די לײד פֿון פֿאַרגײן״. זיכער איז אויך ער, װי מערסטנס ייִדן, דאַן גרײט געװען דעם קאָפּ אַװעקצוגעבן פֿאַר דער רעװאָלוציע: „רוסלאַנד! װען עס גײט דאָ אין מיר, אין מײַן קאָפּ, איך װאָלט דיר געשענקט אים״. רוסלאַנד און סאָװעטן־פֿאַרבאַנד זענען דאַן, אין 1923טן יאָר, געװען סינאָנימען. דעמאָלט, װען בײַ אַלעמען איז נאָך געװען פֿריש אין זכרון: „מען האָט ערשט דאָ נישט לאַנג איר גאַנצע משפּחה צעשניטן מיט העק און מיט בלאַנקענדע קאָסעס. אַ ביטערע געגנט — אַ געגנט פֿון שליאַכטעס...״ איז די פֿרײד געװען באַרעכטיקט. מ׳האָט זיך געפֿרײט, װאָס מען האָט זיך פֿון דעם באַפֿרײַט, דאָך האָט ער געזאָגט: „אַז אונדזער פֿרײד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגע־שלײפֿטן חלף..״ בײַ קײן שרײַבער װעט איר אין יענע יאָרן אַזעלכע שורות נישט געפֿינען.

אָבער האַלקינען האָט נאָר געשראָקן דער טויט דורך קושן; אַז עס שטײען פֿאָר, אין דער נישט װײַטער צוקונפֿט, אכזריותדיקע טויטן, האָט ער אויך נישט פֿאָרויסגעפֿילט. לויט מײַן מײנונג, איז עס געװען דערפֿאַר, װײַל ער, װי אַלע איבעריקע, האָבן מערער אַכט געלײגט אויף דעם װי אַזױ די פֿיִרער טײַטשן אויס די געשעענישן אין לאַנד גופֿא, װי אויף די פּראָ־צעסן, װאָס קומען פֿאָר ערגעץ איבער די מענטשן פֿון לאַנד, ייִדן און נישט־ייִדן. די רעדעס פֿון די פּאַרטײ־פֿירער האָבן פֿאַרשטעלט פֿון פֿיל בירגער די רעאַלע װירקלעכקײט.

די שטאַרקע װאָרצלען פֿון אַנטיסעמיטיזם װאָס דער צאַריזם האָט איבערגעלאָזט, האָבן די קעגנער פֿון דער סאָװעטן־מאַכט פֿילפֿאַכיק פֿאַרטיפֿט. דעם פֿאַקט, אַז ייִדן פֿאַרנעמען פֿאַראַנטװאָרטלעכע פּאָסטנס אין רעגירונגס־אַפּאַראַט, האָבן אַנטיסעמיטן אויסגענוצט און נאָך מער פֿאַרשטאַרקט זײער אַנטיײִדישע פּראָ־פּאַגאַנדע.

את השרשים החזקים של האנטישמיות, שהשאיר אחריו הצאריזם במדינה, העמיקו מתנגדי הסוביטים פי כמה. את העובדה, שיהודים תופסים משרות בכי־רות במנגנון הממשלתי, ניצלו האנטישמים להגברת התעמולה האנטי יהודית.

בימים ההם השתמשה הממשלה הסוביטית באמ־צעים חמורים ואכזריים נגד מתנגדיה. את כל זה הגשי־מה הממשלה באמצעות המנגנון, שבו לקחו היהודים חלק פעיל. מפאת מעמדם הגבוה הם עמדו לא פעם בראש הפעולות הברוטליות. לפני מנהיגי המדינה לא עמדה השאלה — יהודים או לא יהודים. הם ראו אותם כעובדי המדינה. לעומת זה, האנטישמים הצביעו תמיד על השתתפות היהודים בפעולות אלה והסבירו, שרק היהודים הם האחראים וראשי האשמים.

כאן עלי להוסיף: שליטה על אנשים גוררת אחריה דימורליזציה ומשחיתה את השליט (יהודים רבים היו מרוצים משליטתם זו על אחרים). אך היא היתה גורם אנטימוסרי בחיי היהודים — גורם, שלא היה קיים מעולם; בתקופת המהפכה היתה השליטה על אנשים בלתי מוגבלת, ז. א. שגם שחיתות השליטים היתה בלתי מוגבלת. וזה אסור לשכוח.

היה מישהו שהעיר, כי בפעולות מסוימות, הפוג־עות אך ורק ברגשות האוכלוסיה הנוצרית, אסור ליהודים להשתתף באופן פעיל מטעמים מוסריים. אם הושמעה הערה זאת בפי יהודי, האשימו אותו בנ־

צו יענער צײַט פלעגט די סאָוועטן־מאַכט אָנווענדן זייער שטרענגע און ברוטאַלע מיטלען אין קאַמף מיט די קעגנערס. די רעגירונג פלעגט דאָס אַלץ דורכפירן דורך איר אַפּאַראַט, אין וועלכן ייִדן האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען. אויף וויפל ייִדן האָבן פאַרנומען זייער אָפט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס, פלעגן זיי נישט זעלטן אָנפירן מיט די סאַמע ברוטאַלסטע אַק־ציעס. פאַר די פירער איז נישט געשטאַנען די פראַגע — ייִדן, נישט־ייִדן. פאַר זיי זענען אַלע געווען רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. די אַנטיסעמיטן פלעגן אָבער שטענדיק אָנווײַזן אויפן אָנטייל פון ייִדן און אויס־טײַטשן, אַז נאָר ייִדן טוען אָן שלעכטס און אַז די הויפּט־שולדיקע זענען ייִדן.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן: ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז מאַכט איבער מענטשן דעמאָראַליזירט און פאַר־דאַרבט דעם מאַכטהאָבער. מיט דעם וואָס נישט ווײַ־ניק ייִדן האָבן באַקומען מאַכט איבער אַנדערע (פיל ייִדן זענען אפילו געווען צופרידן פון דעם), איז צוגע־קומען אַ דעמאָראַליזירנדיקער פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן, פון וועלכן ייִדן אין רוסלאַנד האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט. אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע, איז די מאַכט איבער מענטשן געווען כמעט אַ גרענעצ־לאָזע. דאָס באַדײַט, אַז אויך די דעמאָראַליזאַציע פון אַלע מאַכטהאָבער איז געווען אַ גרענעצלאָזע. אין דעם טאָר מען אויך נישט פאַרגעסן.

געווען ווער ס׳האָט אָנגעוויזן, אַז אין געוויסע אַקציעס, וואָס רירן אָן די געפילן אויסשליסלעך פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, דאַרף מען נישט דערלאָזן, אַז ייִדן זאָלן אין זיי נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל — צוליב ריין טאַקטישע טעמים! איז אויב דאָס פלעגט אַרויסזאָגן אַ ייִד, פלעגן גלײַך אין אים פליִען אַזעלכע פאַרוואָרפן, ווי נאַציאָנאַליסט, שאָווי־ניסט און אפילו פּחדן. פלעגט עס זאָגן נישט קיין ייִד, פלעגט מען אים באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם. אַזוי

ציונליזם, בשוביניזם ואפילו בפחדנות. אם רעיון זה ביטא לא יהודי, האשימו אותו באנטישמיות. כך קרה: כשאמר גורקי, בהיותו בחו"ל, כי צריך למנוע מיהודים לקחת חלק בביצוע הפקעת־הרכוש של הכנסיות, זרקו בפניו את אשמת האנטישמיות. גם העיתונאות היהודית יצאה נגדו באותה אשמה. זכור לי היטב. כשהבעתי את דעתי לפני הקומוניסטים היהודים, כי גורקי אמר מה שאמר לא מתוך שינאה ליהודים, אלא, להיפך, מתוך יחס אוהד להם, כי אינו רוצה, ששונאינו האנטי־שמיים ינצלו את עניין ההפקעות נגד היהודים, התנפלו עלי וטענה בפיהם, שזו לא הפעם הראשונה לגורקי לצאת נגד השתתפותנו במהפכה. באחד ממאמריו הרא־שונים נגד הבולשביקים, שפורסם בהתחלת המהפכה בעיתונו „החיים החדשים" (נוביה ז'יזן), הוא מתבטא נגד המנהיגים היהודים בריבולציה. השאלה העומדת לפנינו היא — ריבולוציה או קונטרריבולוצה, שלטון סוביטי או שלטון הבורגנות עם כל תוצאותיו הנוראים כלפי היהודים. מה אתה רוצה בהגנתך על גורקי? שמישהו אחר יגן על המהפכה, על השלטון הסוביטי, על היהודים מפוגרומים ומרדיפות, והיהודים עצמם יישארו מהצד כעדי ראיה בלבד? להיפך! אך ורק כיהודים עלינו להימצא בשורות הראשונות של הפעילים ביותר, כי בהגן השלטון הסוביטי על כל עמי המדינה, הוא מגן גם על היהודים, ואם השלטון יחלש, שום עם לא יסבול כל כך הרבה כעם היהודי.

איז געשען ווען גאָרקי, זייַענדיק אין אויסלאַנד, האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף אויסמייַדן, אַז ייִדן זאָלן אָנטייל נעמען אין דער קאַמפּאַניע פון קאָנפיסקירן די רייַכטימער פון קלויסטערס — גלייַך איז פאַרגעוואָרפן געוואָרן, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. אויך די ייִדישע צייַטונגען האָבן אויף אים געוואָרפן אַזאַ באַשולדיקונג. איך געדענק זייער גוט, אַז ווען איך האָב פאַר ייִדישע קאָמוניסטן געזאָגט, אַז לויט מייַן מיינונג טוט דאָס גאָרקי נישט צוליב פייַנטשאַפט צו ייִדן נאָר, פאַרקערט, צוליב זייַן גוטע באַציִונג צו ייִדן — ער וויל נישט דערלאָזן, אַז בייזוויליקע אַנטי־סעמיטן זאָלן דאָס אויסנוצן קעגן ייִדן — איז מען אויף מיר ממש אָנגעפאַלן און אָנגעוויזן, אַז דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי גאָרקי טרעט אַרויס קעגן אָנטייל פון ייִדן אין דער רעוואָלוציע. „אין איינעם פון זייַנע אַרטיקלען" — האָבן זיי געטענהט — „וואָס ער האָט אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע פאַרעפנט־לעכט אין זייַן צייַטונג „נאָוואַיאַ זשיזן" (דאָס נייַע לעבן) קעגן די באָלשעוויקעס, זענען געווען אַרויסזאָגונגען קעגן די יידישע אָנפירערס פון דער רעוואָלוציע. עס שטייט די פראַגע — רעוואָלוציע צי קאָנטררעוואָלוציע, סאָוועטן־מאַכט אָדער בורזשואַזיע־מאַכט, מיט אַלע שרעקלעכע פאָלגן, אויך פאַר ייִדן. וואָס ווילסטו, פאַרטיידיקנדיק גאָרקין, אז ווער עס איז זאָל פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע, די סאָוועטן־מאַכט, ייִדן פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען, און ייִדן אַליין זאָלן זייַן בלויז צוקוקערס? פאַרקערט! אפילו נאָר אַלס ייִדן דאַרפן מיר זייַן אין די ערשטע רייען, די אַקטיווסטע, ווייַל צו גלייַך מיט אַלע פעלקער אין לאַנד — פאַרטיידיקט די סאָוועטן־מאַכט די ייִדן, און קיין פאָלק וועט אַזוי פיל נישט לייַדן ווי ייִדן חס ושלום „ווען די סאָוועטן־מאַכט וועט זיין שוואַך".

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען כמעט אַלע יאָרן פון נעפּ. ייִדן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס פון איין

כזה היה המצב בכל שנות ה„נאפ". מחד גיסא תופסים יהודים משרות אחראיות, ומאידך גיסא — גידול האנטישמיות, צמיחת מוסדות־תרבות — ואסי־מילציה. נכון, שיהודים, מאנשי ה„נאפ", לא חסכו מכספם והיו מעסיקים מורים, שילמדו את ילדיהם עברית. אולם לימוד זה, על פי רוב לא נקלט אצל הילדים; נישואי־תערובת הפכו לתופעה טבעית. איש לא היה חייב להמיר את דתו ואף אחד לא היה חייב להתגייר. רבים ראו בנישואי־התערובת הוכחה, שהאנ־טישמיות כמעט חוסלה. לאמיתו של דבר, לא הפריע גידול מיספר מוסדות־התרבות היהודיים לאסימילציה ולנישואי התערובת. שירות היהודים בתפקידים חשובים לא רק שלא עצר את צמיחת האנטישמיות, אלא היה בעוזריה. מלבד גורמים אלה, השפיע גם רגש הקנאה, כי גם הלא יהודים שאפו לתפוס משרות רמות.

✡

בסוף 1927 נפגשתי עם פריאוזברז'נסקי — רוסי, חבר מפלגה ותיק, לשעבר מזכיר המפלגה הקומוניסטית. בימים ההם היה מקובל כתיאורטיקן של האופוזיציה בשאלות כלכליות. הוא ידע, שעזבתי את המפלגה הקומוניסטית ושאיני רואה בהצעות האופוזיציה שום הצלה. עבדתי אז כשומר בניית בית־החרושת „גלאן מוסקבה". בתום השיחה שאל: מהו מצב־הרוח אצל פועלי־הבניין? עניתי לו, שבדרך כלל אינם מתמצאים בבעיות, שעליהן מתווכחים, אבל בכל־זאת הם נוטים

זייט. און וווקס פון אַנטיסעמיטיזם פון דער צווייטער. וווקס פון דער צאָל יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, און אַסימילאַציע. ריכטיק, יידישע נעפליַיט פלעגן נישט זשאַלעווען קיין געלט און פלעגן נעמען פאַר זייערע קינדער לערער פון העברעיש, נאָר דאָס לערנען פלעגט מערסטנטייל צושטיין צו די קינדער ווי אַרבעס צו דער וואַנט. געמישטע חתונות זענען געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיַינונג. קיינער דאַרף זיך נישט שמדן, קיינער דאַרף נישט אָננעמען דעם יידישן גלויבן. פאַר פיל זענען געמישטע חתונות געווען אפילו אַ באַווייז, אַז מיטן אַנטיסעמיטיזם איז כמעט פאַר־ענדיקט. אין דערווירקלעכקייט האָט דער וווקס פון דער צאָל אַנשטאַלטן פון יידישער קולטור נישט גע־שטערט דעם וווקס פון אַסימילאַציע און געמישטע חתונות; דאָס פאַרנעמען דורך יידן הויכע אַמטן האָט נישט נאָר געשטערט דעם וווקס פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר אים צוגעהאָלפן. אויסער די מאָטיוון, איז נאָך צוגעקומען דאָס געפיל פון קנאה, וויַיל אַ סך נישט־יידן האָבן אויך פרעטענדירט צו פאַרנעמען פאַראַנט־וואָרטלעכע פּאָסטנס.

☆

סוף 1927 האָב איך זיך געטראָפן מיט פרעאָ־בראַזשענסקין — אַ רוס, אַן אַלטער פאַרטייער, גע־וועזענער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער האָט זיך דאַן גערעכנט פאַר דעם טעאָ־רעטיקער פון דער אָפּאָזיציע אין עקאָנאָמישע פראַגן. ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אַרויסגעטראָטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַז איך זע נישט, אַז דאָס וואָס עס לייגן פאָר די אָפּאָזיציאָנערן איז אַ רעטונג. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אַלס וועבטער אויף דער בווּנג פון דער פאַבריק „גאַלען־מאָסקווא”. צום סוף פון געשפּרעך טוט ער מיך אַ פרעג: ווי איז די שטימונג בייַ די בוי־אַרבעטער? איך האָב אים געענטפערט, אַז בכלל קליַיבן זיי זיך נישט פונאַנדער

לדעת הרוב. הם שמחים, שמכים יהודים. הוא נאנח ואמר: „לצערי, זה נכון. ההוא אינו מסתייג וגם לא יסתייג מזה" ב„ההוא" התכוון לסטאלין. ומה שמעניין: כשהייתי לפני כן, וגם אחרי כן, מעיר ליהודים סתם ולסופרים יהודים, שבמלחמה נגד האופוזיציה ממלאה תפקיד לא קטן העובדה, שהמנהיגים הראשיים של הוועד המרכזי הם ממוצא יהודי, ושמנצלים במלחמה זאת את האנטישמיות, הנפוצה במדינה, התנגדו לדעה זו בצורה חמורה ביותר. אפילו זליג אקסלרוד לא קיבל דעתי זו.

דבר אחד אפשר לקבוע בוודאות, שהפרעות מתקופת מלחמת-האזרחים השפיעו מאוד על היהדות הסוביטית, שיישארו נאמנים למדינה במשך עשרות בשנים. לא היתה להם שום אפשרות אחרת. בלי שום ספק, ניתן היה ליחידים להגיע למוצא אחר. היו גם כאלה שמצאו: הם עזבו את רוסיה, מי לאמריקה ומי לארצות אחרות, בין האחרונות גם פלסטינה. אולם בשביל מיליוני-היהודים, בתנאים המוחשים ההם, שום דרך אחרת לא היתה. הרבה יהודים רואים עכשיו טעם לפגם בשורותיהם של הופשטין וקושנירוב: „מוולגה לירדן הדרך ארוכה" ו„אין לי אפילו בחלום ארץ זבת חלב ודבש". אם לקבל את השורות כביטוי לרצונם האישי, אפשר לומר: שגם עבור זה שילמו ביוקר רב — אם כי הופשטין היה בשנות העשרים על גדות הירדן ואת הדרך הרחוקה הוא עבר בכיוון

אין די פראַגן, וועגן וועלכע מען דיסקוטירט, נאָר דאָך זענען זיי פאַר דער ליניע פון דער מערהייט. זיי זענען צופרידן וואָס מען שלאָגט זשידעס. ער האָט אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט: צום באַדויערן איז דאָס אַזוי. ער זאָגט זיך נישט אָפּ און וועט זיך נישט אָפּזאָגן אויסצונוצן אויך דאָס. מיטן „ער" האָט ער געמיינט סטאַלינען. אינטערעסאַנט איז אָט וואָס: ווען איך פלעג פריִער, און אויך שפּעטער, אָנווייַזן סתם ייִדן און ייִדישע שרייַבערס, אַז אין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע שפּילט נישט קיין קליינע ראָלע דער פאַקט, וואָס די הויפּט-פירערס אירע זענען פון ייִדישער אָפּשטאַמונג און, אַז מ'נוצט אויס אין קאַמף דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז פאַרשפּרייט אין לאַנד — האָט מען זייער שטאַרק דערווידערט. אפילו זעליק אַקסעלראָד האָט אין קיין פאַל נישט געקענט איינשטימען מיט מיר.

איינס דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז די פּאָגראָמען בעררהויפּט קעגן דעם פּויערטום, די שווידערלעכסטע אין דער תקופה פון בירגער-קריג האָבן געווירקט אַמשטאַרקסטן אויף די סאָוועטישע ייִדן זיי זאָלן ווערן פּראָסאָוועטיש אויף צענדליקער יאָרן. זיי האָבן פאַר זיך קיין אַנדער ברירה נישט געזען און נישט געהאַט. זיכער וואָלטן איינצלנע געקענט געפינען פאַר זיך אַן אַנדער אויסוועג אויך. אייניקע האָבן טאַקע געפונען: זיי האָבן עמיגרירט. ווער קיין אַמעריקע, ווער אין אַנדערע לענדער; צווישן די אַנדערע לענדער איז אויך געווען פּאַלעסטינע. אָבער פאַר די מיליאָנען ייִדן איז דעמאָלט, אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען, קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען צו זען. פיל ייִדן שאַקירן איצט די שורות פון האַפּשטיינען און קושניראָוון — „פון וואָלגא ביז ירדן איז פאָלג מיר אַ גאַנג" און „איך פאַרמאָג שוין אפילו אין טרוים נישט / קיין לאַנד פון האָניק און מילך". אויב באַנעמען די שורות ווי אַן אויסדרוק פון זייער פּערזענלעכן פאַרלאַנג,

הפוך — מהירדן לוולגה. אולם אם נראה אותן כביטוי של היהדות הסוביטית, אז אין מה להתרעם עליהם, כי האפשרות של כליה היתה כה ממשית, כה קרובה, ואי אפשר היה לא לחפש בו במקום דרך הצלה למיליונים. בימים ההם הירדן היה רחוק־רחוק והחיפוש של מוצא ריאלי, בתנאים ההם, גרם ממילא להתנדפות החלום על „ארץ זבת חלב ודבש". אלה, הדנים לחובה את היהדות הסוביטית, חייבים להצביע על הברירה, שהיתה קיימת לא ליחידים אלא למיליונים, שעמדו לפני האלטרנטיבה: כיליון או איך שהוא לחיות.

עלי להדגיש, שעם גבור הסכנה הממשית לקיום בתקופה כלשהי בברית־המועצות — ואפילו כשרק דיברו על גידול הסכנה — גברה המסירות של היהדות הסוביטית לשלטון, כי „עמוק עד עצם הגרון חדר הסכין, שכך הוא התרה" (הלקין).

יהודי העולם האשימו את היהדות הסוביטית, שהם יותר מדי סוביטיים ופחות מדי יהודים (באמונה, איני יודע אם היהדות האמריקנית היא פחות אמרי־קנית). לגמרי להיפך: מחמת היותם יהודים הם היו פרוסוביטיים בכל ליבם. אפשר לומר, שאצל היהודים התפתח סוביטיזם לאומי.

☆

תקופת ה„נאפ" הסתיימה. המדינה נכנסה לתקופת־תיעוש וקולקטיביזציה. זאת היתה תקופה, שבה נקטו אמצעים דרסטיים ביותר נגד האיכרים. הדעה, שהכול

קען מען זאָגן: מען האָט אויך דערפאַר גוט באַצאָלט — כאָטש האָפּשטיין איז אין די צוואַנציקער יאָרן געווען בײַם ירדן און האָט דעם „פּאָלג מיר אַ גאַנג" דורכ־געמאַכט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — פון ירדן ביז וואָלגאַ; נאָר אויב באַנעמען עס ווי אַן אויסדרוק פון סאָוועטישן ייִדנטום, איז נישטאָ וואָס פאַרצוואַרפן זיי, ווײַל די מעגלעכקייט פון אומקום איז געווען אַזוי רעאַל, אַזוי נאָענט, און מען האָט גלײַך אויפן אָרט געדאַרפט זוכן אַ רעטונג פאַר מיליאָנען. איז אין יענע יאָרן דער ירדן געווען טאַקע שרעקלעך ווײַט, און דאָס זוכן אַ רעאַלן אויסוועג אין יענע באַדינגונגען האָט געמוזט אויסוועפן דעם טרוים פון „אַ לאַנד פון האָניק און מילך". די. וועלכע פאַראורטיילן די סאָוועטישע ייִדן, זאָלן אָנווײַזן וואָס פאַראַ אַנדער ברירה איז דאַן געווען, נישט פאַר איינצלנע, נאָר פאַר מיליאָנען, וועלכע זענען פאַרשפּאַרט געווען צווישן צוויי מעגלעכקייטן: אומקום אָדער לעבן נאָך ווי עס איז.

מ'דאַרף אונטערשטרײַכן, אַז וואָס גרעסער עס איז אין אַ וועלכן עס איז פּעריאָד געווען די געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — אָדער ווען מען פלעגט בלויז זאָגן, אַז די געפאַר איז גרעסער — אַלץ מער זענען די ייִדן געוואָרן איבערגעגעבן דער סאָוועטן־מאַכט, ווײַל „טיף ביזן ביין זיך פאַרשניטן / דער מעסער, וואָס האָט דיר געוואָרנט". (האַלקין).

אין דער וועלט האָבן ייִדן באַשולדיקט די סאָוועטישע ייִדן דערפאַר, וואָס זיי זענען צו פיל סאָוועטיש און צו ווייניק ייִדיש. ערלעך, איך ווייס נישט צו זענען די אַמעריקאַנער ייִדן ווייניקער אַמעריקאַניש. די זאַך איז געווען פּונקט פאַרקערט: צוליב דעם, וואָס זיי זענען געווען ייִדן, זענען זיי געוואָרן אַזוי סאָוועטיש. אויב מען וויל, איז עס בײַ ייִדן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער סאָוועטיזם.

☆

התנהל לפי תוכנית קבועה, רחוקה מן האמת. אם היתה קיימת תוכנית כלשהי, היתה כוונתה אחת ויחידה: לתעש את המדינה במהירות הגדולה ביותר. על העולם הקפיטליסטי עברה מהפכה טכנית, והוא ארגן מחדש את התעשייה. ברית המועצות הספיקה לשקם רק חלק מהתעשייה, שנותרה אחרי הריבולוציה. מובן, שהכול היה מיושן ומפגר. וכיוון שלחזק את המדינה מבחינה צבאית יכולה רק התעשייה, צריך להקים אותה במהירות יתירה. בשאלה זו לא היו שום חילוקי־דעות בין האופוזיציה לבן הממשלה. נהפוך הוא, האופוזיציה היתה הראשונה, שבאה בהצעה זאת. עיקר הבעיה היה היחסים לאיכרים בכלל ולקבוצות שביניהם. אותם האיכרים, שהקימו את החקלאות בשעת ה„נאפ", היו גורם מפריע בתיעוש הארץ. אני מרשה לעצמי להזכיר את האימרה המפורסמת של קאמיניב, שהשמיע לפני מספר שנים: „האיכרון הוליך אותנו שולל" (מוזיצ'וק נאם ריגולנול). הפירוש הוא, התוכ־נית, שהממשלה התכוונה להגשים, בוטלה ע"י האיכר.

בשנת 1929 החלה שרשרת אכזריות. האיכר הקטין את הפקת הלחם בשביל העיר, לא מטעמים פוליטיים, אלא פשוט — לא השתלם לו הדבר מבחינה משקית. הערים והצבא היו בלי לחם. התחילו לקחת את הלחם מהאיכר ביד חזקה עד הפירור האחרון. לא לעתים נדירות התנגדו האיכרים בכוח, אולם כל התנגדות כזאת דוכאה במרחץ דמים, והרקת הכפר־

דער פּעריִאָד פון „נעפּ״ האָט זיך פאַרענדיקט. דאָס לאַנד איז אַרײַן אין אַ פּעריאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון אָנווענדן קעגן דער באַפעלקערונג, איבערשיקט מען, אָדער מען פאַראורטיילט זיי אויף מיטלען. ס׳איז אַבסאָלוט פאַלש די פאָרשטעלונג און מיינונג, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. אויב עס איז געווען אַ פּלאַן, איז ער באַשטאַנען נאָר אין איין זאַך: וואָס שנעלער אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט דורכגעמאַכט אַ טעכנישע רעוואָלוציע, האָט באַנײַט און איבעראָרגאַניזירט די אינדוסטריע, און דער סאָוועטן-פאַרבאַנד האָט נאָר באַוויזן אויפצושטעלן דעם טייל פון דער אינדוסטריע וואָס איז פאַרבליבן פון פאַר דער רעוואָלוציע. קלאָר, אַז אַלץ איז פאַרעלטערט און אָפּגעשטאַנען. און אַזוי ווי נאָר די אינדוסטריע קען מאַכן דאָס לאַנד שטאַרק און מעכטיק אין מיליטערישן זין, דאַרף מען וואָס שנעלער אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. אין דער פראַגע איז פאַקטיש נישט געווען קיין מיינונגס-פאַרשיידנהייט צווישן דער אָפּאָזיציע און דער רעגירונג. פאַרקערט, די אָפּאָזיציע האָט דאָס נאָך פריִער פאָרגעלייגט. די הויפּט-פּראָבלעם האָט זיך דאַן געדרייט אַרום די באַציִונגען צום פּויערטום אַלס גאַנצעס און צו די פאַרשיידענע גרופּן אין פּויערטום. דאָס זעלבע פּויערטום, וואָס האָט אויפגעשטעלט די לאַנדווירטשאַפט אין דער צייט פון „נעפּ״, איז געוואָרן אַ שטערונג בײַם אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. איך וויל מיר דערלויבן צו דערמאָנען דעם באַוווּסטן אויסדרוק פון קאַמעניעוון, וואָס ער האָט געזאָגט מיט אַ פּאָר יאָר פריִער: דאָס פּויערל האָט אונדז אָפּגערעגולירט. דאָס האָט דאַן באַדײַט, אַז די פּלענער, וואָס די רעגירונג האָט געוואָלט דורכפירן, האָט דער פּויער צונישט געמאַכט.

נמשכה. מיליוני אנשים גוועו מרעב. חלק מאלה, שנשארו בחיים, סגרו את בתיהם ופנו לערים. לממשלה היתה תשובה אחת ויחידה — רפרסיות. מוות, רעב ואכילת בשר־אדם הפכו לתופעה המונית. הממשלה לא התחשבה בשום קרבנות. אי שביעת־הרצון בארץ גדלה. השלטון ארגן שורה שלמה של משפטים מלאכותיים, כמו „משפט שכטין על המינשביקים, המשפט על הפ־רומפרטיי". פי כמה גדול היה מספר גזרי - הדין, שפסקה „השלישיה" (טרויקה). ב־1933 הפעילו את שיטת־הפספורטים, והאיכרים, שעוד נשארו בכפרים, לא קיבלו אותם. וכך, למעשה, לא יכלו לזוז מהמקום. את אלה, שברחו קודם מן הכפר, הגלו, או דנו אותם לשנות מחנה־ריכוז (אני מוסר את המאורעות לא בצורה כרונולוגית). המשבר, שפגע בקפיטליזם, לא חיסל אותו, הוא התאושש ופיתח את הטכניקה. יפאן היוותה סכנה לברית־המועצות. בגרמניה חתר היטלר לשלטון וב־1933 השיג אותו. סיסמותיו נגד בריה"מ היו אגרסיביות ביותר. גרמניה מזדיינת. ברוסיה, בזמן המלחמה באיכרים, נוצר מצב פה ושם קשה יותר מאשר בתקופת מלחמת האזרחים. אז היו חזיתות והיה ידוע המקום ,שבו נמצא האויב, ואילו כעת היה הכול מעורבב ומבולבל. פחד נפל על המנהיגים, והעיקר על סטאלין. מקיימים סביבם משמר. וכך הם אסרו, למעשה, את עצמם. נוצר פולחן־מוסוליני באי־טליה ופולחן־היטלר בגרמניה ע"י חסידיהם, עוד לפני

פון יאָר 1929 פאַנגט זיך אָן אַ קייט פון אכזריות. דער פויער האָט פאַרקלענערט פּראָדוצירן ברויט פאַר דער שטאָט. נישט צוליב פּאָליטישע טעמים, נאָר גאַנץ איינפאַך — אים האָט עס נישט געלוינט עקאָנאָמיש. די שטעט און די אַרמיי זיצן אָן ברויט. האָט מען עס אָנגעהויבן נעמען ביַים פויער מיט גוואַלד. מען פלעגט צונעמען אַלץ ביז צום לעצטן. נישט זעלטן האָבן פּויערים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, וועלכן מ׳פלעגט דערשטיקן, דערטרינקען אין בלוט און פאַרזעצן אויסליידיקן דעם דאָרף. מיליאָנען מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער. פיל פון די לעבנגעבליבענע פלעגן פאַרלאַפן די היַיזער און זיך לאָזן איבערן לאַנד. די מאַכט האָט אויף אַלץ געהאַט איין ענטפער — רעפּרעסיעס. טויט, הונגער, ביז מענטשן־פרעסעריי, איז געוואָרן אַ מאַסן־דערשיַינונג. די רעגירונג האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין קרבנות. אין לאַנד וואַקסט די אומצופרידנקייט. די רעגירונג אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי אינסצעניזירטע־פּראָצעסן: שאַכטינער איבער די מענשעוויקעס, דעם „פּראָמפּאַרטיי״־פּראָצעס. פילפאַכיק גרעסער איז די צאָל פאַראורטיילטע דורך די „טראָיקעס״. מ׳פירט איין אין 1933טן יאָר אַ פּאַספּאָרט־סיסטעם, און די פּויערים, וועלכע זענען נישט געבליבן אין דאָרף, גיט מען נישט קיין פּאַספּאָרטן. פאַקטיש קענען זיי זיך מער פון אָרט נישט רירן. די פריִער אַנטלאָפענע פון דאָרף. יאָרן לאַגער (איך לייג אוים די געשעענישן נישט כראָנאָלאָגיש). דעם קאַפּיטאַליזם האָט דער קריזים פון 1929 נישט פאַרניכטעט, ער איז אַרוים פון אים און האָט אַנטוויקלט די טעכניק. יאַפּאַן איז פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד געוואָרן אַ געפאַר. אין דיַיטשלאַנד האָט זיך געריסן צו דער מאַכט היטלער, און אין 1933 האָט ער זי שוין באַקומען. זיַינע לאָזונגען קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען זייער אַגרעסיווע. דייטשלאַנד באַוואָפנט זיך. אין לאַנד איז אין דער צייט פון קאַמף

שהגיעו לשלטון. בבריה"מ הורחקו מההנהלה הנצ'ל־ניקים (ראשי המוסדות והשליטים) הפופולריים ביותר. בהשוואה עם מנהיגים אחרים בימי המהפכה היה סטאלין פחות פופולרי. אבל היה מפורסם. על האחרים שסובבו אותו, לא שמעו כלל. לכן היה אפשר ליצור רק פולחן־סטאלין וזקפו על חשבונו מעלות ויתרונות, שמעולם לא היו לו. הוא הפך לסמל המלחמה בפשיזם, ובמיוחד — בהיטלר. בתי־החרושת, שהוקמו במחיר חיים של קרבנות רבים מספור, התחילו לייצר נשק, שהיה מוצג בתהלוכות פאר. היו מראים לציבור, שיש במה לקדם את פני האויב, והכוונה להיטלר. כל האנ־טיפשיסטים בארץ ידעו, כי סטאלין אינו, כפי שמתארים אותו. אך בהיותו הסמל, הלוחם בפשיזם, צריך היה להמשיך ולהאדיר את סמכותו. אולם במדינה עוד היו אז האנשים, שהיו מאוד פופולריים בתקופת הריבו־לוציה. הירצחו של קירוב איפשר להכין טיהור המפלגה ממתנגדיה. וכך התחילה עונת „הטיהורים הגדולים".

☆

והיהודים? היהדות הסוביטית שוב מצאה את עצמה בין שתי אפשרויות: פשיזם או שלטון סוביטי. אפשרות שלישית, ריאלית, שביכולתה להציל מה־כליון, הצפוי בעתיד הקרוב, לא היתה. אדרבא, יראו נא אלה, הדנים ברותחין (ובקלות רבה) את היהודים הסוביטים, על מוצא אחר.

לפני שמוציאים פסק־דין על היהדות הסוביטית,

מיטן פויערטום געשאפן געוואָרן אַ לאגע, ערטער־וויִיז אַן ערגערע ווי אין דער תקופה פון בירגער־קריג. דאַן זענען געווען פראָנטן, און מען האָט גע־וווּסט ווּ עס געפינט זיך דער פײַנט, איצט איז אַלץ אויסגעמישט. אויף די פירער, הויפּטזעכלעך אויף סטאַלינען, באַפאַלט אַ שרעק, עס ווערט געשאַפן אַזאַ וואָך אַרום די פירער, אַז פאַקטיש האָבן זיי זיך אַליין אַרעסטירט. אַרום מוסולינין אין איטאַליע און אַרום היטלערן אין דײַטשלאַנד האָבן זייערע אָנהענ־גער געשאַפן אַ קולט נאָך איידער זיי זענען געקומען צו דער מאַכט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען די מער פּאָפּולערע נאַטשאַלניקעס באַזײַטיקט געוואָרן פון דער אָנפירונג. סטאַלין איז, אין פאַרגלײַך מיט אַנדע־רע פירער אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע, געווען ווייניק פּאָפּולער, דאָך האָט מען וועגן אים געוווּסט; וועגן די איבעריקע וואָס רינגלען אים אַרום האָט מען בכלל נישט געוווּסט. דער איינציקער פון וועלכן מען קען שאַפן אַ קולט איז סטאַלין. שרײַבט מען אים צו אַזעלכע מעלות, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט גע־האָט. ער ווערט שוין אַ פאַרקערפּערונג פון קאַמף קעגן פאַשיזם און דער עיקר קעגן היטלערן. די זאַ־וואָדן, פאַבריקן, וואָס מען האָט מיט אַזעלכע אומגע־הײַערע קרבנות אויפגעבויט לאָזן אַרויס געווער. דאָס באַווײַזט מען אויף פאַראַדן. מען ווײַזט, אַז עס איז פאַראַן מיט וואָס זיך קעגנצושטעלן דעם פײַנט — דערהויפּט היטלערן. אַלע אַנטי־פאַשיסטן אין לאַנד ווייסן, אַז סטאַלין איז ווײַט נישט דאָס, וואָס מען שרײַבט אים צו; נאָר ער איז שוין אַ סימבאָל פון קאַמף קעגן פאַשיזם, און אויף וויפל דאָס איז אַזוי, דאַרף מען נאָך גרעסער מאַכן זײַן אויטאָריטעט. אָבער אין לאַנד לעבן נאָך די מענטשן, וואָס זענען געווען זייער פּאָפּולער אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע. קיראָווס טויט גיט אַ מעגלעכקייט צוצוגרייטן אַ

על סופריה ועל ספרותה, שנוצרה בעיקרה בשנות השלושים בטענה, שאין בה שום ערך יהודי ושהיא אינה לאומית — על כל המאשימים לתת תשובה, בינם לבין עצמם, על מספר שאלות:

1. האם בשנות השלושים לא היה צריך להיות כמשימה ראשונה ליהודי בריה"מ — גיוס כל המקורות, המלאי והכוחות למלחמה בהיטלריזם?

2. האם לא היה זה הצו הלאומי העיקרי?

3. האם זה לא טבעי, בלתי לאומי, שכל ההישגים בשטח ייצור של כלי־מלחמה מצאו הד מרגיע בלב כל יהודי, שחש, כי מחובתו לעשות הכול, שהאויב בכוח של הפשיזם ילך ויגבר? שמנהיגי בריה"מ הם בהכרח מתנגדי הפשיזם לא היה מוטל בספק, כי היטלר וכל התעמולה הפשיסטית אמרו בגלוי, שמטרתם היא לכבוש שטחים עצומים מרוסיה ולהתייחס לתושביה כאל אנשים נחותים. האם משמעות הרצון לעזור למתנגדי ההיטלריזם היתה בגידה בעם היהודי? למעשה, היו השירים הגרועים — הגרועים ביותר — של המשוררים היהודים, תוצאה ישירה מחקו הרשמי, כי בשירים אפשר לחזק את המדינה, והם הסופרים רצו במשהו להשתתף בהכנות למלחמה.

אני מודה, שבמשך הזמן שאני בישראל, ושביכולתי לקרוא את היצירות של הסופרים היהודים — וביניהם סופרים נפלאים — שכתבו לפני המלחמה מחוץ לגבולות ברית־המועצות, יש לי הנאה אסטטית רבה. אולם

רייניקונג פון די קעגנער. אזוי ארום איז מען ארײַן אין פעריאָד פון „די גרויסע רייניקונגען".

און די ייִדן? די סאָוועטישע ייִדן זענען ווידער געווען פאַרשפּאַרט צווישן צוויי מעגלעכקייטן — פאַשיזם אָדער סאָוועטן־מאַכט. קיין דריטע מעגלעכ־קייט, אַ רעאַלע, וועלכע זאָל קענען ראַטעווען פון פאַרשטייענדיקן, אין דער נאָענטסטער צייט, אומקום איז נישט געווען. זאָלן די וואָס פאַראורטיילן מיט אַזאַ לײַכטקייט די סאָוועטישע ייִדן, אָנווײַזן וואָס נאָך פאַר אַן אויסוועג איז פאַר זיי דעמאָלט געווען.

איידער מען טראָגט אַרויס אַן אורטייל אויף די סאָוועטישע ייִדן, אויף די סאָוועטישע ייִדישע שרײַ־בער און אויף דער ליטעראַטור פון די דרײַסיקער יאָרן, מיט דער טענה, אַז אַלץ איז נישט ייִדיש, אַלץ איז נישט נאַציאָנאַל, זאָל יעדער איינער, פאַר זיך אַליין, שטעלן אַ זאַך פראַגן און זאָל אויף זי געבן אַן ענטפער: 1) צי האָט אין די דרײַסיקער יאָרן נישט געדאַרפט זײַן די הויפּט־אויפגאַבע פאַר ייִדן, אַז אומע־טום זאָלן מאָביליזירט ווערן אַלע רעסורסן און קרעפטן צום קאַמף קעגן היטלעריזם? 2) צי איז דאָס נישט געווען קיין נאַציאָנאַלער חוב? 3) צי איז נישט נאַטירלעך, נישט נאַציאָנאַל, ווען אַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אַזאַ באַוואָפענונג רופן אַרויס אַ באַ־רויִקונג און באַפרידיקונג, ווען יעדער איינער פילט, אַז זיין פליכט, זײַן חוב איז מיטצוהעלפן ,אַז דער פּאָטענציעלער קעגנער פון פאַשיזם זאָל ווערן וואָס שטאַרקער? אַז די רעגירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מוזן זײַן קעגנער פון פאַשיזם איז דאָך קלאָר, ווײַל היטלער און די גאַנצע פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָגן אָפן, אַז זייער ציל איז צו פאַרנעמען קאָלאָסאַלע שטחים פון רוסלאַנד און יזך באַגיין מיט די בירגער אין לאַנד ,ווי מיט מענטשן פון אַ נידעריקער מדרגה. 4) צי איז אַ פאַרלאַנג מיטצוהעלפן די קעגנער פון

אחר כך מציקה לי המחשבה: אלהים אדירים — הרי כל זה נכתב לפני השואה האיומה! איך זה לא ראו בעיני רוחם, לא חלו ולא חשו, שמאיים עלינו חורבן כזה? ולא די, שעצבות אופפת אותי, אלא שאני תופס עכשיו אחרת את היצירות הפסולות של הסופרים הסוביטיים. לא, הן אינן הופכות לטובות, אבל יש בהן הרגשת־זוועה מתקרבת, ומחבריהן חיפשו קרש־הצלה. נכון, היום קל לומר, כי ההצלה המדומה שמצאו היתה מכזיבה ומסולפת. אבל ההרגשה, שמשהו קטס־טרופלי קרב ובא, יש לה ערך לא מבוטל. בחיבורי, שכתבתי בבריה״מ, הערתי מספר פעמים, עד כמה תיאורית האנוסים הקובעת, שהסופרים בעצמם רצו בכ־וונה תחילה לכתוב שירים חלשים אלה, רחוקה מן האמת. לא ולא! הם חשבו, שבשיריהם יצילו משהו או את מישהו. כך כתבתי על סמך שיחותיי ומריבותיי עם כמה סופרים. היום שנה וחצי אחרי עלותי לישראל. גוברת בי ההכרה, שהערכתי היתה נכונה. יתירה מזאת, אני משוכנע, שלולא היו המשוררים בעלי רגש לאומי, לולא היה הקו המנחה אותם ההשקפה: „האם זה טוב או רע ליהודים?״ לא היו כותבים שירים כאלה!

יטענו נגדי: השירים, שנכתבו כדי לעזור, אינם שונים בהרבה מכל הספרות הסוביטית הפטריוטית! נכון, הסיבות, שגרמו לכך, שהמשוררים היהודים יכתבום, היו ספציפיות. אם תרצו — לאומיות.

היטלעריזם געווען אַ פּאַראַט קעגן יידישן פּאָלק? — ווײַל, אייגנטלעך, זענען די שלעכטע — זייער שלעכ־טע — לידער פון די יידישע דיכטערס געווען נאָר אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער אָפיציעלער אײַנשטע־לונג, אַז מיט זיי קען מען מיטהעלפן דאָס לאַנד זאָל ווערן שטאַרקער און זיכערער, און זיי, די שרײַבער, האָבן מיט עפּעס געוואָלט אָנטיילנעמען אין די קאַמף־צוגרייטונגען.

איך בין זיך מודה, אַז פאַר דער צײַט וואָס איך געפין זיך אין ישראל און האָב אַ מעגלעכקייט צו לייענען וואָס עס האָבן געשאַפן יידישע שרײַבער — נישט זעלטן וווּנדערבאַרע שרײַבער — אויסערן סאָ־וועטן־פאַרבאַנד — פאַר דער מלחמה, האָב איך אַ גרויסן עסטעטישן פאַרגעניגן. אָבער ווען איך גיב דערנאָך אַ טראַכט: גאָט מײַנער, דאָס האָט מען דאָך געשריבן פאַר אַזאַ שוידערלעכער פאָלקס־קאַטאַסטראָ־פע! ווי איז נישט געווען קיין פאָרויסזען, כאָטש אַ פאָרגעפיל, אַז עס שטייט פאַר אַזאַ קאַטאַסטראָפע? און עס ווערט נישט נאָר טרויעריק, נאָר כ׳באַנעם גאָר אַנדערש די נישט דערלאָזבאַרע שוואַכע זאַכן, וואָס די סאָוועטישע שרײַבער האָבן געשריבן. נישט זיי ווערן פון שלעכטע — גוטע. אָבער אונטער זיי איז פאַראַן אַ פאָרגעפיל, אַז עפּעס שוידערלעכעס שטייט פאָר, און יידישע שרײַבער האָבן געזוכט אַ רעטונג. זיכער איז איצט לײַכט צו זאָגן, אַז די רעטונג, וואָס זיי האָבן געמיינט אַז זיי האָבן געפונען, איז געווען אַ פאַלשע. אָבער שוין דאָס אַליין וואָס זיי האָבן פאָרגעפילט, איז עפּעס ווערט. אין מײַן אַרבעט, וואָס איך האָב געשריבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך עטלעכע מאָל אָנגעוויזן, ווי פאַלש עס איז די אַנוסים־טעאָריע, אַז די שרײַבער אַליין האָבן געוואָלט שרײַבן אָט די שוואַכע לידער. זיי האָבן אָבער געמיינט, אַז מיט דעם וועלן זיי עמעצן פון עפּעס, צי עפּעס פון עמעצן ראַטעווען. דאָס האָב איך געשריבן אויפן סמך פון

לסיכום: אם ניגשים להעריך את יצירותיהם מנקודת מבט מוסרית-מופשטת, הומניסטית, נמצא בהן דעות מזיקות ואפילו שפלות. אך אם נביא בחשבון את התנאים המוחשיים ואת הסיבות, שגרמו לכתיבתם, נבין, ולא נדון אותם לכף חובה.

תקופת הטיהורים הגדולים

למעשה, לא נאסרו ולא הורשעו בדין בתקופה זו יותר אנשים מאשר בפרק זמן קצר אחר. ההבדל מתבטא רק בזה, שבשנים 1937 — 1939 נאסר סוג אחר של אנשים. כמעט בכל מה שנכתב בימי כרושצ׳וב מסופר, כי הורשעו אנשים ידועי שם. סולז׳ניצין היה הראשון, שהציג לפנינו את גיבורו איבן דניסוביץ, אדם פשוט ורגיל (בזה ערכה המיוחד של היצירה). החל משנות השלושים נרדפו על צוואר מיליוני איבן דניסוביצ׳ים. וחובה קדושה היא לחקור, כמה מיליונים היו וכמה מהם נספו.

מסופקני, אם יעלה בידו של מישהו להוכיח, שב־טיהורים האלה תפסה מקום כלשהו האנטישמיות. יחסית נאסרו הרבה מאוד יהודים. אחוז היהודים בין העצורים היה רב מאוד. עד אוגוסט 1938 לא קיבלו האסירים שום ספר לקריאה. חמשת הספרים, שניתנו להם באוגוסט, היו בעיקרם שירי הקומסומול. וזה ניתן בשביל 140 איש, שישבו בחדר. 90% מהם היו בעלי

מײַנע שמועסן און רײַסעניש מיט אײניקע שרײַבער. איצט, אָפּלעבנדיק דאָ אין ישראל איבער 1½ יאָר, בין איך נאָך מער איבערצײַגט, אַז מײן אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיקע; נאָך מער, איך בין טיף איבערצײגט, אַז װען זײ װאָלטן נישט געװען אַזױ נאַציאָנאַל, װען זײ װאָלטן נישט צוגעגאַנגען צו אַלץ פון שטאַנד־פּונקט: „און װי איז עס פאַר ייִדן, גוט צי שלעכט?" — װאָלטן זײ אַזעלכע לידער נישט געשריבן!

מען װעט דערװידערן: די לידער, מיט װעלכע זײ האָבן געװאָלט דינען, שײדן זיך װײניק װאָס אונטער פון דער גאַנצער סאָװעטישער פּאַטריאָטישער ליטע־ראַטור! ריכטיק, אָבער די סיבות, פאַרװאָס די מער־הײט פון די ייִדישע דיכטער האָט דאָס געטאָן, זײנען ספּעציפישע, אויב איר װילט, נאַציאָנאַלע.

װאָס איז דאָ צו רעדן, אויב מען װעט צוגײן אָפּשאַצן זײערע װערק פון שטאַנדפּונקט פון אַב־סטראַקטער מאָראַל, פון הומאַניזם, זײנען דאָרט פאַראַן אומדערלאָזבאַרע אַרויסזאָגונגען, אפילו אומ־װערדיקע, נאָר אויב מען װעט נעמען אין אַכט די קאָנקרעטע באַדינגונגען, די סיבות פאַרװאָס זײ האָבן אַזױ געשריבן, דאַרף מען דאָס אויפנעמען אין גאַנצן אַנדערש.

☆

דער פּעריאָד פון די „גרויסע רײניקונגען" 1937—1939.

פאַקטיש זײנען אין דעם פּעריאָד אַרעסטירט און פאַראורטײלט געװאָרן נישט מער װי אין אַן אַנדערן קורצן צײט־אָפּשניט אין די פריִערדיקע יאָרן. דער אונטערשײד איז געװען בלויז דער, װאָס אין די יאָרן 1937—1939 האָט מען אַרעסטירט מענטשן פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע. כמעט אין אַלץ, װאָס מען האָט געשריבן אין כרושטשאָװס צײַט װעגן סטאַלינס פאַרברעכנס, װערט דערצײלט, װי מען האָט פאַראור־טײלט אַנגעזעענע מענטשן. סאָלזשעניצין האָט דער

השכלה גבוהה. ב־1939 כבר אפשר היה להזמין ספרים לפי הבחירה. באפס מעשה, התעסקתי קרוב לשנה בחישוב מספר אחוזי־היהודים שבין העצורים. המספר היה שונה מחודש לחודש והיה נע מ־14 עד 35 אחוזים. מספר עצום. בכל זאת איני יכול לומר, שהיתה זאת תוצאה מהיחס היותר גרוע ליהודים. סיבת הדבר היא: היו אוסרים ילידי חו"ל, את השולחים מכתבים לחו"ל ואנשים שהשתייכו בעבר למפלגות פוליטיות שונות. אם מישהו היה בזמנו חבר מפלגה פוליטית כלשהי, אפילו במשך חודש־חודשיים, ואחר כך היה חבר המפלגה הקומוניסטית במשך 18 שנים והצטיין בחזי־תות ובעבודה — לא נוקה בכל זאת מחטאי־העבר.

פולין, אוקראינה המערבית, רוסיה הלבנה, ליטה ולטביה השתייכו עד מלחמת העולם הראשונה לאימ־פריה אחת — לרוסיה. המלחמה הקיפה את המדינות הנ"ל ורבים מתושביהן נמלטו לרוסיה (מהארצות הבלטיות הבריח אותם למעמקי רוסיה הצו המפורסם של ניקולאי ניקולאיביץ). אחרי מלחמת־האזרחים הפכו מדינות אלה, שמהם באו הפליטים, למדינות חוץ. משום כך היו אוסרים אותם. גם מישהו, שהובא לרוסיה בהיותו תינוק, נחשב לאיש חו"ל, כי נולד שם. רבים מבין היהודים היו בעבר חברים במפלגות שונות. מספר ניכר מהם התכתבו עם ידידים בחו"ל. אולם לא נזדמן לי אז לשמוע, שהחוקרים נטפלו ליהו־

ערשטער אַרויסגעפירט זײַן איוואַן דעניסאָוויטש, אַן איינפאַכן מענטש פון פאָלק (אויך אין דעם באַשטייט די באַזונדערע ווערט פון זײַן ווערק). מיליאָנען אַזעל־כע איוואַן דעניסאָוויטשעס זענען, אָנהייבנדיק פון די דרײַסיקער יאָרן, רעפרעסירט געוואָרן. און ס׳איז אַ הייליקע פליכט אויסצופאָרשן וויפל מיליאָנען פון זיי זענען אומגעקומען!

איך צווייפל צי אימעצער וועט קענען באַווײַזן, אַז אין די דאָזיקע רייניקונגען האָט געשפּילט אַ וועלכע ס׳איז ראָלע דער אַנטיסעמיטיזם. ייִדן זענען פאַר־הע֞לטנישמעסיק אַרעסטירט געוואָרן זייער פיל, זיי האָבן אויסגעמאַכט זייער אַ גרויסן פּראָצענט צווישן די אַרעסטירטע. ביז אויגוסט 1938 האָט מען די אַרעסטאַנטן קיין ביכער בכלל נישט געגעבן, די 5 ביכער וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אין אויגוסט, זענען געווען הויפּטזאַכלעך לידער פון קאָמסאָמאָל. דאָס האָט מען געגעבן פאַר 140 מענטשן, וואָס זענען דאַן געזעסן אין קאַמער. בערך 90% פון זיי האָבן געהאַט אוניווערסיטעט-בילדונג. אין 1939 פלעגט מען שוין קענען אויסשרײַבן ביכער לויטן פאַרלאַנג. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָב איך אין פאַרלויף פון כמעט אַ יאָר צײַט זיך פאַרנומען מיט אויסרעכענען וויפל פּראָצענט ייִדן זענען פאַראַן צווישן די אַרעס־טירטע. אין פאַרשיידענע מאָנאַטן האָט זיך באַקומען פון 14 ביז 35 פּראָצענט. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער פּראָצענט. און דאָך קען איך נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן ערגערן צוגאַנג צו ייִדן. די זאַך איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: מען פלעגט אַרעס־טירן געבוירענע אין אויסלאַנד, די וואָס שרײַבן און באַקומען בריוו פון אויסלאַנד, געוועזענע מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען — איינער האָט געקענט זײַן אין אַ פּאַרטיי נאָר איין מאָנאַט, אָדער 2, און נאָכדעם איז ער אַ יאָר 18 שוין געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט זיך

דים בגלל יהדותם. נכון — החשד בבני המיעוטים הלאומיים היה יותר גדול מאשר בילידי המקום וה־אשימו אותם בלאומניות. בבית־הסוהר היוו אז הרוסים במשך כל הזמן את המיעוט הלאומי, וזה במוסקבה!

איך זה קרה? מאין החשד לבני המיעוטים הקטנים?

שונאי בריה"מ אמרו וכתבו בגלוי, שאם תפרוץ מלחמה נגד בריה"מ יפרשו ממנה העמים הקטנים. שיקול דעתם היה: במצב הקטסטרופלי השורר במ־דינה, כתוצאה מהמדיניות הגרועה, לא יתכן אחרת. כלומר — האויב מצפה, שבתוך בריה"מ עצמה יהיה לו על מי לסמוך ולקבל ממנו עזרה. משמע, שהעמים הקטנים ישמשו לו כגיים חמישי במדינה. מסיבה זאת נרדפו והוגלו אנשים רבים. על פי רוב האשימו אותם בלאומניות. ופתאום תפסו, שהמדיניות, שננקטה במשך 15 שנה בענייני התרבות, היתה לא נכונה. במקום מדיניות, המובילה להתבוללות התרבות של העמים הקטנים בתרבות הרוסית, ניתנו להם אפש־רויות נרחבות להתרחק ממנה. לכן החליטה הממשלה לשנות את מדיניותה ולנהל פעולה רוסיפיקטורית בתוך העמים, המאכלסים את המדינה. לחסל במחי־יד את כל התרבויות הלאומיות אי אפשר היה. לכן הוחלט, שבשלב הראשון צריך לחסל את כל סימני

אויסגעצייכנט אויף די פראָנטן און אויף דער אַר־בעט — דאָס האָט קיין ראָלע נישט געפּילט. פּוילן, מערב־אוקראַינע ווײַסרוסלאַנד, ליטע און לעטלאַנד זענען ביז דער ערשטער וועלט־קריג געווען אין איין אימפּעריע — אין דער רוסישער. אין די לענדער איז אַדורך די מלחמה און מענטשן זענען פון דאָרט גע־לאָפן קיין רוסלאַנד (פון די באַלטישע לענדער האָט זיי פאַריאָגט טיף אין לאַנד דער באַוווּסטער באַפעל פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש).

נאָכן בירגער־קריג זענען די אַלע ערטער געוואָרן אויסלאַנד, און פאַר דעם פלעגט מען זייערע פּליטים אַרעסטירן. האָט מען אימעצן געקענט ברענגען קיין רוסלאַנד ווי אַ זויג־קינד נאָר, ווי באַלד ער איז גע־בוירן געוואָרן אין אויסלאַנד, בלייבט ער אַן אויסלענ־דער. געוועזענע מיטגלידער פון פּאָליטישע פּאַרטייען זענען צווישן ייִדן געווען אַ סך. אַ באַדײַטנדיקע צאָל פון זיי האָט זיך איבערגעשריבן מיט פרײַנד אין אויסלאַנד. נאָר מיר איז דאַן נישט אויסגעקומען צו הערן, אַז די אויספאָרשערס טשעפּן זיך צו אַ ייִדן צוליב זײַן ייִדישקייט. וואָס עס איז יאָ געווען — צו אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז דער פאַרדאַכט גע־ווען גרעסער ווי צו די הי־געבוירענע, און מען האָט זיי מערסטנס באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם. אין תּפי־סה זענען פאַר דער גאַנצער צײַט די רוסן געווען אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און דאָס אין מאָסקווע...

פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען? פון וואַנעט האָט זיך גענומען דער אומצוטרוי צו אַלע פעלקערשאַפטן?

די פײַנט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אָפן גע־רעדט און געשריבן, אַז אויב עס וועט זיך אָנהייבן אַ קריג מיט סאָוועטן־רוסלאַנד, וועלן די קליינע פעל־קער זיך וועלן אָפּטיילן פון פאַרבאַנד. זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז בײַ אַזאַ שרעקלעכער לאַגע אין לאַנד, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אָנפירונג פון מאָסקווע, קען אַנדערש נישט זײַן. דאָס הייסט, אַז די

הפריחה של התרבויות הלאומיות, מחוץ לגבולות הרפובליקה, ז. א. שבתי־ספר אוקראיניים יכולים להתקיים אך ורק באוקראינה, ובתי־ספר ביאלורוסיים — בביאלורוסיה וכו׳. לעומת זה, העמים הקטנים, שאינם גרים בתוך הרפובליקה שלהם, יכולים לבחור אחת מהשתיים: לקבל על עצמם את התרבות של הרפובליקה השלטת, או את התרבות הרוסית. להיטמע בתרבות הרוסית קיימות אפשרויות רבות ובכל מקום.

איך השפיעה הפעולה הנ״ל על המדינה? ההשפעה היתה עצומה. ניקח, למשל, את האוקראינים. לפי ספירת האוכלוסין ב־1959 חיו מחוץ לגבולות אוקראינה למעלה מ־5 מיליונים אוקראינים. לכל אלה לא נשאר דבר בלשון האוקראינית — לא בתי־ספר לילדיהם, לא עיתונים, כתבי־עת, לא בתי־הוצאה, לא תיאטרונים וכו׳. באוקראינה עצמה נמצאים למעלה מ־9 מיליונים לא־אוקראינים. 9 מיליונים אלה הם רוסיפיקטורים בכוח. אין פלא איפוא, שכבר ב־1959 הצהירו למעלה מ־2 מיליון מהם, כי שפת־אימם היא רוסית. אותה תופעה היתה ניכרת בכל התרבויות של עמים אחרים. תהליך זה התגבר והלך. בצפון־מזרח המדינה התבצעה בנייה עצומה. נסעו לשם נציגי כל העמים. כולם, פרט לרוסים, היו מוכרחים מבחינה תרבותית להתבולל.

שונאים רעכענען אוים, אַז זיי וועלן האָבן אַן אָנשפּאַר און הילף אין לאַנד גופא. דעריבער האָט מען זייער פיל מענטשן פון די פעלקער רעפּרעסירט און פאַרשיקט. מערסטנס זענען זיי באַשולדיקט געוואָרן אין נאַציאָנאַליזם. און דאָ האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די פּאָליטיק אויפן געביט פון קולטור, וואָס מ'האָט דורכגעפירט איבער 15 יאָר, איז נישט קיין ריכטיקע. אנשטאָט צו פירן אַ פּאָליטיק, אַז קולטורעל זאָלן זיך די קלענערע פעלקער וואָס שנעלער רוסיפיצירן, האָט מען זיי געגעבן ברייטע מעגלעכקייטן קולטורעל זיך צו דערוווייטערן פון רוסלאַנד. האָט די רעגירונג באַשלאָסן ענדערן די פּאָליטיק און דורכפירן אַ רוסיפיקאַציע, רוסיפיצירן וואָס מער פעלקער. מיט איין קלאַפּ ליקווידירן אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן איז געווען אוממעגלעך, האָט מען באַשלאָסן אויף דער ערשטער צייט ליקווידירן אַלע שפּראַצונגען פון אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער קולטור, אויסער די גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער רעפּובליק, ד.ה. אוקראַינישע שולן קענען זיין נאָר אין אוקראַינע, ווייסרוסישע — נאָר אין ווייסרוסלאַנד א.א.וו. אָבער די קליינע פעלקער, וואָס לעבן נישט אין דער אייגענער רעפּובליק, קענען אויסקלייבן וואָס זיי ווילן: אָדער אָננעמען די קולטור פון דער הערשנדיקער נאַציאָנאַלער רעפּובליק, אָדער זיך רוסיפיצירן. רוסיפיצירן זיך זענען פאַראַן ברייטסטע מעגלעכקייטן אומעטום.

וואָס האָט דאָס געגעבן אין זין פון רוסיפיצירן דאָס לאַנד? זייער פיל. נעמט צ.ב. אוקראַינער: לויט דער פאָלקסציילונג פון 1959 האָבן געלעבט אויסער אוקראַינע איבער 5 מיליאָן אוקראַינער. די אַלע האָבן שוין אַבסאָלוט גאָרנישט: זיי האָבן נישט קיין אוקראַינישע שולן פאַר די קינדער, קיין צייטונגען, זשורנאַלן, קלובן, פאַרלאַגן. טעאַטערס א.א.וו. אין אוקראַינע גופא לעבן איבער 9 מיליאָן נישט-אוקראַינער; די דאָזיקע 9 מיליאָן זענען פּאָטענציאָנעלע

באותו זמן, כשננקטו כל אמצעי־הרוסיפיקציה של העמים, סגרו גם את בתי־הספר ואת העיתונים של היהודים. בדיוק כמו בהתחלה, בשנות העשרים, היתה נתינת כל האפשרויות לפתח את התרבות ביידיש תוצאת המדיניות הכללית בענייני התרבות של כל העמים, כך היה גם דין חיסולם הסופי ב־1938 („הסו־פי" — כי החיסול לא בא בבת אחת, אלא כתהליך) של בתי־הספר ושל העיתונים היהודיים תולדה של המדיניות הרוסיפיקטורית הכללית. צריך לומר, שביחס ליהודים לא נהגו אז בקיצוניות: ליהודים עוד היה מותר לקיים תיאטרונים, כתבי־עת, בתי־ספר תיאט־רליים, בתי־הוצאה וכו'.

כאן אי אפשר לעבור בשתיקה על התפקיד הלא מכובד של יהודי העולם החופשי, שהופיעו בדרישה לאפשר להקים בבריה"מ מוסדות־תרבות ביידיש. הנה דוגמא: „בו בזמן שברית־המועצות נותנת את כל האפשרויות לפתח את התרבות הלאומית של כל העמים, יוצרת אפילו אלף־בית ואותיות־דפוס לעמים נחשלים, החסרים כל אלה, הרי כלפי היהודים" וכו' וכו'... מתבקשת השאלה: מי מושך את היהודים בלשונם לשיר שירי־הלל למנהלים מדיניות עקבית בהשמדת התרבויות של כל המיעוטים ועושים כל מה שביכולתם להטמעת עשרות מיליונים בני־אדם בתרבות הרוסית? התעמולה הסוביטית הוליכה שולל יהודים אלה בקלות יתירה, קנתה אותם בזול. נכון שבברית־

רוסיפֿיקאַטאָרן. און עס איז גאָר קיין װוּנדער נישט, װאָס שוין אין יאָר 1959 האָבן איבער 2 מיליאָן אוקראַיִנער, װאָס לעבן אין אוקראַיִנע, אָנגעגעבן אַז זייער מוטערשפּראַך איז רוסיש. דאָס זעלבע קומט פֿאָר מיט די קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער. דער פּראָצעס װערט אַלץ גרעסער און שטאַרקער. ס׳קומען פֿאָר גרויסע באַװעגונגען אויפֿן צפֿון־מזרח פֿון לאַנד, עס פֿאָרן אַהין פֿאָרשטייער פֿון אַלע פֿעלקער. אַלע, אויסער רוסן, מוזן זיך דענאַציאָנאַליזירן קולטורעל.

איז אָט אין דערזעלבער צײַט װען מען האָט אָנגעװענדט אַלע מיטלען צו רוסיפֿיצירן די פֿעלקער, האָט מען אויך פֿאַרמאַכט אַלע ייִדישע שולן און צײַטונגען. פּונקט װי פֿריִער אין די צװאַנציקער יאָרן, װען דאָס געבן די ברייטסטע מעגלעכקײַטן צו אַנטװיקלען די קולטור אין ייִדיש איז געװען אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק אויפֿן געביט פֿון קולטור צו אַלע פֿעלקער, אַזוי איז אויך בײַם ענדגילטיקן ליקװידירן — 1938 — (ענדגילטיק — װײַל די ליקװידאַציע איז געשען נישט מיט איין מאָל, נאָר װי אַ פּראָצעס) די ייִדישע שולן און צײַטונגען, געװען אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער רוסיפֿיקאַטאָרישער פּאָליטיק. מען דאַרף זאָגן, אַז דאַן (1938) האָט מען נאָך פֿאַר ייִדן געמאַכט אַן אויסנאַם: מ׳האָט נאָך דערלויבט שפּילן די טעאַטערס, אַרויסגעבן זשורנאַלן, דאָס עקזיסטירן פֿון טעאַטראַלע שולן, פֿאַרלאַגן א.א.װ.

דאָ קען מען נישט פֿאַרבײַגיין און נישט זאָגן װעגן דער זייער נישט שיינער ראָלע, װאָס עס שפּילן ייִדן אין דער פֿרײַער װעלט, װען זיי טרעטן אַרויס מיט דער פֿאָדערונג מען זאָל דערלויבן אויפֿשטעלן ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד. אָט איז אַ מוסטער פֿון די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען: „אין דער צײַט װען דער סאָװעטן־פֿאַרבאַנד גיט די ברייטסטע מעגלעכקײַטן צו אַנטװיקלען די נאַציאָנאַלע קולטור פֿון אַלע פֿעלקער, שאַפֿט אַפֿילו אַלפֿאַבעטן

המועצות ישנם עמים קטנים, שמספרם מגיע לכמה אלפים, ויש גם שמספרם מגיע רק למאות. בשביל אלה יצרו גם אלף־בית וגם אותיות־דפוס. לפעולה זאת לא רק שאי־אפשר להתנגד, אלא להפך, צריך לברך עליה. לעמים אלה יש פולקלור עשיר וצריך להעלותו בכתב, כי כעבור שנים יהיה מאוחר מדי, בגלל התבוללותם המתקדמת בצעדי־ענק. אבל, האם יש בכוח העובדה, שיצרו אלף־בית בשביל הניבחים, שמספרם במדינה מגיע ל־3,700 נפש, להסתיר את כל התחבולות, שמשתמשים בהן נגד פיתוח תרבותם הלאומית של עשרות מיליונים? מי מבקש מהיהודים לפאר את הרוסיפיקטורים? אלא מה, יהודים נמצאים במצב ספציפי? נכון! אם כן כתבו, הרעישו עולמות. אבל חלילה לכם לשבח את הנוגש!

ניקח, למשל, את הפולנים. לפי ספירת־האוכלוסין ב־1959 גרו בברית־המועצות 1,380,000 פולנים. החל מ־1938 לא היו בתי־ספר, עיתונים וכו' בשפה הפולנית. בליטה, מסיבה בלתי ידועה לי, ישנם בתי־ספר כאלה. ובלטביה — לפי הספירה הנ"ל — היו 61,000 ביאלורוסים (ילידי רוסיה הלבנה), 59,800 פולנים, 36,000 יהודים ו־29,400 אוקראינים. אף לאחד מעמים אלה לא היו בתי־ספר, עיתונים, תיאטרונים וכו' בשפתם. ומעניין, לפי דעתו של אולמנים (המכונה כעת בפי ה„אינטרנציונליסטים" בשמות־גנאי — נציונליסט ופשיסט), היו בלטביה לא רק הרבה בתי־ספר יהודיים, אלא גם

און שריפטן פאַר אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבן דאָס נישט געהאַט, האָט מען ביי יידן, א.א.וו. א.א.וו.״ פרעגט זיך: ווער ציט די יידן ביי דער צונג צו זינגען דיפיראַמבן צו די, וואָס פירן דורך אַ סיסטעמאַטישע פּאָליטיק פון פאַרניכטן אַלע קולטורן פון אַלע נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן און ווענדן אָן אַלע מיטלען צו רוסיפיצירן צענדליקער מיליאָנען? די סאָוועטישע אַגיטאַציע האָט זיי פלינק אָפּגענאַרט, זיי, וואָלט איך זאָגן, ביליק געקויפט. עס איז ריכטיק, אַז אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד לעבן קליינע פעלקער, וועלכע ציילן בלויז עטלעכע טויזנט, אייניקע ציילן נאָר עטלעכע הונדערט מענטשן, זיי האָבן קיינמאָל קיין אַלפאַבעט און קיין שריפט נישט געהאַט. האָט מען פאַר זיי געשאַפן אַלפאַבעטן און שריפטן. קעגן דעם קען מען נישט, נישט נאָר דערווידערן, נאָר מ׳דאַרף עס באַ־גריסן. ביי די דאָזיקע פעלקער איז פאַראַן זייער אַ רייכער פאָלקלאָר און מען דאַרף אים פאַרשרייבן. אין יאָרן אַרום וועט זיין צו שפּעט, ווייל זיי רוסיפיצירן זיך מיט שנעלע טעמפּן. נאָר דער פאַקט וואָס מען האָט געשאַפן אַן אַלפאַבעט פאַר די ניווכים, וועלכע ציילן איבערן גאַנצן לאַנד אַרום 3,700 מאַן — דריי טויזנט זיבן הונדערט! — זאָל פאַרשטעלן די אַלע מיטלען, וואָס מען נעמט אָן ביים צונעמען ביי צענדלי־קער מיליאָנען די מעגלעכקייט צו לעבן און אַנטוויק־לען זייער קולטור? ווער בעט יידן לויבן די רוסיפי־קאַטאָרן? יידן געפינען זיך אין אַ ספּעציפישער לאַגע? ריכטיק! טאָ שרייבט וועגן דעם, נאָר לויבט נישט די באַצווינגער!

נעמט צ.ב. פּאָליאַקן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געלעבט, לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1959, איין מיליאָן 380 טויזנט פּאָליאַקן. זינט 1938 זענען נישטאָ קיין שולן, צייטונגען א.א.וו. אין דער פּוילישער שפּראַך. אין ליטע זענען זיי דאָ. איך ווייס נישט צוליב וועלכער סיבה איז ליטע אַן אויסנאַם. נעמט לעטלאַנד.

שניים בשפה הפולנית ואחד בשפה הליטאית. כיום לא קיים שם לא בית-ספר ולא עיתון של המיעוטים הלאו־מיים. הם ישנם בשפה הרוסית והלאטית. אם בריגה היו לפעמים מתקיימים קונצרטים ביידיש, הרי בפולנית ואוקראינית כמעט ולא היו כלל.

חוזרת איפוא השאלה, מי מכתיב ליהודים להלל את מדיניות השלטון בפיתוח התרבויות של כל עמי רוסיה, בשעה שמוחים הם נגד דיכוי התרבות היהודית? חרפה ובושה!

יש להצטער, שלא רק יהודי העולם, אלא גם יהודי בריה"מ — וביניהם גם סופרים יהודים — לא תפסו ואינם תופסים נכונה עד היום, מה שהתרחש ומתרחש שם. הם התייחסו ומתייחסים גם כעת, באופן נפרד לגמרי, לא רק לבעיית התרבות היהודית, אלא תפסו במבודד את הגזירות על תרבות העמים הקטנים, כאילו לא היו בתופעה זו לא התראה, ולא איום לגבי היהודים. שנות החמישים בראשיתם הוכיחו, עד כמה מוטעית היתה גישה זו. אנוכיות לאומית מזיקה קודם כל לעם עצמו. האימרה הידועה: „אם אין אני לי — מי לי, וכשאני לעצמי — מה אני" נכונה לא רק לגבי יחיד, אלא גם לגבי עמים שלמים.

☆

על תקופת הפלירט, שבין סטאלין והיטלר, אין לי הרבה לספר. שיחררו אותי ב־26 בדצמבר 1939. בבית־הסוהר הייתי מבודד. לא ידעתי, מה מתרחש במדינה

לויט דער זעלבער פאָלקס־ציילונג האָבן אין לעטלאַנד געלעבט: 61,000 ווײַסרוסן, 59,800 פּאָליאַקן, 36,000 ייִדן, ליטווינער 32,400, אוקראַיִנער 29,000. קײַנער פון די פעלקער האָט נישט קיין שולן, צײַטונגען, טעאַטערס א.א.וו. אינטערעסאַנט אַז לויט אולמאַניסן, וועמען די איצטיקע „אינטערנאַציאָנאַליסטן" רופן אָן נאַציאָנאַליסט און פאַשיסט זענען אין לעטלאַנד געווען נישט נאָר פיל ייִדישע שולן נאָר אויך 2 פּוילישע און איין ליטווישע. איצט איז קיין איין שולע און צײַטונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן דאָרט נישטאָ. בלויז רוסישע און לעטישע. אויב אין ריגע זענען נאָך זעלטן פאָרגעקומען ייִדישע קאָנצערטן, זענען קיין פּוילישע און אוקראַיִנישע קאָנצערטן כמעט בכלל נישט געווען.

טאָ ווער און וואָס דיקטירט די ייִדן, ווען זיי פּראָ־טעסטירן קעגן אונטערדריקן די ייִדישע קולטור, צו לויבן די פּאָליטיק פון דער מאַכט אין באַצוג צו אַנ־דערע קולטורן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן?

צום באַדויערן האָבן נישט נאָר ייִדן אין דער וועלט, נאָר אויך סאָוועטישע ייִדן — און צווישן זיי אפילו ייִדישע שרײַבער — באַנומען און באַנעמען נישט ריכטיק וואָס עס איז פאָרגעקומען און קומט פאָר. מען האָט באַטראַכט און מען באַטראַכט איזאָ־לירט נישט בלויז די פראַגע פון דער ייִדישער קולטור, נאָר אפילו די רעפּרעסיעס קעגן גאַנצע קליינע פעלקער האָט מען אויפגענומען איזאָלירט, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין וואָרעניש, קיין דראָונג אויך פאַר ייִדן. די ערשטע פופציק יאָר האָבן באַוויזן, ווי פאַלש דאָס איז. נאַציאָנאַלער עגאָיִזם איז שעדלעך פריִער ווי אַלץ, פאַרן אייגענעם פאָלק. דער באַקאַנטער זאָג: „אם אין אני לי — מי לי, וכשאני לעצמי — מה אני" איז ריכ־טיק נישט נאָר וועגן אן איינצלנער פּערזאָן, נאָר אויך וועגן גאַנצע פעלקער.

ובעולם. בחודשים הראשונים נבצר ממני לתפוס את השינויים, שחלו במשך 25 חודשי־המאסר שלי. כשהת־חלתי אחר כך להתמצא במצב, נוכחתי לדעת, שהיהודים מתייחסים לזה כאל משחק בין היטלר לבין סטאַלין — מי את מי ירמה? כי אחרי ככלות הכול, הלא אין אויב בנפש ויותר מסוכן לפשיזם מברית־המועצות וסטאלין. ברור, שעל היהודים לתמוך בסטאלין במשחקו. הם היו מעוניינים בלב ונפש בתבוסת הצורר הנאצי. כל נצחון שלו בקרב היה גורם ליהודים עגמת־נפש וצער רב. באותו זמן רצו היהודים בכל מאודם לעזור לשלטון הסוביטי, כי לדעתם היתה התיידדותו של היטלר לא רצינית. הסיכוי היה, שבמלחמתו בארצות־המערב יחלש הפשיזם, ואז יעלה בידי בריה"מ לחסלו כליל. שמעתי אפילו דעה, שהיטלר לא יוכל מעתה להיות כה אנטישמי, כי ייאלץ להתחשב בבריה"מ. וזה טוב ליהודים בפולין.

לגמרי אחרת תפסו את משחק האהבהבים הנ"ל אנטישמים והרבה אנשים שלא מבני־ברית: היטלר הטיף לאנטישמיות ולתיעוב יהודים. עכשיו הוא ידידנו. בעיתונות הסוביטית העתיקו את נאומיו הארסיים ונאומי השיסוי וההסתה של עוזריו. הם לגמרי לא כה רעים. הם כמעט דומים לנאומים של המנהיגים הסובי־טיים. מנהיגינו שבעי־רצון מהיטלר, ביודעם שהוא אנטי־שמי קנאי. לכן הפכה האנטישמיות לחוקית למחצה. עוד פחדו קצת, עוד התביישו, אבל דברי לעז ובדיחות על

☆

וועגן דער צײַט פון דעם פלירט צווישן היטלערן מיט סטאַלינען קען איך קיין סך נישט דערציילן. מען האָט מיך באַפרייט דעם 26טן דעצעמבער 1939. אין טורמע בין איך געווען שטאַרק איזאָלירט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד און אויף דער וועלט. די ערשטע מאָנאַטן איז מיר שווער געווען צו באַנעמען די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר די איבער 25 מאָנאַטן פון מײַן ארעסט. ווען איך האָב זיך גענומען פונאַנדערקלײַבן האָב איך געזען, אַז פיל ייִדן באַטראַכטן די לאַגע ווי אַ שפּיל, וואָס קומט פאָר צווישן היטלערן און סטאַלינען — ווער וועמען וועט אָפּנאַרן. ווײַל, נאָך אַלעמען, זענען נאָך נישטאָ אַזעלכע פײַנט פון פאַשיזם ווי די סאָוועטן־מאַכט און סטאַלין. קלאָר, אַז ייִדן דאַרפן מיטהעלפן סטאַלינען אין דער שפּיל. זיי האָבן געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן דערלעבן היטלערס מפּלה. יעדער דײַ־טשער זיג פלעגט זיי פאַרשאַפן אַ סך וויי. אין דער זעלבער צײַט האָבן ייִדן געוואָלט מיט אַלע מעגלעכ־קייטן מיטהעלפן דער סאָוועטן־מאַכט זי זאָל זײַן שטאַרק, ווײַל זי איז דאָך נאָר אויף קאַטאָוועס היט־לערס פרײַנד. דער אויסזיכט איז געווען, אַז אין קאַמף מיט די מערב לענדער וועט דער פאַשיזם אָפּגעשוואַכט ווערן און דאַן וועט די סאָוועטן־מאַכט אים אין גאַנצן באַגראָבן. איך האָב אפילו געהערט אַרויסזאָגונגען, אַז היטלער וועט איצט נישט קענען זײַן אַזוי אָפן אַנטיסעמיטיש, ווייל ער וועט זיך מוזן רעכענען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דאָס איז גוט פאַר ייִדן אין פוילן.

גאָר אַנדערש האָבן אויפגענומען דעם פלירט אַנטיסעמיטן און סתם מענטשן, נישט־ייִדן: היטלער האָט געפריידיקט ייִדן־פײַנטשאַפט און ייִדן־האַס, איצט איז ער אונדזערער אַ פרײַנד, מען דרוקט איבער אין די סאָוועטישע צײַטונגען זײַנע רעדעס און די רעדעס

היהודים היו נשמעים לעתים יותר מזומנות מאשר בימים שלפני מאסרי.

מייד עם התחלת המלחמה ועם אבחנת האוכלוסיה במבוכת המנהיגים פחת פחד התושבים מהשלטון. כבר בראשית המלחמה אפשר היה לשמוע דעות ביקורתיות כאלה, שלפני זה לא היו מעזים להעלותם על דל השפתיים. גם האנטישמים קיבלו יותר אומץ. התעמולה הגרמנית, שהופצה בעלוניה ועל ידי סוכניה המוברחים, גרמו להתגברות האנטישמיות. הממשלה לא נקטה נגדם שום אמצעים. אי אפשר לא להעלות על הדעת, שלא היתה שום הוראה של הסמכות העליונה ביותר להתנהג כך ולהתעלם לגמרי מהדיבורים האנטישמיים, כדי שתושבי המדינה לא יאמרו ולא יחשבו, כי המלחמה היא בשל היהודים: היטלר רוצה להשמידם והשלטון הסובייטי מגן עליהם. בשעת מלחמת-האזרחים, כשכל הכוחות החשוכים במדינה ניהלו תעמולה אנטישמית, היה השלטון, על אף חולשתו, מעניש בחומרה את המסיתים נגד היהודים.

בימי המלחמה גדל אמונם של סטאלין וממשלתו ביהודים. יהודים — שרים, ראשי מוסדות, מנהלי בתי-חרושת צבאיים גדולים לא היו תופעה נדירה.

כעת הארמיות הלבנות מתקדמות. נוצרה בהלה. רבים מהאוכלוסיה האזרחית נמלטו לעורף. כיוון שעל היהודים מאיימת סכנה רבה יותר, הם נמלטים באחוזים יותר ניכרים. אז מתריסים כנגדם, שהם יוצרים פניקה.

פון זײַנע געהילפֿן. זיי זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט. זיי זענען כמעט ענלעך צו די רעדעס פֿון די סאָוועטישע פירער. אונדזערע פירערס זענען צופרידן מיט היטלערן, ווייסנדיק אַז ער האָט אַזוי פֿײַנט ייִדן. דערפֿון איז געדרונגען, אַז די ייִדן־פֿראַגע שפּילט בײַ אונדזערע אייגענע פירערס קיין ראָלע נישט. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי אַרום געוואָרן האַלב לעגאַליזירט. מען פֿלעגט נאָך אַ ביסל מורא האָבן, אַ ביסל זיך שעמען, נאָר אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָגונגען, אַנעקדאָטן וועגן ייִדן האָבן זיך געהערט אָפֿטער, ווי פֿריִער, פֿאַר מײַן אַרעסטירט ווערן.

✡

גלייך ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און די באַפֿעלקערונג האָט דערפֿילט די פֿאַרלוירנקייט פֿון די פירערס, האָט זי אויפֿגעהערט זיך אַזוי צו שרעקן פֿאַר דער מאַכט. באַלד אין דער ערשטער צײַט פֿון קריג האָט מען געקענט הערן אַזעלכע קריטישע אַרויסזאָגונגען, וואָס פֿריִער וואָלט מען זיי נישט געוואַגט פֿאַרן מויל צו ברענגען. אויך די אַנטיסעמיטן אין לאַנד זענען געוואָרן געוואַגטער. די דײַטשישע אַגיטאַציע דורך פֿלוגבלעטער און דורך אַרײַנגעשיקטע אַגענטן האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דער אַנטיסעמיטיזם זאָל ווערן שטאַרקער. די מאַכט נעמט נישט אָן קיין שום מיטלען צו באַקעמפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם. עס איז אוממעגלעך נישט צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז עס איז נישט געווען קיין אָנווײַזונג פֿון די העכסטע אינסטאַנצן מען זאָל זיך מאַכן נישט הערנדיק צו אַנטיסעמיטישע רייד — די מענטשן אין לאַנד זאָלן נישט טראַכטן און זאָגן, אַז די מלחמה ווערט געפֿירט צוליב ייִדן: היטלער וויל זיי פֿאַרניכטן און סאָוועטן־מאַכט פֿאַרטיידיקט זיי. אין דער צײַט פֿון בירגער־קריג, ווען אַלע רעאַקציאָנערע קרעפֿטן אין לאַנד האָבן געפֿירט אַזאַ אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, איז ווי שוואַך די סאָוועטן־מאַכט איז נישט געווען, פֿלעגט זי פֿאַר אַגי־

וכשמתנדבים יהודים מתגייסים לצבא והם נלחמים בחזיתות בגבורה — אין שמים לב לזה. אולם כשהשלטון עוקר יהודים ומכוונם לעורף הרחוק, או כשהם עצמם נמלטים לטשקנט, משגיחים בכך והדבר מעורר תגובת-זעם אנטישמי. ממציאים להם שם-גנאי — „מגיני-טשקנט". בכל הארץ נפוצה הבדיחה על היהודים, שהם פחדנים גדולים ולכן הם מבקשים רובים עקומים, כדי שיוכלו לירות מפינת רחוב ולהיות מוגנים ע"י קיר החומה. כדי לזכות באהדת התושבים אין חוסכים בסיסמאות לאומניות, ובמיוחד, כשמדובר ברוסים שבברית-המועצות. משתדלים עוד יותר להאדיר את סמכותו של סטאלין הכל-יכול. הוא הפך לסמל המלחמה בפשיזם. הגברת סמכותו היתה משימת כל האנטיפשיסטים. ליהודים פעולה זו היא משימה לאומית. אפילו אלה, שדעתם על סטאלין היתה ונשארה שלילית, לא אמרו זאת עכשיו בפומבי, ולא בשל פחד מפני סכנה אישית, אלא משום שהצהרה כזאת היתה עלולה להחליש את רצון האזרחים ללחום נגד היטלר.

הצבא הסוביטי התחיל במסעו בחזרה למערב. הוא שיחרר ערים רוסיות, שבהן לא נשאר זכר מתושביהן היהודים. הוא כובש את לטביה, את ליטה, את אסטוניה ואת פולין — כמעט כל היהודים הושמדו. ברור, שאילו לא היתה האוכלוסיה הלא-יהודית שמחה, ומה גם מתנגדת להשמדת היהודים, לא היו הגרמנים יכולים

טאַציע קעגן יידן שטרענג באַשטראָפן. איצט — די דייטשישע אַרמייען גייען פאָרויס. עס ווערט אַ פּאַניק. אַ סך פון דער ציווילער באַפעלקערונג לויפן צום הינטערטייל. די יידן, וועמען ס'דראָט אַ גרעסערע געפאַר, לויפן פּראָצענטועל מערער, זאָגט מען, אַז יידן שאַפן אַ פּאַניק. אַז יידן גייען פרייוויליק אין דער אַרמיי, שלאָגן זיך העלדיש אויף די פראָנטן — דאָס באַמערקט מען נישט, נאָר ווען אויך יידן האָט מען עוואַקוירט, אָדער זיי זענען אַליין געלאָפן קיין טאַש־קענט — דאָס באַמערקט מען און מען רופט אָן אַלע יידן — „פּאַרטיידיקער פון טאַשקענט". איבערן גאַנצן לאַנד פאַרשפּרייט זיך דער וויץ וועגן יידן. אַז זיי זענען אַזעלכע פּחדנים, אַז זיי בעטן מען זאָל זיי געבן קרומע ביקסן, כדי זיי זאָלן קענען שיסן פון אַ ראָג גאָס און אַליין זיין באַשיצט הינטער דער וואַנט פון מויער. צו געווינען די סימפּאַטיע פון די בירגער זשאַ־לעוועט מען נישט קיין נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען, דערהויפּט, וועגן רוסישן מענטש אין רוסלאַנד. מען באַמיט זיך נאָך גרעסער מאַכן סטאַלינס אויטאָריטעט. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון קאַמף קעגן פאַשיזם. גרעסער מאַכן זיין אויטאָריטעט ווערט אַן אויפגאַבע פון אַלע אַנטיפאַשיסטן. פאַר יידן ווערט עס אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. אפילו די, וואָס האָבן געהאַט און האָבן וועגן אים אַ שלעכטע מיינונג, האָבן עס איצט עפנטלעך נישט געזאָגט. און נישט אויס מורא פאַר אַ פערזענלעכער געפאַר, נאָר ווייל אַזאַ דערקלערונג קען אָפּשוואַכן ביי די בירגער דעם קאַמף קעגן היטלערן.

די סאָוועטישע אַרמיי פאַנגט אָן איר מאַרש צוריק אויף מערב. זי באַפרייט שטעט, ווו פון יידן איז קיין עסטלאַנד ,פוילן — ווו כמעט אַלע יידן זענען פאַר־זכר נישט פאַרבליבן. זי פאַרנעמט לעטלאַנד, ליטע, ניכטעט. עס איז קלאָר געווען, אַז ווען די נישט־ידישע באַפעלקערונג פון די לענדער וואָלט נישט געווען

להגשים את מעשי־ההכחדה הגמורה והאיומה. אולם התברר, שאוכלוסיות המדינות הנ"ל התייחסו ליהודים בצורה יותר חמורה מהגרמנים עצמם. בין העמים, שהשתתפו באופן פעיל בהשמדת היהודים, היו גם רוסים, אוקראינים וביאלורוסים, שחיו וחונכו מחדש למעלה מעשרים שנה בברית־המועצות. בשביל כל יהודי בריה"מ, כמעט בלי יוצא מהכלל, זה היה הלם כה גדול, שלא היו מסוגלים להשתחרר ממנו. בכל מקום, שבו נזדמנו יהודים, הם דיברו אך ורק על נושא אחד — על השואה. מתבוללים למחצה, ומתבוללים גמורים, ו־אפילו אלה שלא היו ידועים כיהודים (רק אחד מהוריהם היה בן הגזע היהודי) — שוחחו אך ורק על השואה.

נוזפים ביהודים הסוביטיים, על שחדלו מהיות יהו־דים והפכו לאזרחים סוביטיים, ולא נשאר בהם שום אות מיהדותם, ושהספרות היהודית־סוביטית היתה פחות יהודית ויותר סוביטית.

טוב, נניח, שטענה זו צודקת. יהודי בריה"מ בשנות השלושים והעשרים היו יהודים גרועים. אבל יהודי־ליטה ולטביה, עד שנת 1940, היו יהודים טובים? הרי תאמו בדיוק לשבלונים, שנדרשו מהיהודים! האם אלה מהם, שהתנדבו לצבא הסוביטי והירפו נפשם למענו (ורבים מהם נפלו במלחמתם בפשיזם) הפכו ליהודים גרועים? הרי בהיכנסם לצבא הגבירו את כוחו ואת כוח הממשלה. הם היו נכונים ליהרג, ונהרגו לא כיהו־דים, אלא כחיילים סוביטיים. האם היה מעשה־גבורה

צופרידן, ווער רעדט נאָך ווען זי וואָלט געווען קעגן אַזאַ אויסמאָרדונג, וואָלטן די דײַטשן נישט געקענט דורכפירן אַזאַ פאַרלענדונג. עס האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן, אַז די באַפעלקערונג פון יענע לענדער האָט זיך אָפט באַצויגן צו ייִדן ערגער ווי די דײַטשן. צווישן די פעלקער, וואָס האָבן אַזאַ אַקטיוון אָנטייל גענומען אין פאַרניכטן ייִדן, זענען אויך געווען רוסן, אוקראַי־נער און ווײַסרוסן, וועלכע האָבן איבער צוואַנציק יאָר געלעבט. זיך דערצויגן און איבערדערצויגן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז פאַר אַלע ייִדן — כמעט אָן אויסנאַם — געווען אַזאַ שאָק, פון וועלכן מען האָט שוין צו זיך נישט געקענט קומען. ווען ס׳פלעגן ער־געץ ווו זיך טרעפן ייִדן, פלעגן זיי רעדן בלויז וועגן איין זאַך — וועגן אומקום. אָפט פלעגן שוין האַלב־אַסימילירטע, אין גאַנצן אַסימילירטע, און אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט גערעכנט פאַר ייִדן (בײַ זיי האָט נאָר דער טאַטע, אָדער די מאַמע געשטאַמט פון ייִדן) — רעדן נאָר וועגן אומקום.

מען וואַרפט פאַר די סאָוועטישע ייִדן, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זײַן ייִדן און זענען געוואָרן סאָוועטישע בירגער, אין וועלכע עס איז שוין נישט פאַרבליבן אפילו קיין שפור פון ייִדישקייט, און אַז די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור איז געווען נישט אַזוי אַ ייִדישע, ווי אַ סאָוועטישע אין ייִדיש.

נו, גוט. לאָמיר זאָגן, אַז די טענה איז אַ גערעכ־טע. די ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן געווען זייער שלעכ־טע ייִדן. אָבער די ייִדן פון ליטע און לעטלאַנד, ביזן יאָר 1940, זענען געווען גוטע ייִדן? זיי האָבן דאָך געהאַט אַלע סימנים פון די מאָדעלן וואָס ייִדן דאַרפן האָבן! צי די פון זיי, וואָס זענען פרײַוויליק אַוועק אין דער סאָוועטישער אַרמיי און גרייט געווען זייער לעבן אַוועקצוגעבן (פיל פון זיי האָבן טאַקע אַוועקגעגעבן זייער לעבן ביים באַקעמפן דעם פאַ־

זה למען עניין „זר"? איני מאמין, שאותם אנשים, הדנים לחובה את היהודים הסוביטיים על התנהגותם בשנות העשרים והשלושים, יתייחסו כך ליהודי ליטה ולטביה על התנדבותם לצבא הסוביטי. בטוחני, שיצ־הירו להפך: הם נהגו כיהודים אמיתים, הגם שהיה ידוע להם, כי עם היכנסם לארמיה, יצטרכו למלא אחרי כל ההוראות והצווים של מנהיגי הארמיות ושל אותה ממשלה, שלא לפני זמן רב חיסלה את בתי־הספר ואת העיתונות היהודיים, ושאינה מכירה כלל ביהודים כעם. בטוחני שידגישו: לנוכח סכנה כזאת אסור היה לערוך חשבונות, והיתה חובה לאומית למגר את הפשיזם בהקדם האפשרי.

אם כן, השאלה, המחייבת תשובה, היא: מדוע מאשימים את היהודים הסוביטיים, שלאחר הטבח האיום והנורא, שעשו בהם מתנגדי הסוביטים בתקופת מלחמת־האזרחים, הגיעו לאותן מסקנות של היהודים הבלטיים ב־1940 והפכו לפרוסוביטיים? על מי יכלו לסמוך? מאין יכלה לבוא עזרה? מארצות־המערב, שלא השמיעו את קולם בשעת הפוגרומים?

אינני מתגונן. החל מ־1921 התייחסתי בשלילה לבריה"מ. על הלך מחשבתי לא השפיע בהרבה היחס ליהודים. ואילו היה השלטון עושה הכול למען היהודים, גם אז הייתי שולל אותו. אולם דרך מחשבתי אינה אופיינית כלל ליהדות הסוביטית. במלוא האחריות אני מצהיר, כי למרבית היהודים — והעיקר לסופרים היהו־

שיזם), זענען געוואָרן דערמיט שלעכטע יידן? זיי האָבן דאָך, מיטן אַרײַנטרעטן אין דער אַרמיי, שטאַרקער געמאַכט אי די אַרמיי, אי די רעגירונג. זיי זענען גרייט געווען צו פאַלן, און זענען געפאַלן, ווי סאָוועטישע זעלנער. איך גלויב נישט, אַז די זעלבע מענטשן, וואָס פאַראורטיילן די סאָוועטישע יידן פאַר זייער אויפפירונג אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, זאָלן זיי, די יידן פון ליטע און לעטלאַנד, וואָס זענען פרײַוויליק אַריינגעטראָטן אין דער סאָוועטישער אַרמיי, פאַראורטיילן. איך בין זיכער, אַז אַלע וועלן זאָגן פאַרקערט: זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי אמתע יידן, כאָטש זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אַרײַנטרעטנדיק אין דער אַרמיי, וועלן זיי מוזן אויספילן און דורכפירן די אָנווײַזונגען און באַפעלן פון די אָנפירערס פון דער אַרמיי פון דער זעלבער רעגירונג, וועלכע האָט נישט לאַנג צוריק ליקווידירט יידישע שולן, פאַרמאַכט אַלע יידישע צייטונגען און זי אָנערקענט בכלל נישט קיין יידן אַלס נאַציע. איך בין זיכער, אַז מען וועט באַטאָנען: בײַ אַזאַ געפאַר האָט מען זיך מיט דעם נישט געטאָרט רעכענען, און אַז עס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער חוב, פריִער פאַר אַלץ, צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם.

טאָ זאָל מען דערקלערן פאַרוואָס באַשולדיקט מען די סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן — נאָך די שרעקלעכע שחיטות, וואָס עס האָבן דורכגעפירט אויף זיי אין דער צײַט פון בירגער-קריג, די קעגנער פון דער סאָוועטן-מאַכט — געמאַכט פאַר זיך די זעלבע אויספירונגען, וואָס די באַלטישע יידן אין 1940, און זענען געוואָרן פראָסאָוועטיש? אויף וועמען האָבן זיי זיך געקענט פאַרלאָזן, פון וועמען האָבן זיי געקענט דערוואַרטן הילף, אַ רעטונג? פון די מערב-לענדער, וועלכע האָבן געקענט וואָרענען די פאָגראָמשטשיקעס, אַז אויב זיי וועלן מאַכן פאָגראָמען אויף יידן, וועלן זיי

דים — היתה הבעיה היהודית הגורם המכריע ביותר, שהפך אותם לפרוסוביטיים.

יוכיחו אותי: „הממשלה הסוביטית גמלה ליהודים עבור כל זה „בעין יפה". נכון. וליהודים הבלטיים, שנל־חמו בלב ונפש עם הצבא הסוביטי, לא שילמו „בעין יפה"? אולם איש אינו מסיק מזה, שהם לא היו צריכים להילחם בפשיזם יחד עם הארמיות הסוביטיות. ואף אחד אינו מתרים כנגדם: שילמו לכם כגמולכם. ובכלל, האם קיימים במקום כלשהו יהודים, שעליהם לא חלה אותה שאלה? האם לא שילמה אנגליה „בצורה יפה" ליהודי פלשתינה, שהתנדבו לצבא הבריטי בזמן המל־חמה להילחם בפשיזם? רק מדינאים בלתי־אחראים עשויים להרגיש את עצמם כמנצחים ולומר: „אנחנו חזינו את הכול מראש ותמיד היינו צודקים". למעשה, כולנו במצב של פושטי־רגל. לכולנו שילמו „כראוי".

אני חוזר לרשמים, שהיו לי, ולמסקנות, שאליהן הגעתי כתוצאה מהתרשמויותי אלה.

רוסיה יצאה מהמלחמה בצורה מחרידה. ארה"ב יצאה ממנה יותר חזקה. נוסף לזה הוכיחה, שיש לה פצצה אטומית. באנגליה, ואפילו בארצות המערב (שבימי המלחמה היו תחת הכיבוש הגרמני), לא היה החורבן וההרס כה מרובים כמו בבריה"מ. זה יכול להיראות כפארדוקס, אבל לי היה נדמה — וגם עכשיו אני באותה דעה — שאחרי הניצחון על גרמניה ויפאן, הרגישה בריה"מ, שעקב נשירת שני העמים הנ"ל

קיין הילף פון זיי נישט באַקומען? אויך פּוילן האָט דער מערב נישט געוואָרנט, אַז אירע אַרמייען זאָלן קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן. איך פאַרטיידיק זיך נישט. איך האָב זיך די גאַנצע צײַט, פון 1921 יאָר, באַצויגן נעגאַטיוו צום סאָוועטן-פאַרבאַנד. אויף מײַן געדאַנקען-גאַנג האָט ווייניק געווירקט איר באַציִונג צו ייִדן אין דעם זין. ווען די סאָוועטן-מאַכט וואָלט אַפילו געטאָן אַלץ פאַר ייִדן, וואָלט איך זיך אויך באַצויגן צו איר נעגאַטיוו. נאָר מײַן אַרט דענקען איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן געדאַנקען-גאַנג פון סאָוועטישן ייִדנטום בכלל. מיט דער פולער פאַראַנטוואָרט־לעכקײַט פאַרזיכער איך, אַז אויף מערסטנס סאָוועטישע ייִדן — און הויפּטזאַכלעך אויף די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער — האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע, דעצידירנדיקע ראָלע בײַם ווערן פּראָסאָוועטיש — די ייִדן-פראַגע.

ווערט מען פאָרוואָרפן: „די סאָוועטישע מאַכט האָט די ייִדן „שיין דערפאַר באַצאָלט!״ אמת! און די באַלטישע ייִדן, וואָס האָבן געקעמפט אין דער סאָוועטישער אַרמיי מיט לײַב און לעבן, האָט מען נישט „שיין באַצאָלט״? נאָר קיינער מאַכט נישט קיין אויס־פירן, אַז זיי האָבן זיך נישט געדאַרפט שלאָגן קעגן פאַשיזם אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי, קיינער וואַרפט זיי נישט פאָר: מען האָט אײַך גוט באַצאָלט. צי זענען בכלל פאַראַן ערגעץ ווו אין דער וועלט ייִדן, וועגן וועלכע מען זאָל נישט קענען זאָגן דאָס זעלבע? צי האָט ענגלאַנד נישט „שיין באַצאָלט״ די ייִדן פון פּאַלעסטינע, וואָס זענען אין דער צײַט פון קריג אַרײַנגעטראָטן פרײַוויליק אין דער בריטישער אַרמיי צו קעמפן קעגן פאַשיזם? נאָר אומפאַראַנט־וואָרטלעכע פּאָליטיקאַנער קענען זיך פּילן ווי זיגער און זאָגן: „מיר האָבן אַלץ פאָרויסגעזען און מיר זענען שטענדיק געווען גערעכט״. מיר זענען פאַקטיש

לתקופה ארוכה מהזירה הבינלאומית מבחינה פוליטית, כלכלית וצבאית, היא עצמה נחלשה. לפני המלחמה אפשר היה לתכסס ולנצל את הניגודים, שבין יפאן לבין ארצות-הברית ולבין אנגליה, שבין גרמניה לבין ארצות-אירופה. אחרי המלחמה פג כוחו של גורם זה. אם יצ-טרכו לשוב לגבולות הקודמים, ימהרו ארה"ב ואנגליה לשקם את מדינות-המערב ההרוסות; הן אפילו יושיטו עזרה לגרמניה המנוצחת וליפאן, ורק בריה"מ לבדה תישאר בגבולותיה הישנים והחרבים. לכן החליטה הממשלה: 1. לנקוט את האמצעי הישן של הצאריזם — לתפוס הרבה שטחים, 2. להקים במדינות שמסביב ממשלות נאמנות ומסורות לאינטרסים של בריה"מ.

אין צורך להיכנס לפרטי-התוכנית הזאת. רק יש לומר, שהיא גרמה לתקופה ממושכת של מלחמה קרה ושל תחרות ההזדיינות.

אחרי המלחמה הגיעו למסקנה נוספת: התקווה, שתלו השונאים במיעוטים הלאומיים, היתה די ממשית: אוקראינה, ביאלורוסיה ועמים קטנים אחרים — שלא לדבר כבר על המדינות הבלטיות — קיבלו בזמן הרא-שון את פני הגרמנים בשמחה. רק אחר כך, כשבגלל צורכי המלחמה הפקיעו הגרמנים את הכול מהאוכלו-סיה, השתנה יחס התושבים לכובשים. כאשר חזר הצבא הסוביטי, לא הוטב מצב התושבים, אלא הורע. אם כן מה היה לעשות? התחילו להתנקם בעמים הקטנים, שגילו אהדה לגרמנים: הם הוגלו, מטף ועד זקן, ממקו-

אַלע באַנקראָט. מען האָט אונדז אַלעמען „שיין באַצאָלט".

☆

איך קער זיך אום צו די איינדרוקן וואָס איך האָב געהאַט און די אויספירן, וועלכע איך האָב געמאַכט אויפן גרונט פון די איינדרוקן.

פון קריג איז רוסלאַנד אַרויס שרעקלעך רויִנירט און אָפּגעשוואַכט. אַמעריקע איז אַרויס פיל שטאַרקער, דערצו האָט זי נאָך באַוויזן, אַז זי האָט אַן אַטאָם־באָמבע. ענגלאַנד, און אַפילו די מערב לענדער, וועלכע זענען אין דער צייט פון קריג געווען אָקופּירט דורך די דייטשן, זענען נישט אַזוי רויִנירט געווען ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס קען אויסזען ווי אַ פּאַראַ־דאָקס, נאָר מיר האָט זיך דאַן געדאַכט — איך טראַכט איצט אויך אַזוי — אַז נאָכן זיג איבער דייטשלאַנד און יאַפּאַן האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דערפילט, אַז דורך דעם וואָס די צוויי לענדער זענען אויף אַ לאַנגע צייט אַרויס פון אַלוועלטלעכן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און מיליטערישן שפּיל, איז ער אַליין געוואָרן שוואַכער. פאַר דער קריג האָט מען געקענט לאַווירן, אויסנוצן די ווידערשפּרוכן, וואָס זענען פאַראַן צווישן יאַפּאַן און די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, צווישן דייטש־לאַנד און די אייראָפּעיִשע לענדער. נאָך דער מלחמה איז דער דאָזיקער פאַקטאָר אָפּגעפאַלן. אויב זיך אומקערן צו די אַלטע גרענעצן, וועלן אַמעריקע און ענגלאַנד גיך אויפשטעלן די רויִנירטע מערב־לענדער, זיי וועלן אַפילו העלפן אויפשטעלן דאָס באַזיגטע דייטשלאַנד און יאַפּאַן, און בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט בלייבן ביי זיינע אַלטע גרענעצן רויִנירט, איינער אַליין. האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד באַשלאָסן: 1) אָנווענדן דעם אַלטן צאַרישן מיטל — פאַרכאַפּן וואָס מערער טערי־טאָריע און 2) שאַפן אַרום סאָוועטן־פאַרבאַנד רעגי־רונגען, וואָס זאָלן דינען און זיין איבערגעגעבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מותיהם, שבהם ישבו במשך מאות בשנים, לאזורים רחוקים. אבל עוד נשארו עמים, שמפאת גודלם אי אפשר היה להגלותם, לכן הוחלט להמשיך במדיניות הרוסיפיקציה של המיעוטים הלאומיים בקצב יותר מהיר. מעולם לא שרו שירי־הלל כאלה לעם הרוסי הגדול כמו עכשיו. מ„שווה בין שווים" הפך ל„אח הגדול": כל ההישגים של עם כלשהו חלו רק תודות לעם הרוסי. את הרוסיפיקציה הגבירו בכל רחבי המ־דינה. מובן, שדבר זה אי אפשר להגשים בבת אחת. זה תהליך לשנים. אולם זהו הקו העיקרי והמתמיד.

עכשיו צפה השאלה, שלא ניתן להתעלם ממנה: מה לעשות לשרידי היהודים ולשארית תרבותם? כשחוסלה במחצית השנייה של שנות השלושים הפעי־לות התרבותית של כל המיעוטים הלאומיים, שחיו מחוץ לגבולות הרפובליקות הלאומיות שלהם, התייחסו, כנזכר, ליהודים באופן יוצא מהכלל. אמנם סגרו את בתי־הספר ואת העיתונים, אבל השאירו להם תיאט־רונים, כתבי־עת, בתי־הוצאה, טכניונים וכו', ובוודאי בתמיכת השלטון. היה ברור, שכל זה לא קשור לאהבה המיוחדת של השלטון ליהודים, ולא בשל דעתו, כי היהודים זקוקים לתרבות יותר משאר העמים הקטנים, החיים מחוץ לגבולות הרפובליקות שלהם. יחס זה, היוצא מהכלל, נעשה תוך התחשבות בדעת הקהל שבחוץ לארץ. לדאבוננו, לא תפסו זאת עסקני התרבות היהודית. כדוגמא, שרק גורם זה השפיע על הממשלה,

עס איז איבעריק אַרײַנצוגײן אין דעטאַלן, ווי אַזוי דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן. מען דאַרף נאָר זאָגן, אַז דאָס האָט דערפירט צום אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ לאַנגן פעריאָד פון אַ קאַלטער קריג און אַ באַוואָפּע־נונגס־געיעג.

נאָך אַן אויספיר האָט מען געמאַכט פון דער צײַט פון קריג: די האָפענונג, וואָס די פֿײַנט האָבן געלייגט, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועלן זײַן מיט זיי, איז אַ גאַנץ רעאַלע: שוין אָפּגערעדט פון די באַלטישע לענדער, האָבן אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד און אַנדערע קליינע פעלקער די ערשטע צײַט באַגעגנט די דײַטשן זייער גוט. נאָר שפּעטער, ווען די באַדערפעניש פון קריג האָבן געפּאָדערט פון די דײַטשן זיי זאָלן אַלץ צונעמען ביי דער באַפעלקערונג, דאַן האָט זיך אײַנגאַנצן געביטן די באַציִונג פון דער באַפעלקערונג צו די אָקו־פּאַנטן. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיך אומגעקערט, איז די לאַגע פון דער באַפעלקערונג געוואָרן נישט בעסער, נאָר ערגער. טאָ וואָס טוט מען? האָט מען קליינע פעלקער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ וועלכע עס איז סימפּאַטיע צו די דײַטשן, רעפּרעסירט; פון קינדער אין די וויגן ביז גרויע זקנים. מען האָט זיי אַלע פאַרטריבן פון די ערטער, וווּ זיי האָבן אָפּגעלעבט הונדערטער יאָרן, אין ווײַטע ערטער. נאָר דאָך זענען געבליבן אַזעלכע פעלקער, וועלכע מען קען נישט פאַר־שיקן, ווייל זיי זענען צו גרויס. האָט מען באַשלאָסן פאָרזעצן די פּאָליטיק פון רוסיפיצירן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן מיט נאָך גרעסערע און שנעלערע טעמפּן. מ׳האָט נאָך קיינמאָל נישט געזונגען אַזעלכע דיפיראַמבן דעם גרויסן רוסישן פאָלק ווי איצט. פון „אַ גלײַכער צווישן גלײַכע”, איז ער געוואָרן „דער עלטסטער ברו־דער”: אַלע דערגרייכונגען פון אַ וועלכן עס איז פאָלק זענען געשען אַ דאַנק דעם רוסישן פאָלק. מ׳האָט איבערן גאַנצן לאַנד פאַרשטאַרקט די רוסיפיקאַציע. זיכער איז עס נישט אַזאַ זאַך, וואָס מ׳קען דורכפירן איינס־צוויי.

תשמש הטרגדיה המינסקאית באביב 1941, כשנאסר והומת זליג אקסלרוד. ממש מדהים, שדעת הקהל היהודי, שהגיבה נמרצות על רצח הסופרים היהודים באוגוסט 1952, התעלמה ומתעלמת עד היום מלימוד ומחקירת המאורע הטרגי הזה. בימים ההם היתה ה־אורינטציה של בריה"מ על גרמניה, ולא התחשבה בדעת יתר עמי העולם. ואז העזה לבצע פרובוקציה גדולה ואיומה נגד הסופרים היהודים. זליג אקסלרוד וסופרים אחדים ממינסק שימשו כפתיחה לפרובוקציה זו. אבל המלחמה דחתה את ביצועה הטרגי עד סוף שנות הארבעים, וסיומה חל ב־12 באוגוסט 1952 (בתקופת המלחמה כשהיתה בריה"מ מעוניינת בדעת הקהל העולמית, ובעיקר של ארה"ב, אירגנה במהירות ועד יהודי אנטיפשיסטי, וגם הרשתה להוציא לאור עיתון ביידיש — „אייניקייט").

אחרי המלחמה נוצר מצב כזה: המדינה (בעיקר האזורים ששוחררו מן הכובש) היתה הרוסה. חלק ניכר מהאוכלוסיה שיתף פעולה עם הגרמנים. אי אפשר היה להעניש את הכול. האנטישמיות חשפה את מערומיה. הגרמנים הגבירוה בתקופת הכיבוש. הרבה תושבים היו מעורבים בשוד ובהרג יהודים. כשחזרו היהודים, שרידי החורבן, ממקומות גלותם במזרח רוסיה, נודע להם, כי שכניהם השתתפו בהשמדת קרוביהם. הם מצאו אצלם חלק מרכושם השדוד. הם דרשו, שיחזירו להם את דירותיהם, שלא ניזוקו. הם תבעו להעמיד

דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס דאַרף דויערן אַ לאַנגע צייט. נאָר דאָס איז געוואָרן די גענעראַלע ליניע אויף יאָרן.

דאָ האָט מען נישט געקענט פאַרבייגיין די פראַגע: וואָס טוט מען מיט די לעבנגעבליבענע ייִדן און מיט די רעשטלעך פון דער ייִדישער קולטור? ווען מען האָט אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן ליקווידירט די קולטור-טעטיקייט פון אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס לעבן אויסער די גרענעצן פון זייערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, האָט מען, ווי שוין דערמאָנט, פאַר ייִדן געמאַכט אַן אויסנאַם — מען האָט נאָר פאַרמאַכט די שולן און צייטונגען, אָבער טעאַטערס, זשורנאַלן, פאַרלאַגן, אַ טעאַטראַלן טעכניקום האָט מען איבערגעלאָזן, און זיכער האָט די רעגירונג סובסידירט אויף דעם מיטלען. ס'איז קלאָר געווען, אַז דער אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר ייִדן נישט צוליב דער באַזונדערער ליבע צו זיי, נישט צוליב דעם וואָס די מאַכט האָט גערעכנט, אַז ייִדן נויטיקן זיך אין קולטור מער ווי אַנדערע קליינע פעלקער, וואָס לעבן אויסער די ראַמען פון זייערע נאַציאָנאַלע גרענעצן. געמאַכט געוואָרן איז דער אויסנאַם נאָר צוליב דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד. ליידער האָבן עס די ייִדישע קולטור-טוער אַזוי נישט באַנומען. — אַלס פאַקט, אַז בלויז מיט דעם האָט זיך די רעגירונג גערעכנט, קען דינען די מינסקער טראַגעדיע אין פרילינג 1941, ווען מען האָט אַרעסטירט און אומגעבראַכט זעליק אַקסעלראָדן. ס'איז ממש צו שטוינען, ווי די ייִדישע עפנטלעכקייט אין דער וועלט, וועלכע שרייבט נישט ווייניק וועגן אומברענגען די ייִדישע שרייבער אין אויגוסט 1952, פאַרנעמט זיך בכלל נישט מיט לערנען און אויספאָרשן דעם מינסקער טראַגישן עפּיזאָד. סאָוועט-רוסלאַנד האָט זיך דאַן אָריענטירט אויף דייטשלאַנד און מיט דער מיינונג פון דער איבעריקער וועלט האָט זי זיך נישט גערעכנט. דאַן האָט זי זיך פאַרמאָסטן דורכצופירן אַ גרויסע און ברייטע פּראָוואָ-

למשפט את השודדים ואת הרוצחים. כל זה הגביר עוד יותר את שנאת היהודים, והתעמולה האנטישמית במדינה התעצמה. לא היה בכוח הממשלה להדבירה. בריה"מ כבשה חבלי־ארץ זרים ותושביהם בחלקם ני־הלו מלחמה פרטיזנית. היהודים, אם כי המשיכו להח־זיק עוד במשרות אחראיות, השתנו לגמרי. מצב רוחם ודעותיהם שונו לחלוטין. מתושבים סוביטיים סתם הפכו ליותר יהודיים. הבעיה היהודית תפסה אצלם את המקום הראשון. דעתם לא היתה נוחה מהיחס הסלחני של השלטון לרוצחים ולשודדי רכוש היהודים. (כאילו אפשר היה לשלטון לקום ולהעניש את כול הפושעים ולהגדיל בזה את מספרם של הלא־מרוצים ולהגביר בכך את שורות הפרטיזנים־המורדים). ועוד צרה גדולה: בריה"מ היתה נתונה במלחמה קרה עם הרבה מדינות וכמעט עם המערב כולו. ארה"ב ואנגליה היו ראשי מתנגדיה. הממשלה הסוביטית נאלצה לגרום להן קשיים בכל אתר ואתר. יהודי פלשתינה היו שקועים במערכה כבדה נגד האנגלים וסיסמתם היתה: ליצור בפלשתינה מדינה יהודית. ממעשה זה נודף ריח הציונות. אמנם, כידוע, התנגדה בריה"מ לציונות מבחינה עקרונית, אבל כיוון שהציונים מכים באנגלים — צריך לעזור להם. והרי זו לא הפעם הראשונה לבריה"מ לומר היום את ההפך מזה, שאמרה אתמול: במשך שנים היה היטלר כליל הרע ופתאום הוא אדם, השואף רק לדבר אחד — לשלום, ורק המסיתים האנגלו־צרפתים מפריעים לו

קאַציע קעגן אַלע ייִדישע שרייבער. זעליק אַקסעלראָד און אַנדערע מינסקער שרײַבער זענען געווען אַן אַרײַנ־פיר צו דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציע. נאָך די מלחמה האָט אָפּגעלייגט ביזן סוף פון די פערציקער יאָרן די דורכפירונג פון דער פּראָוואָקאַציע, וועלכע האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט דעם 12־טן אויגוסט 1952. אין דער צײַט פון קריג, ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט גע־וואָלט געווינען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט, הויפּטזעכלעך פון אַמעריקע, האָט זי שנעל אָרגאַניזירט אַ ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און דערלויבט אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג אין יידיש — „איינִיקייט").

נאָך דער קריג האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע: דאָס לאַנד (איבערהויפּט די געביטן, וואָס זענען אַ לאַנגע צײַט אָקופּירט געווען דורך די דײַטשן) איז שרעקלעך רויִנירט. אַ גאַנץ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט די ערשטע צײַט פון דער אָקופּאַציע מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן. אַלעמען באַשטראָפן איז אוממעגלעך. אין דער צײַט פון קריג איז דער אַנטיסעמיטיזם אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. פאַר דער צײַט פון דער אָקו־פּאַציע האָבן אים די דײַטשן נאָך מער פאַרשטאַרקט. פיל בירגער זענען פאַרמישט געווען אין מאָרדן און אומברענגען ייִדן. ייִדן קערן זיך אום פון עוואַקואַציע. זיי ווערן געוויר, אַז די שכנים האָבן אָנטייל גענומען אין אויסמאָרדן זייערע נאָענטסטע. זיי געפינען בײַ שכנים זייערע זאַכן, אָנגעראַבעוועטע. זיי פאָדערן מ'זאָל באַפרײַען זייערע גאַנץ־געבליבענע וווינונגען. זיי פאָדערן מ'זאָל מישפּטן די מערדער און רויבער. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די פיינדשאַפט צו ייִדן. עס ווערט געפירט אַ שרעקלעכע אַנטיסעמיטישע אַגי־טאַציע. די מאַכט איז נישט אומשטאַנד זי צו באַקעמפן. מ'האָט פאַרנומען פרעמדע טעריטאָריעס און אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פירט אַ פּאַרטיזאַנישע קריג. די ייִדן, כאָטש זיי פאַרנעמען נאָך פאַראַנטוואָרטלעכע

להגשים את שליחותו הברוכה. והנה הוא שוב קאניבל, ואנגליה היא השואפת להשמיד את הרודנות ההיט־לרית. אם כן, מה מפריע לבריה"מ להופיע פתאום בסיסמאות ציוניות? הרי הכל מיועד רק לארצות-חוץ! אולם, ראו נא, באיזו רצינות מקבלים היהודים הסובי־טיים את התופעה החדשה. ראו, מה שמחים הם בהקמת ממשלת ישראל. זה מוכיח, שהם לאומניים, ועל בריה"מ ללמד אותם לקח.

נכון, אחרי השואה והחורבן האיום, לא היו יהודים אדישים. בריגה, מקום מגורי בימים ההם, קיבלו רוב היהודים בשמחה את המדיניות הסוביטית החדשה, והציונים שביניהם טענו: „אפילו בריה"מ הכירה, כי הציונים צודקים וגם אמריקה עוזרת. חלק זעיר התייחס לזה ברגשות מעורבים בבחינת „גילו ברעדה" — בפחד ובשמחה. לאלה האחרונים השתייכתי גם אני. אצלי אישית הכריע הפחד את השמחה. לא האמנתי לחלוטין, שאפשר לסמוך על העזרה הסוביטית. לבריה"מ היה זה מהלך טקטי בלבד. לא ידעתי, על איזו תמיכה של מדינות, ובמיוחד של ארה"ב, סמכו היהודים בהכרזתם על הקמת מדינת ישראל, ולא יכולתי לדעת. אמרתי אז, שאם יתברר, שלא הובטחה עזרה מצד ארצות אחרות, והעיקר מצד ארה"ב, ושסמכו על בריה"מ בלבד, הרי אין זו אלא הרפתקה. אחרי השואה, שלא היתה כמוה, אסור היה ליהודים להסתכן בהרפתקה. הרפתקה, גם אם תצליח, הרפתקה היא. לוּ, חלילה, היתה מדינת

פּאָסטנס, האָבן זיך אײנגאַנצן געביטן. די שטימונג, די איבערצײַיגונגען, זענען בײַ זײ געװאָרן גאָר אַנדערע. זײ זענען געװאָרן מער ייִדן װי סאָװעטן־בירגער. די ייִדן־פֿראַגע פֿאַרנעמט בײַ זײ דאָס ערשטע אָרט. זײ זענען נישט צופֿרידן, װאָס די סאָװעטן־מאַכט באַשטראָפֿט נישט אַלע אויסװאָרפֿן פֿאַר די פֿאַרברעכנס, װאָס זײ זענען באַגאַנגען קעגן ייִדן. (כאָטש נעם באַשטראָף אַלע און דערמיט פֿאַרגרעסער נאָך די רײען פֿון די אומצופֿרידענע און פֿון דער פּאַרטיזאַנשטשינע).

דאָ איז דער סאָװעטן־מאַכט צוגעקומען נאָך אַ צרה: זי פֿירט אַ קאַלטע קריג מיט פֿיל לענדער. כמעט מיטן גאַנצן מערב. אַמעריקע און ענגלאַנד זענען די הויפּטקעגנער. די סאָװעטן־מאַכט מוז זײ שאַפֿן שװעריקײַטן אומעטום, װוּ עס איז נאָר מעגלעך. די ייִדן אין פּאַלעסטינע פֿירן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן ענגלאַנד, זײ טרעטן אַרויס מיט אַ לאָזונג — שאַפֿן אין פּאַלעסטינע אַ ייִדישע מלוכה. דאָס שמעקט שוין מיט ציוניזם. זיכער, אַז דער ראַטן־פֿאַרבאַנד איז אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון ציוניזם, נאָר װי באַלד די ציוניסטן שלאָגן די ענגלענדער — דאַרף מען זײ העלפֿן. און דאָס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, װען די סאָװעטן־מאַכט זאָגט הײַנט דאָס קעגנזעצלעכע פֿון דעם װאָס זי האָט געזאָגט נעכטן: אָט איז היטלער אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן געװען דאָס ערגסטע בײזס, און אָט איז ער אַ מענטש, װאָס שטרעבט צו אײן זאַך — צו שלום, נאָר די ענגליש־פֿראַנצויזישע קריגסהעצער שטערן אים דורכצופֿירן זײַן פֿרידלעכע מיסיע; אָט איז ער װידער, היטלער, אַ מענטשן־פֿרעסער און ענגלאַנד שטרעבט צו פֿאַרניכטן די היטלערישע טיראַניי. איז װאָס שטערט דעם סאָװעטן־פֿאַרבאַנד מיט אַ מאָל אַרויסצוטרעטן מיט ציוניסטישע לאָזונגען? דאָס איז דאָך נאָר פֿאַר אויסלאַנד! אָבער גיט אַ קוק װי די סאָװעטישע ייִדן נעמען עס אויף אַזוי ערנסט. גיט אַ קוק װי זײ פֿרײען זיך, װאָס עס איז געשאַפֿן געװאָרן די ישראל־רעגירונג.

ישראל מחוסלת ע"י אויביה מייד לאחר הכרזתה, היתה זו שואה כפולה ומכופלת לכל העם היהודי בארץ ובתפוצות — היה זה אסון שאין לתארו. והיות ולפי דעתי אז — וגם היום — אין ישראל פותרת את הבעיה היהודית בקנה-מידה עולמי, הגעתי למסקנה, שלעתים קרובות ותמיד במקרים מסוימים, ישראל לא התחשבה בעניינים, הנוגעים ליהדות כולה.

מובן מאליו, שהיה ידוע לשלטון על ההתעוררות, שתקפה את היהודים הסוביטיים. הוא ראה זאת בעין רעה והחליט להנחית גם על היהודים מכת-מוות; „גם" — משום שעמים קטנים אחרים כבר טעמו את נחת זרועו לפני זה — הם הוגלו למקומות, שבהם נספו בהמוניהם.

לגורם, שהשפיע בשנות השלושים על חיסולה המוחלט של התרבות היהודית — והוא דעת הקהל העולמית — לא היתה עכשיו כל חשיבות: בריה"מ היתה במצב של מלחמה קרה עם העולם כולו. לכן כילו במכה אחת את כל מוסדות התרבות של היהודים זה אחר זה. אפילו לתופעות האי-הגיוניות התכופות שבבריה"מ יש היגיון משלהן.

הראשון, שהביא לריגה את הידיעה על סגירת מוסדות התרבות של היהודים, היה העיתונאי מובשוביץ (הארץ). הוא היה אז במוסקבה. כשסיפר לי על כך, אמרתי לו: גורל הסופרים היהודים ועסקני התרבות קבוע מראש. יאסרו את כולם. מובשוביץ התנגד

דאָס באַווייזט, אַז זיי זענען נאַציאָנאַליסטן — מוז מען מיט דעם פאַרענדיקן!

ריכטיק איז, אַז נאָך דער איבערגעלעבטער קאַטאַס־טראָפע, נאָכן אומגעהייערן אומקום, זענען קיין גלייַכ־גילטיקע יידן נישט געווען. אין ריגע, ווו איך האָב דאַן געלעבט, האָבן מערסטנס יידן אויפגענומען מיט פרייד די שפּאָגל־נייַע סאָוועטישע פּאָליטיק. ציוניסטן פלעגן דאַן זאָגן: „איר זעט, אַפילו דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָנערקענט, אַז ציוניסטן זענען גערעכט״ אַמעריקע העלפט אויך. אַ קליינער טייל האָט עס אויפ־גענומען מיט אַ געמישטער שטימונג: מיט פרייד און שרעק. צווישן די לעצטע בין איך געווען. ביַי מיר פּערזענלעך איז די שרעק געווען גרעסער ווי די פרייד. איך האָב אַבסאָלוט נישט געגלויבט, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף סאָוועטישער הילף. פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז עס גאָר אַ טאַקטישער מאַנעווער. מיט וועלכע הילף פון אַנדערע לענדער, און הויפּטזעכלעך פון אַמעריקע, מ׳האָט זיך באַוואָרנט ביַים פּראָקלאַמירן די אָנשטיצונג פון ישראל, האָב איך נישט געוווּסט און נישט געקענט וויסן. איך האָב דאַן געזאָגט, אַז אויב ווען עס איז וועט זיך אַרויסווייַזן, אַז מען איז נישט געווען באַוואָרנט מיט הילף פון אַנדערע לענדער, און הויפּטזעכלעך פון אַמעריקע, און מ׳האָט זיך פאַר־לאָזט אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז עס געווען אַן אַוואַנטורע. נאָך אַזאַ קאַטאַסטראָפע ביַי יידן, זיך לאָזן אויף אַזאַ אַוואַנטורע האָט מען נישט געטאָרט. אַן אַוואַנטורע אַפילו מיט אַ גליקלעכן סוף בלייַבט אַוואַנ־טורע. ווען נאָך דעם ווי ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, וואָלט זי אין עטלעכע טעג אַרום ח״ו ליקווי־דירט געוואָרן, וואָלט עס געווען אַזאַ שרעקלעכע קאַ טאַסטראָפע פאַרן גאַנצן וועלט־יידנטום, וואָס עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן. און אַזוי ווי איך האָב גערעכנט׳ אַז ישראל לייזט נישט די יידן־פראַגע אין וועלט־מאָס־שטאַב — איך רעכן איצט אויך דאָס זעלבע — האָב

לדבריי בדחיפות והתרים כנגדי, שאני יוצר פניקה. הנה אתמול נפגש עם ארנבורג ומפיו שמע, שב„אגיז" (בית ההוצאה הכלל־רוסי) תהיה מחלקה יהודית. עניתי לו למובשוביץ: לו אני הייתי שומע מפי ארנבורג דברים אלה, הייתי אומר לו, שהוא פרובוקטור. אנשים צריכים לדעת, מה צפוי להם, כי הגרוע ביותר הוא, ליפול בידי החוקרים ללא הכנה נפשית. אז האנשים בידיהם כחומר ביד היוצר. אין להניח, כי השלטון יאפשר לקבוצת אנשים מפורסמים ובלתי מרוצים לפעול כרצונם וכ־הבנתם. הוא יבודד אותה. אין ספק, שלשלטון יהיה ברור, כי הסופרים והעסקנים לא יהיו שבעי־רצון. הוויכוח בינינו הידרדר למריבה. לא נפגשנו עוד זמן רב, עד שלא התחילו להגיע אלינו זו אחר זו ידיעות הזוועה.

אחרי זה באו המאורעות הידועים לכול. היהודים ראו שחורות. הם חשבו, שהגלית כל היהודים, מקטון ועד גדול, למקום נידח, קרבה ובאה. מותו של סטאלין הציל אותם. באחד הימים ייוודע, אם היה יסוד כלשהו לשמועות אלה.

איך התנהגו בשנים ההן יהודי ריגה? הם התנהגו ככל אזרחי בריה"מ, כשעמדו לפני גזרות אכזריות. לקיום מדינת ישראל ולגבורת חיילי ישראל בשעת הקמת המדינה, לא היתה השפעה ניכרת על היהודים. אינני תופס, מדוע אין מבינים עד היום, שפחדנות אזרחית ומדינית וגבורה צבאית גם יחד יכולות לאפ־

איך געמאַכט אַן אויספיר, אַז מען האָט נישט גענומען אין אַכט די אינטערעסן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. איך בין זיך מודה, אַז גאַנץ אָפט נעמט נישט ישראל אין באַטראַכט די אינטערעסן פון גאַנצן ייִדנטום...

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די מאַכט האָט גוט געוווּסט וועגן דער אויפרודערונג, וואָס הערשט בײַ די סאָוועטישע ייִדן. זי האָט עס צוגעשריבן צו די נישט גוטע פאַר זיך ענדערונגען, און האָט באַשלאָסן געבן טויט־קלעפּ אויך ייִדן. איך זאָג „אויך", ווײַל אַנדערע קליינע פעלקער האָט זי נאָך פריִער געגעבן טויט־קלעפּ — מ'האָט זיי אַלעמען פאַרשיקט אין אַזעל־כע ערטער, ווו זיי זענען מאַסנווייז אומגעקומען.

דער פאַקטאָר, וואָס האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געווירקט מען זאָל בלויז ליקווידירן ייִדישע שולן און צײַטונגען און איבערלאָזן זשורנאַלן, פאַרלאַגן און טעאַטערס — די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דער וועלט — האָט מער ווירקן נישט געקענט. סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען מיט דער גאַנצער וועלט, מיט וועלכער זי האָט זיך פריִער גערעכנט, אין אַ קאַלטער קריג. האָט מען מיט איין קלאַפּ ליקווידירט אַלע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס. דערנאָך האָט שוין איינס גע־צויגן דאָס צווייטע. אויך די אָפט אומזיניקע געשעענישן אין סאָוועטן פאַרבאַנד האָבן זייער לאָגיק.

דער ערשטער, וועלכער האָט קיין ריגע געבראַכט די ידיעה, אַז מען האָט פאַרמאַכט אַלע ייִדישע קול־טור אינסטיטוציעס, איז געווען דער זשורנאַליסט מאָושאָוויטש (הערץ). ער איז גראָד דאַן געווען אין מאָסקווע. ווען ער האָט עס מיר דערציילט, האָב איך אים געזאָגט: דער גורל פון די ייִדישע שרײַבערס און קולטור־טוערס איז שוין פון פאָרויס אַ באַשטימטער. מ'וועט זיי אַלעמען אַרעסטירן. מאָושאָוויטש האָט מיר שטרענג דערווידערט און פאַרגעוואָרפן, אַז איך שאַף אַ פּאַניק. אָט האָט ער זיך נעכטן געטראָפן מיט ערנבורגן און יענער האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט

יין אותה אישיות? דוגמאות בלי סוף מהמאורעות בבריה״מ בלבד, ובפרט כשמדובר בחשיבה עצמאית וחסרת־פחד, מאשרים זאת. מה רב הוא מספר הגיבו־רים החוששים מחשיבה זו!! אין דבר בעולם. שממנו פוחדים אנשים יותר מאשר ממחשבה עצמאית. מחפ־שים בעלי־סמכא, לא כדי שיתנו חומר למחשבה, אלא כדי שישחררו מחשיבה... לא די, שהשלטון השמיד כל זכר של התרבות היהודית, גם היהודים עצמם שרפו במו ידיהם, כאמור לעיל, כל מה שיהיה כתוב בשפה היהודית. למעשה, הם השתתפו בהשחתת הערכים היהודיים. לא הייתי מזכיר את כל זה, לולא היו חוזרים כאן בישראל אותם אנשים וצאצאיהם על אותה גירסה (שנוצרה כאן), שעל התנהגותם של היהודים הסוביטיים השפיעו בשנים האחרונות הקמת מדינת ישראל ובואה של גולדה למוסקבה כנציגת ישראל. למעשה, לא היו היהודים נכונים בשנות 1952—1953 לשום התנגדות. בימים ההם היתה התנגדות כשלהי מעשה שטות ופשע לגבי היהודים עצמם. אפילו להבעת אומץ וגאווה לאו־מית כלפי השונאים לא היו נכונים.

בזמן ההוא לא הבחנתי בשום הבדל בין התנהגות היהודים, שחזרו ממרחקי בריה״מ, לבין התנהגות היהו־דים, שנולדו וחונכו בלטביה עצמה. והרי לא לפני זמן רב מחו יהודי לטביה את יהודי בריה״מ מהשתייכות לעם היהודי.

✡

זײַן „אגיז״ — אַלגעמיינער רוסישער פאַרלאַג — אַ יידישע אָפּטיילונג. איך האָב דאַן געזאָגט מאָווישאָ־וויטשן: ווען איך וואָלט געהערט פון ערנבורגן אַזעלכע ווערטער, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז ער איז אַ פּראָ־וואָקאַטאָר. מענטשן דאַרפן וויסן וואָס זיי דערוואַרט, ווײַל דאָס ערגסטע איז, ווען מען פּאַלט אַרײַן צו די אויספאַרשערס אַ נישט־צוגעגרייטער אינערלעך. זיי מאַכן דאַן פון מענטשן וואָס זיי ווילן. עס איז אוממעג־לעך, אַז די מאַכט זאָל לאָזן אויף דער פרײַ אַזאַ אָנגע־זעענע און אומצופרידענע גרופּע. זי וועט זיי איזאָלירן. אַז די שרײַבער און קולטור־טוער וועלן זײַן נישט צופרידן — וועט זיך שוין די מאַכט ווי עס איז אָנ־שטויסן... אונדזער אַמפּערן זיך איז אַריבער אין אַ קריגערײַ. אַ לאַנגע צײַט, ביז עס האָבן נישט אָנגע־הויבן אָנקומען איינס נאָך איינס טרויעריקע ידיעות, האָבן מיר זיך נישט געטראָפן.

דערנאָך זענען פאָרגעקומען די געשעענישן, וואָס אַלע ווייסן וועגן זיי. יידן האָבן דערוואַרט דאָס ערגסטע. מ׳האָט גערעכנט, אַז ס׳איז צוגעגרייט אַ פאַרשיקונג פון אַלע יידן, פון קליין ביז גרויס. נאָר סטאַלינס טויט, ווי געזאָגט, האָט פון דעם געראַטעוועט. ווען עס איז וועט מען וויסן, צי די קלאַנגען האָבן געהאַט אַ גרונט.

ווי האָבן זיך אין יענע יאָרן אויפגעפירט יידן אין ריגע? זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי אַלע בירגער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, בײַם דערוואַרטן די שרעקלעכסטע רעפּרעסיעס. די עקזיסטענץ פון ישראל, און די מיליטערישע העלדישקײַט פון די ישראל־זעלנער בײַם אַנטשטיין פון ישראל, האָט ווייניק וואָס געווירקט אויף יידן. איך קען נישט באַנעמען, פאַרוואָס ביז איצט באַגרײַפן נישט מענטשן, אַז מיליטערישע העלדישקײַט אין בירגערלעכער, נאַציאָנאַלער קליינמוט, קענען לעבן אין איין און דער זעלבער פערזאָן. בלויז פון די געשעע־נישן אין סאָוועטן־פיירבאַנד קען מען ברענגען אָן אַ צאָל בײַשפּילן. ווער רעדט נאָך ווען ס׳גייט אין נישט

בשבועות הראשונים לאחר מותו של סטאלין גבר פחד היהודים על שמחתם. פחדו מהתוהו־ובוהו, שהיה עלול להשתרר במדינה. אחרי תעמולה אנטישמית כה גלויה, שהתנהלה בשנים האחרונות בחיי סטאלין, ונוכח מצב כלכלי כה קשה, שבו היתה שרויה הארץ, מי יכול היה לחוש, מה צפוי ליהודים? אצל יהודי ריגה — בין ילידי־לטביה ובין אלה שבאו מבריה"מ — היתה החרדה לבאות אולי יותר גדולה. זה היה לגמרי טבעי: ריגה — אין עוד בירה באירופה, שהיתה לאחר הכיבוש הגרמני מוקפת בכל כך הרבה קברות־המונים של יהודים. לריגה הובאו יהודים מהרבה ערים באירופה, וביערות שמס־ביבה, במיוחד בביקרניקה, נורו. הגרמנים מצאו שם את כל הדרוש להם להשמדה ההמונית. האוכלוסיה היתה לא רק אדישה, אלא להפך, היא ביצעה ברצון רב את הטבח ההמוני. הגרמנים היו אפילו שולחים לאטים ל„גסטרולים" לארצות אחרות לבצע את ההרג ההמוני. אם יפרצו אי־סדרים במדינה, מי יודע, אם הלאטים לא ינצלו אותם שוב להשמדת יהודים? וייתכן גם אחרת — התעמולה האנטישמית, שהתנהלה בפומבי בעיתונות הסוביטית, תגרום לכך, שדווקא הלאטים, מחמת שנ־אתם לרוסים, יתחילו להתייחס ליהודים ביתר סובלנות, וכתוצאה מכך יהיו נושאי דגל האנטישמיות בלטביה דווקא הרוסים. בשבועות הראשונים למותו של סטאלין לא חשבו בכיוון זה, ולא יכלו אפילו לחשוב. רק לאחר

מורא האָבן זעלבסשטענדיק צו טראַכטן — וויפל העלדן עס שרעקן זיך דערפאַר! ! פאַר קיין זאַך אין דער וועלט שרעקן זיך נישט אַזוי מענטשן, ווי פאַר זעלבסשטענדיק טראַכטן. מען זוכט אויטאָריטעטן, נישט זיי זאָלן געבן וועגן וואָס צו טראַכטן, מען זוכט זיי — זיי זאָלן באַפרײַען פון טראַכטן... — איז נאָך ווייניק געווען וואָס די מאַכט האָט פאַרניכטעט אַלץ וואָס ייִדיש איז, האָבן ייִדן אַליין, מיט די אייגענע הענט פאַרברענט ביכער וואָס זענען געשריבן אויף ייִדיש. פאַקטיש האָבן זיי אָנטייל גענומען אין אויסראָטן ייִדישע קולטור־ווערטן. איך וואָלט עס דאָ נישט דערמאָנט, ווען די זעלבע מענטשן און זייערע קינדער וואָלטן דאָ אין ישראל נישט איבערגעחזרט די ווערסיע, וואָס עס איז דאָ געשאַפן געוואָרן, אַז אויף דער אויפפירונג פון די סאָוועטישע ייִדן אין די לעצטע יאָרן האָבן געווירקט די אַנטשטייונג פון ישראל און גאָלדעס קומען קיין מאָסקווע, ווי אַ ישראל־פאָרשטייערין. (ווען פאַקטיש איז מען נאָך אין 1952—1953 נישט נאָר נישט גרייט געווען אַרויסצוווײַזן אַ ווידערשטאַנד — דאָס וואָלט דאַן געווען. אַן אומזין און אַ פאַרברעכן אַפילו קעגן די ייִדן אַליין — נאָר, ווייניקסטנס, באַגעגענען די פײַנט מיט מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן שטאָלץ און מוט, איז מען אויך נישט גרייט געווען).

איך האָב צו יענער צײַט אין ריגע נישט געזען קיין אונטערשייד צווישן דער אויפפירונג פון די ייִדן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און די געבוירענע און אויסגעוואַקסענע אין לעטלאַנד גופא. און ערשט נישט לאַנג האָבן דאָך די אין לעטלאַנד געבוירענע ייִדן אויסגעשטראָכן די סאָוועטישע ייִדן פון ייִדישן פאָלק.

די ערשטע וואָכן נאָך סטאַלינס טויט האָט צווישן ייִדן געהערשט מער מורא ווי צופרידנקייט. מ׳האָט מורא געהאַט פאַרן כאַאָס, וואָס קאָן אויסברעכן אין לאַנד. נאָך אַזאַ אָפענער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע,

שנים עשוי שינוי כזה להגיע למצב, שירגישו ויבחינו בו.

כאשר ליום השלושים לפטירתו של סטאלין הודיעו על הריהביליטציה של הרופאים, נשמו היהודים לרווחה. הוסר הסיוט. עד יומו האחרון של סטאלין תפסו היהו־דים משרות אחראיות, ובאותו זמן פוטרו הרבה מהם מעבודתם. לשוב ולהתקבל מחדש לעבודה היה קשה מאוד, כמעט אי אפשר. היו הוראות מהאינסטנציות הגבוהות ביותר להרחיק יהודים מעבודה. אם קרה, שמנהל מוסד או בית־חרושת לא היה פעיל במיוחד בטיהור המנגנון מיהודים, היה עליו להתייצב ברייקום (הוועד המחוזי) והגורקום (הוועד העירוני) ואפילו ב־וועד המרכזי של המפלגה ושם היו „משוחחים" אתו. הדברים הגיעו לידי כך, שיהודים, מנהלי מוסדות, היו נאלצים להרחיק יהודים מהמוסדות, שהם עצמם עמדו בראשם. עם הריהביליטציה של הרופאים חל שינוי רב, אולם מהצער ומהכאב אינם יכולים להשתחרר עד היום הזה, זאת תופעה טבעית. גרוע מזה, שאצל היהודים נשאר לזמן רב משקע של דיכאון. בכל זאת, עוד יותר פחדו כל היהודים, אחרי מותו של סטאלין, מפני התוהו־ובוהו, העלול לפרוץ במדינה. בהשוואה לאנשים שאינם מבני־ברית, היה פחד היהודים עמוק ומדכא יותר: אחרי השואה, אחרי הסיוט של ראשית שנות החמישים, כשהורעלה הארץ באנטישמיות פראית, היה יסוד ממשי לאימה שתקפה אותם.

וואָס עס איז געפּירט געוואָרן אין דער לעצטער צײַט פון סטאַלינס לעבן, בײַ אַזאַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד — ווער ווייסט מיט וואָס דאָס קען זיך אויסלאָזן פאַר ייִדן. בײַ די ריגער ייִדן — סיי געבוירענע אין לעטלאַנד און סיי אַנגעפאַרענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — איז דער אומרו געווען אפשר נאָך גרעסער. דאָס איז געווען זייער נאַטירלעך. ריגע איז, ווי קיין שום אייראָפּעיִשע הויפּטשטאָט, וואָס איז אָקופּירט געווען דורך די דײַטשן, אַרומגערינגלט מיט ייִדישע מאַסן־קברים. פון פיל אייראָפּעיִשע לענדער האָט מען ייִדן געבראַכט קיין ריגע, און אין די וועלדלעך אַרום ריגע — דערהויפּט אין ביקערניקע — האָט מען זיי דערשאָסן. די דײַטשן האָבן דאָ געהאַט אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט בײַם דורכפירן די מאַסן־מאָרדן. נישט נאָר אַ גלײַכגילטיקע באַפעלקערונג, נאָר אַפילו אויס־פירער פון די מאָרדן. די דײַטשן פלעגן נאָך שיקן לעטן אויף „גאַסטראָלן" דורכצופירן אין אַנדערע לענדער מאַסן־מאָרדן. אויב עס וועט זיך שאַפן אַ כאַאָס אין לאַנד, צי וועלן אים די לעטן נישט אויסנוצן כדי ווידער אומצוברענגען ייִדן? (אָדער פאַרקערט — די אָפענע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער פּרעסע, וועט ברענגען דערצו, אַז גראָד די לעטן, צוליב זייער פײַנדשאַפט צו די רוסן, וועלן זיך נעמען אַ ביסל בעסער באַציִען צו ייִדן, און דאָס וועט דערפירן דערצו, אַז די פאַנגענטרעגער פון אַנטיסעמיטיזם אין לעטלאַנד וועלן ווערן די רוסן.) וועגן דעם האָט מען דאַן, אין די ערשטע וואָכן נאָך סטאַלינס טויט, נישט געטראַכט און אַפילו נישט גע־קענט טראַכטן. אַזאַ ענדערונג האָט געפאָדערט יאָרן מען זאָל זי דערפילן און דערזען).

ווען צו די שלושים נאָך סטאַלינס טויט האָט מען רעהאַביליטירט די דאָקטוירים, האָבן ייִדן פרײַער אָפּגע־אָטעמט. עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער קאָשמאַר. ביזן לעצטן טאָג פון סטאַלינס לעבן האָבן ייִדן פאַר־

☆

לא אעמוד כאן על מריבות יחידים וחבורות בתוך המפלגה אחרי מות סטאלין. חשוב לשים לב, שמאחורי המריבות עמדה השאלה: ומה הלאה? המדינה עוד הרוסה. היה מחסור במצרכים החיוניים ביותר. אפילו בערים הגדולות, שהממשלה עושה את כל המאמצים לספק להם מצרכים, היה קיים לעתים קרובות מחסור בלחם (ואין להזכיר מצרכים אחרים — אלה כמעט לא היו בנמצא). בכל הארץ משתוללים כנופיות שודדים. במצב כזה אי אפשר היה לנהל מלחמה. נכנסו למלחמה קרה ולא ידעו במה ייגמר העניין. לכן השאלה: „מה הלאה" הפכה למרכזית. קבוצה אחת, שבראשה עמדו מולוטוב, קגנוביץ ומלאנקוב, היתה בדעה, שצריך להדק את הברגים ולהמשיך בקו של סטאלין. קבוצה אחרת אמרה: אי אפשר להמשיך באותה המדיניות, צריך למתן אותה, להחליש את המתח הבין לאומי וגם לרכך את המשטר במדינה.

ניצחה הקבוצה השנייה, אולם גם אלה, שצדדו במדיניותו של סטאלין, היוו כוח; אוהדי הקו הזה היו אנשים יותר פופולריים במפלגה ובארץ. והנה הופיע כרושצ׳וב ופצצה בידיו: — גילוי הפשעים שבתקופת סטאלין. הכוונה היתה: נכון, שגם לנו היתה יד בפש-עים, אבל החבורה המתנגדת לנו, היתה קרובה יותר לסטאלין ותפסה עמדה יותר גבוהה מאתנו ולכן, לכל

נומען פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט מען אַ היפּש ביסל ייִדן אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט. אָנקומען אויפֿצונײַ אויף אַן אַרבעט איז געווען נישט נאָר שווער, נאָר כמעט אוממעגלעך. עס זענען געווען אָנווײַזונגען פֿון העכערע אינסטאַנצן מ׳זאָל ייִדן באַזײַטיקן פֿון דער אַרבעט. טאָמער פֿלעגט אַן אָנפֿירער פֿון אַן אַנטשטאַלט אָדער פֿאַבריק, נישט אַזוי אינטענסיוו אָפּרייניקן זײַן אַפּאַראַט פֿון ייִדן, פֿלעגט מען אים אַרויסרופֿן אין ראַיקאָם, גאָרקאָם און אַפֿילו אין צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי און זיך מיט אים „דורכשמועסן”. עס איז דערגאַנגען דערצו אַז ייִדן, אָנפֿירערס, פֿון וועלכע עס איז אַנשטאַלטן זענען געצוווּנגען געווען צו דערווײַטערן ייִדן פֿון די אַנשטאַלטן, מיט וועלכע זיי האָבן אָנגעפֿירט. מיטן רעהאַביליטירן די דאָקטוירים האָט זיך פֿיל געביטן, נאָר בײַ ייִדן איז פֿאַרבליבן דער פּאַרדרוס און ווייטאָג, פֿון וועלכן זיי האָבן זיך שוין נישט באַפֿרײַט ביז הײַנט. דאָס איז אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג. ערגער איז געווען, וואָס בײַ ייִדן איז אויף אַ לאַנגער צײַט פֿאַרבליבן אַ געפֿיל פֿון דערשלאָגנקייט. און דאָך איז, אין דער ערשטער צײַט נאָך סטאַלינס טויט, די שרעק, אַז עס קען ווערן אַ כאַאָס אין לאַנד, געווען בײַ אַלעמען שטאַרקער ווי אַלץ. ביי ייִדן איז די שרעק געווען טיפֿער ווי בײַ נישט־ייִדן: נאָך אַזאַ פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿע, נאָך דעם קאָשמאַר פֿון די ערשטע פֿופֿציקער יאָרן, ווען מען האָט טאָג־טעגלעך פֿאַרגיפֿטעט דאָס לאַנד מיט אַזאַ ווילדן אַנטיסעמיטיזם, איז געווען פֿאַרוואָס זיך צו שרעקן. איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויפֿן קאַמף פֿון פּערזאָנען און גאַנצע קליקעס אין דער פּאַרטיי נאָך סטאַלינס טויט. וויכטיק איז צו באַמערקן, אַז הינטערן קאַמף פֿון פּערזאָנען און גרופּעס איז געשטאַנען די פֿראַגע: און וואָס ווייטער? דאָס לאַנד איז נאָך אַלץ רויִנירט. עס פֿעלן אויס די סאַמע נייטיקסטע פּראָדוקטן. אַפֿילו אין די גרויסע שטעט, אויף וועלכע די רעגירונג

מה שהתרחש בעבר, אחריותה גדולה יותר. זה מחד גיסא. מאידך גיסא, בזה שאנו דנים לחובה את הפשעים, אנו מבטיחים שלעיוותים כאלה לא יהיה מקום בעתיד. וכל זה מעניק לנו דעת-קהל טובה.

☆

אני דן את המאורעות, כאמור, לא לפי סדרם הכרונולוגי, אלא לפי מהותם והשפעתם על אזרחי המדינה.

נאומו של כרושצ׳וב בוועידה העשרים של המפלגה נקרא בכל אסיפות המפלגה, שלהן הוזמנו גם פעילים בלתי מפלגתיים. נאומו נמסר גם לוועדים המרכזיים של המפלגות הקומוניסטיות בחוץ לארץ. כרושצ׳וב ותומכיו לא היו תמימים עד כדי כך, שלא להבין, שלאור הפרסום הגדול של נאומו, הוא יתפשט בעולם כולו, וכמובן גם בארה״ב. רבים פנו אז לכרושצ׳וב בשאלה, אם נאומו נכון. תשובתו לא אישרה ולא הכחישה דבר. הוא ענה, כי אין זה מעניינו לפרש את דברי הביון האמריקאי.

טיהרו את שמם של הקרבנות שהושמדו ושל אלה הכלואים עדיין במחנות. אלה היו עפ״י רוב חברי-מפלגה וותיקים. מחנות-ריכוז אחדים חוסלו. הותר לפרסם זכרונות של המעונים עצמם שבימי סטאלין וגם דברי אחרים עליהם. הופיעו סיפורים ומאמרים על פשעי סטאלין, אבל אסור היה לשאול על רצח המנהיגים: אולי גם הם הומתו על לא עוול בכפם? בארץ עוד נשארו

לייגט די גרעסטע מי צו באַזאָרגן זיי מיט פּראָדוקטן, פעלט אָפט ברויט (וועגן אַנדערע שפּײַז־אַרטיקלען איז שוין אָפּגערעדט — זעלטן ווען זיי זענען בכלל פֿאַראַן), אין לאַנד האַרודעווען באַנדעס. בײַ אַזאַ לאַגע קען מען קיין קריג נישט פירן. מען האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ קאַלטע קריג און מען ווייסט נישט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. דעריבער איז די פראַגע: און וואָס ווײַטער? געוואָרן די צענטראַלע. איין גרופּע, אין שפּיץ פון וועלכער עס זענען געשטאַנען מאָלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש און מאַלענקאָוו, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף נאָך שטאַרקער פאַרציִען די גײַקעס און פאָרזעצן סטאַלינס ליניע. אַ צווייטע גרופּע האָט געזאָגט. מען קען נישט פאָרזעצן ווײַטער אַזאַ פּאָליטיק, מען דאַרף לינדערן, קלענער מאַכן די אינטערנאַציאָנאַלע שפּאַנונג און אויך אין לאַנד ווייכער מאַכן דעם רעזשים.

די אויבערהאַנט האָט באַקומען די צווייטע גרופּע. נאָר אויך די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָרזעצן סטאַלינס פּאָליטיק האָט מיט זיך נאָך פאָרגעשטעלט אַ כוח. די פאַרטיידיקער פון דער ליניע זענען געווען מענטשן מער פּאָפּולערע אין דער פּאַרטיי און אין לאַנד. און דאָ איז כרושטשאָוו מיט זײַנע אָנהענגער אַרויס מיט אַ באָמבע — אויפדעקן די פאַרברעכנס וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין סטאַלינס צײַטן. דער מיין איז געווען אַזאַ: מיר זענען טאַקע אַלע אָנטיילנעמער אין די פאַרברעכנס, אָבער די קעגנערישע גרופּע איז געשטאַנען נענטער צו סטאַלינען און האָבן פאַרנומען העכערע אַמטן, דעריבער פאַלט אויף איר אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס איז איינס. צווייטנס, בלויז מיט אונדזער פאַראורטיילן די פאַרברעכנס, זאָגן מיר צו, אַז מער וועלן אַזעלכע קרימינאַלן נישט פאָרקומען. און דערמיט אַליין ווערן מיר פּאָפּולערער.

☆

איך לייג אויס די געשעענישן, ווי געזאָגט, נישט

די הרבה סטאליניסטים, ובכל זאת השתנו פני הדברים בצורה ניכרת. נכון, אזרחי המדינה לא די שלא היו נוטלים לעצמם יותר חופש מזה שניתן להם, כי אם גם לא ניצלו אפילו במלואו את החופש שקיבלו. ראשית כל, לא האמינו בהיתר. שנית, לא היתה מסורת של חופש בחיים הציבוריים. יש יסוד לחוסר האמונה. נכון, שבגלל בדיחה פוליטית אין גוזרים עתה 10 שנות מאסר. מספר הבדיחה אינו נתבע למשפט כפושע פוליטי, אבל חוליגנים נידונם גם עתה ל־3 שנות מאסר. הותר לספר ולכתוב על הפשעים, שנעשו בימי סטאלין. אולם למי יהיה האומץ לציין את העבירות, המתרחשות כיום במדינה, שקיימים בה עוד די חוקים בלתי־חוקיים?

כדי למתן את המתח שבין בריה״מ לבין מדינות אחרות, נסע כרושצ׳וב לטיטו. טיטו הפך שוב ל„טוב־רישץ״ (חבר). הממשלה התחילה בפלירט עם ארה״ב, עם אנגליה ועם צרפת. מתפשרים עם מדינות חוץ בעניין אוסטריה. אולם כשלאחר זמן מה פרצו המאו־רעות באונגריה, הם דוכאו בדם ואש. בבריה״מ לא נשמעה שום מחאה. כדאי להשוות את השתיקה במדי־נה על מרחץ הדמים באונגריה למחאות, שנשמעו ב־1968, כשפלש הצבא הסוביטי לצ׳כוסלובקיה. בצ׳כו־סלובקיה לא ערכו מרחץ דמים כזה.

על אף ההפקרות ואי החוקיות, הקיימות גם היום (זמן רב אחרי ועידת ה־20), אי אפשר שלא להעריך

כראָנאָלאָגיש, נאָר לויט זייער אינהאַלט און ווי זיי האָבן געווירקט אויף די בירגער אין לאַנד.

כרושטשאָווס רעדע אויפן 20טן פּאַרטיי־צוזאַמענ־פּאָר לייענט מען אויף אַלע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען לאַדט איין אויך אומפּאַרטייִישע אַקטיוויסטן. מען גיט איבער זײַן רעדע די צענטראַל־קאָמיטעטן פון אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. כרושטשאָוו און זײַנע מיטהעלפער זענען גאָרנישט אַזעלכע נאַיִווע זיי זאָלן נישט פאַרשטיין, אַז בײַ אַזאַ פאַרשפּרייטונג פון זײַן רעדע, וועט זי באַוווּסט ווערן אויף דער גאַנצער וועלט. אין אַמעריקע ווערט זי פאַרעפנטלעכט. מען פרעגט כרושטשאָוון, צי זײַן רעדע איז ריכטיק פאַרעפנטלעכט. ער זאָגט נישט — נישט יאָ, נישט ניין, נאָר זאָגט אומגעפער, אַז ער קאָמענ־טירט נישט, וואָס עס פאַרעפנטלעכט די אַמעריקאַנער אויסשפּירדינסט.

מען רעהאַביליטירט פיל פון די וואָס מען האָט אומגעבראַכט און אויך די וואָס זיצן אין לאַגערן, דאָס רוב אַלטע פּאַרטייער. אייניקע לאַגערן ווערן ליקווי־דירט. מען דערלויבט פאַרעפנטלעכן דערינערונגען פון די געליטענע בײַ די רייניקונגען אין סטאַלינס צײַט און וועגן זיי. מען דרוקט דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס, נאָר וועגן די געוועזענע פירערס, וועלכע מ'האָט אומגעבראַכט, איז פאַרבאָטן אפילו צו פרעגן: אפשר זענען זיי אויך קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען? אין לאַנד זענען נאָך פאַרבליבן געגנוג סטאַליניסטן און דאָך איז שוין נישט דאָס, וואָס עס איז געווען. ריכטיק איז, די בירגער אין לאַנד, נישט נאָר וואָס זיי נעמען נישט פאַר זיך מער פרײַהײַט ווי מען גיט זיי, נאָר זיי נוצן אפילו נישט אויס אין אַ פולער מאָס די פרײַהײַט, וואָס זיי האָבן באַקומען. פון איין זײַט געטרויט מען נישט, מען גלויבט נישט, אַז מען מעג. פון דער צווייטער זײַט זענען נישטאָ קיינע טראַדיציעס פון פרײַהײַט

בכל זאת את השינויים, שחלו ביחס לפולחן-האישיות תודות למאבק, שהתנהל נגדו. עמים קטנים הוחזרו מגלותם. נכון, לא כולם. את הקוריאנים, למשל, לא החזירו למזרח הרחוק, שממנו הוגלו ב-1937. גם את הטטרים מקרים לא החזירו מגלותם. ואת קרים „הע־ניקו" לאוקראינים והרעישו עולמות: ראו, איזה אינ־טרנציונליסטים אנחנו — רוסיה בעצמה מוסרת לאו־קראינה טריטוריה השייכת לה! — צביעות, היש לך גבול כלשהו?! אולם בעצם החזרת עמים קטנים אח־רים אי אפשר לזלזל.

כאמור, שוחררו הרבה מאלה, שנידונו בגלל חטאים פוליטיים. הם שוחררו וסיפרו ללא כל פחד, באילו „עבירות" הורשעו, על השיטות האינקביזיטוריות של העינויים, שהופעלו נגדם, על המחנות וכו' וכו'. על כל אלה היה אז מותר לספר. התברר לכול — אפילו לאלה, שהאמינו עוד בכל מה שעיתונות-השקר הסוביטית כתבה בעבר — כי הפושעים הם לא אלה שגזר דינם נחרץ, אלא שופטיהם. מכל אלה, ששיתפו פעולה עם מוסדות-הדיכוי, נלקחה לא רק הילת הכבוד וההערצה, אלא החלו להתייחס אליהם כאל פושעים. חלק מהם נידון לעונשים כבדים. הזכויות הגדולות בוטלו בכלל. במידה שמדיניות ההידברות עם המערב קרמה עור וגידים, ירדה השפעת הצבא. משכורת הקצינים הופ־חתה בצורה ניכרת. צומצמו בהרבה גימלת הקצינים

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס נישט גלויבן האָט אַ גרונט. אמת איז, אַז פאַר אַ פּאָליטישן אַנעקדאָט גיט מען שוין נישט קיין 10 יאָר, מען מישפּט מער נישט דעם דערציילער ווי אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, נאָר מען גיט 3 יאָר פאַר כוליגאַניזם. מען האָט דערלויבט צו דערציילן און שרײַבן וועגן די פאַרברעכנס וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן אין סטאַלינס צײַטן, נאָר ווער וועט וואַגן אָנצוווײַזן אויף די פאַרברעכנס, וואָס עס ווערן איצט אָפּגעטאָן אין לאַנד, ווו ס׳זענען נאָך פאַראַן גענוג געזעצלאָזע געזעצן ?...

כדי צו לינדערן די שפּאַנונג מיט אַנדערע לענ־דער, פאַרט כרושטשאָוו צו טיטאָ. טיטאָ איז שוין ווידער „טאָוואַרישטש״. מען פאַרפירט אַ פלירט מיט אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרײַך. מען קומט דורך מיט דער אויסנוועלט וועגן עסטרײַך. נאָר ווען אַ ביסל שפּעטער קומען די געשעענישן אין אונגאַרן, דער־טרינקט מען זיי אין בלוט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערט מען נישט קיין שטימען פון פּראָטעסט. זאָל מען קעגנשטעלן דאָס שטילשווײַגן אין לאַנד בײַ דער בלוטבאָד, וואָס מען האָט געמאַכט אין אונגאַרן, צו די פּראָטעסטן, וואָס האָבן זיך געהערט אין 1968, ווען מען האָט אַרײַנגעפירט מיליטער קיין טשעכאָסלאָ־וואַקיע האָט מען אַזאַ בלוטבאָד נישט געמאַכט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס נאָכן 20טן צוזאַמענ־פאָר און ביזן הײַנטיקן טאָג האָט נאָך אַלץ אַן אָרט ווילקיר און געזעצלאָזיקייט, איז פונדעסטוועגן נישט אָפּצושאַצן די ענדערונגען, צו וועלכע עס האָט דער־פירט דער קאַמף קעגן דעם אַזוי גערופענעם פּערזאָ־נען־קולט. מ׳האָט אומגעקערט קליינע פעלקער פון זייער פאַרשיקונג — אמת, נישט אַלע, צ.ב. די קאָרייער האָט מען נישט אומגעקערט אויפן ווײַטן מזרח, פון וואַנעט מען האָט זיי פאַריאָגט אין 1937 יאָר; די קרימער טאַטאַרן האָט מען נישט נאָר נישט אומגעקערט פון זייער פאַרשיקונג, נאָר מען האָט

הפנסיונרים. הרבה קצינים, שחסרה להם שנה, שנה וחצי לגיל הפנסיה, פוטרו מהצבא, ומשום כך איבדו את זכותם לפנסיה בכלל. כל אלה הפכו לסטאליניסטים קנאים. הם היו מזכירים את תור הזהב, שהיה בימי סטאלין. הם היו שואלים, ובצדק: „אנחנו אשמים?" הרי שירתנו בנאמנות את המפלגה, את הממשלה וצווינו לנהוג כפי שנהגנו! הורחקו גם הרבה עסקנים אחראיים ותומכי הקו הסטאליני. ואין פלא, שנשארו במדינה לא מעט סטאליניסטים. אולם אחרי ככלות הכול, לא היה להם שום מעמד פוליטי, ובמובן מדיני הפכו לפגרים מתים.

אולם בימים ההם נוסף גורם חיצוני — סין. כרושצ'וב עסק בפלירט עם ארה"ב, עם אנגליה ועם צרפת, בשעה שסין נמצאה במצור (בלוקדה). הממשלה יצאה ידי הובתה בזה, שבכל כינוס בינלאומי, שהיה מתקיים במקום כלשהו, היתה יוצאת בצעקות: תנו את הזכות למיופי־הכוח של העם הסיני לייצג את ארצם — ובאותו זמן המשיכה בפלירט עם הארצות הקפיטליסטיות. בלי שום ספק, היה יותר קל ויותר טוב לסין, לו היתה בריה"מ ממשיכה במדיניותו של סטאלין. אולי זה היה גם עוזר לה להדק את הברגים. סין חשבה, שבבריה"מ מהווים הסטאליניסטים כוח; ואם תוגש להם עזרה, אפשר יהיה לשנות את הקו הפוליטי. לכן לא פסקה סין לשבח את מדיניותו של סטאלין. הוועידה ה־22 של

קרים „אַוועקגעשאָנקען“ אוקראַינע און מ׳האָט געשריען, געשריבן: גיט אַ קוק ס׳אַראַ אינטערנאַציאָנאַליסטן מיר זענען — רוסלאַנד גיט אַליין איבער איר טעריטאָריע צו אוקראַינע! צביעות, צי איז פאַראַן פאַר דיר גרענעצן?! — אָבער דאָס אומקערן אַנדערע קליינע פעלקער איז נישט קיין קלייניקייַט.

מען האָט באַפרייַט, ווי געזאָגט, פיל פאַראורטיילטע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס. זיי זענען אַרויס אויף דער פרייַ און האָבן אָפן — שוין אָן קיין שום מורא — דערציילט, פאַר וועלכע „פאַרברעכנס“ מען האָט זיי געהאַט פאַרמישפּט, וועלכע אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן פון פּייַניקונגען מ׳האָט קעגן זיי אָנגעווענדעט, וועגן די לאַגערן און נאָך און נאָך. וועגן דעם האָט מען געמעגט דערציילן. פאַר אַלעמען — אפילו פאַר די, וואָס האָבן נאָך אַלץ געגלויבט אין דעם, וואָס די ליגנערישע סאָוועטישע פּרעסע האָט אַמאָל געשריבן, איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט די, וואָס זענען געווען פאַרמישפּט זענען פאַרברעכער, נאָר די, וועלכע האָבן געמישפּט. פון די געוועזענע מיטאַרבעטער אין די צוואַנג־אָרגאַנען איז נישט נאָר אַוועקגענומען געוואָרן זייער אָרעאָל — נאָר אַלע האָבן שוין אויף זיי געקוקט ווי אויף פאַרברעכער. פיל פון זיי האָט מען פאַראורטיילט אויף האַרבע שטראָפן. די גרויסע פּריווילעגיעס האָט מען בכלל אָפּגעשאַפט. אויף וויפל אין דער פּאָליטיק איז אָנגענומען געוואָרן אַ קורס פון צוזאַמענרעדן זיך מיטן מערב, איז די ווירקונג פון דער אַרמיי שטאַרק געפאַלן. מ׳האָט פאַרקלענערט די געהאַלטן פון די אָפיצירן (גאַנץ שטאַרק פאַרקלענערט), פאַרמינערט די פּענסיעס פון די אָפיצירן, וואָס האָבן שוין אויסגעדינט זייער צייַט און גענאָסן פון גרויסע רענטעס. פיל אָפיצירן, וועמען עס איז געבליבן אַ יאָר, אַנדערטהאַלבן אַרויסצוגיין אויף פּענסיע, האָט מען באַפרייַט פון דער אַרמיי, און מיט דעם האָבן זיי פאַרלאָרן אַלע רעכט צו באַקומען

המפלגה והנאומים בוועידה בגנות הסטאליניזם, שהושמעו בצורה גלויה ביותר, כדי שכל עמי התבל ישמעו אותם, היו מכוונים יותר נגד סין, מאשר נגד מישהו אחר. הנואמים השמיצו את עצמם, את המפלגה, את העבר של המדינה והכריזו, כי אי אפשר לחזור לשיטה הישנה. סילקו את גופת סטאלין מהמאוזוליאום, הוציאו את פסליו מרחבי המדינה ויצקו אותם למתכת, והסירו את כל תמונותיו מהקירות. זה עלה מיליונים. אולם לא התחשבו בהוצאות. הכול נעשה בשם המאבק לצדק ולשירוש פולחן-האישיות.

אבל בעת ובעונה אחת התאמצו ליצור פולחן חדש לכבוד איש נחות-דרגא — כרושצ'וב. יש שאימרותיו הוראותיו והדרכותיו תופסות את מקומם של חוקי המדינה. על כרושצ'וב מותר להגיד, שהיה אנטישמי קנאי. הוא היה משתדל להעלים תכונה זו, אבל ללא הצלחה. בשנים האחרונות של שלטון סטאלין הרחיקו את הסטודנטים היהודים ממוסדות-לימוד ומפקולטות אחדות, ובימי כרושצ'וב לא עשו כן — לאלה שלמדו נתנו לסיים, אבל חדשים לא קיבלו. היה ידוע לכול, שישנן הוראות להגביל קבלת יהודים לבתי-ספר גבוהים, אבל בלי לפרש, שהסירוב נובע ממוצאם היהודי, אלא פשוט משום שבמבחן-הקונקורס (התחרות) לפני הכניסה לאוניברסיטה קדם להם מישהו אחר, שעלה עליהם בידיעותיו. היו מכללות, שלא נשאר בהן אף יהודי אחד. מספר

פּענסיע. די אַלע זענען געוואָרן פאַרברענטע סטאַלי־ניסטן. זיי פלעגן דערמאָנען די גאָלדענע פאַר זיי צײַטן, ווען סטאַלין האָט געהערשט. זיי פלעגן מיט רעכט פרעגן: „מיר זענען שולדיק? מיר האָבן דאָך טרײַ געדינט דער פאַרטיי, דער רעגירונג, מען האָט דאָך אונדז באַפוילן אַזוי צו טאָן!" אויך פיל פאַר־אַנטוואָרטלעכע טוערס, אָנהענגערס פון דער ליניע — פאָרצווזעצן סטאַלינס פּאָליטיק — זענען באַזײַטיקט געוואָרן. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז אין לאַנד זענען פאַרבליבן נישט ווייניק סטאַליניסטן. אָבער נאָך אַלעמען האָבן זיי קיין שום פּאָליטישע ראָלע נישט געקענט שפּילן. זיי אַלע זענען שוין געווען פּאָליטישע בר־מיננס.

נאָר דאָ איז צוגעקומען אַן אויסערלעכער פאַק־טאָר — כינע. כרושטשאָוו פלירטעוועט מיט אַמערי־קע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין דער צײַט ווען אַרום כינע איז אַ בלאָקאַדע. די ראַטן־מאַכט קומט אָפּ מיט דעם, אַז ווען ערגעץ־וווּ קומט פאָר אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער פאָרום, שרײַט זי: לאָזט צו די געזעצלעכע פאָרשטייער פון כינעזישן פאָלק — און זעצט דערביי פאָר איר פלירט מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זיכער וואָלט פאַר כינע געווען בעסער און לײַכטער, ווען די סאָוועטן־מאַכט וואָלט פאָרגעזעצט סטאַלינס פּאָליטיק. דאָס וואָלט איר אפשר געהאָלפן שטאַרקער צו פאַרציִען די גייקעס. כינע האָט גערעכנט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען נאָך די סטאַליניסטן אַ כוח און אויב מ׳וועט זיי העלפן וועט מען קענען ענדערן די פּאָליטיק. כינע זעצט דעריבער פאָר לויבן סטאַלינס ליניע. דער 22טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און די אַרוים־טרעטונגען אויפן צוזאַמענפאָר קעגן סטאַליניזם, זענען שוין נישט האַלב געהיים, נאָר אָפן, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, זענען שוין מער געווענדט צו כינע ווי צו וועמען עס איז אַנדערש. מען באַשמוצט זיך, די פאַרטיי, די פאַרגאַנגענהײַט פון לאַנד און מען זאָגט

היהודים, שנתקבלו למשרות אחראיות, הלך וקטן. ובמדינה כולה נערכו משפטים לפושעים בענייני כלכלה. על ספסל הנאשמים הושיבו אנשים, שחטאם היה קשור בעברם הרחוק. הרבה מאוד יהודים נקראו לדין. העיתונות עסקה בלהיטות רבה בפירסום הליכי־המשפט והדגישה, שהנאשם, שגזרו עליו את הדין, הוא יהודי. פעלו לפי אותה שיטה, שנקטו בשנים החשכות במלחמה בקוסמופוליטיזם. גם אז עשו את הכול כדי להוכיח, שהקוסמופוליט יהודי הוא. עכשיו השתדלו להוכיח, שיהודים, בעיקר, הם המכשילים את כלכלת המדינה.

מצב זה גרם לכך, שיהודים לא היו שמים לב לעובדה, שבכל המדינה חלים שינויים. מצב רוחם היה מאוד מדוכדך. לכן ניתן להסביר, מדוע דיכאו היהודים הסוביטיים בליבם את כל החוויות והחרדות, שנבעו מאיומו של כרושצ׳וב להפעיל פצצה אטומית נגד מדינת ישראל. כבר ציינתי, שגם על מרחץ הדמים באונגריה לא נשמע שום קול מחאה. עוד היה חי זכרון־האימה מימי סטאלין, וכדי להשתחרר ממנו היו דרושות שנים.

אולם במדינה חלו שינויים. הקראמלין נפתח לכול. הקימו בתוכו את התיאטרון הגדול ביותר. לא די, שהפסיקו את הפרעת השידורים מאנגליה ומארצות־הברית, אלא שמרצים על בעיות פוליטיות היו ממליצים להאזין לשידורים אלה. לדעתם מרחיבה פעולה זו את תפיסת עולמם של המאזינים. בדיחות, ולעתים קרובות

אַלעמען, אַז קיין וועג צוריק איז נישטאָ. מ׳וואַרפט אַרויס סטאַלינען פון מאַוזאָליי, איבערן גאַנצן לאַנד באַזײַטיקט מען זײַנע סקולפּטורן און מען שמעלצט זיי איבער אויף מעטאַל, מען נעמט אַראָפּ זײַנע ביל־דער. דאָס קאָסט אָפּ מיליאָנען. מ׳רעכנט זיך נישט מיט דעם. אַלץ ווערט געטאָן אין נאָמען פון אויס־וואָרצלען דעם קולט פון פּערזאָן, אין נאָמען פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

נאָר אין דער זעלבער צײַט באַמיט מען זיך צו שאַפן אַ נײַעם קולט, פון אַ נײַער, אַ מער נישטיקער פּערזאָן — פון כרושטשאָוון. אין לאַנד ווערן געזעצן פאַרביטן מיט זײַנע אַרויסזאָגונגען, מיט זיינע אָנווײַזונגען, מיט פאַרשיידענע אינסטרוקציעס. וועגן כרושטשאָוון קען מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט. ער פלעגט עס וועלן אויס־באַהאַלטן, נאָר דאָס האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן. אויב אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס הערשן האָט מען פון אייניקע פאַקולטעטן און לערן־אַנשטאַלטן באַזײַטיקט אַלע יִדישע סטודענטן, האָט מען פאַר כרושטשאָווס צײַטן מער אַזוינס נישט געטאָן — מ׳האָט געלאָזט ענדיקן די, וואָס לערנען זיך שוין, אָבער קיין נײַע מער נישט אָנגענומען. אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אָנווײַזונגען צו באַ־שווערן דאָס אָננעמען יִדן אין הויכשולן, נאָר מען זאָל זיי נישט זאָגן: מיר נעמען דיך נישט אָן ווײַל דו ביסט אַ יִיד, נאָר ווײַל אַ צווייטער האָט ביים קאָנ־קורס בעסער פאַר דיר אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אייניקע לערן־אנשטאַלטן זענען געוואָרן אין גאַנצן יִידנריין. אַלץ ווייניקער יִדן זענען אָנגענומען געוואָרן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. עס קומען פאָר פּראָצעסן פאַר עקאָנאָמישע פאַרברעכנס. מען מישפּט פאַר עבירות, וואָס מען איז באַגאַנגען מיט פיל, פיל יאָרן צוריק. זייער אַ סך יִדן ווערן געמישפּט. די פּרעסע צעלייגט עס אויף טעלערלעך, מ׳זאָל וויסן

חריפות וזדוניות, התפשטו במהירות גוברת והולכת. המקרים, שבהם הענישו על סיפור בדיחות כמו בעד בריונות (חוליגניות), פחתו והלכו, אם כי היו אנקדו־טות על כרושצ׳וב, על פורצאבה ומיקויאן, שהיתה בהן מנה גדושה של חוליגניות.

איש לא הבחין, מתי הופיע ה„סאמאיזדאט" (מו"לות עצמית). התחילו לעבור מיד ליד שירים, מא־מרים, מכתבים למערכות, שעורכיהן סירבו להדפיסם — כולם היו כתובים ביד או במכונת־כתיבה. תפוצתם היתה גדולה מאוד. אבל איש אינו יודע בכמה עותקים נפוצה יצירה, שמחברה הוציאה מידו בשלושה עותקים בלבד. בהתחלה היו יצירות אלה אנונימיות (כעבור זמן התחילו המחברים לחתום עליהן בשמם המלא ואפילו בציון כתובתם). רובן היו שירים, ששייכים למשוררים שונים. אחרי כן החלו להופיע ב„סאמאיזדאט" ספרים שלמים בני מאות עמודים, שהיו מעבירים מיד ליד. היו אנשים, שלא התעצלו לשכתב אותם או להדפיסם מח־דש. היה ידוע המחבר, כי שמו היה חתום על חיבורו.

אני שוב מזכיר, שאני מוסר את המאורעות לא לפי סדרם הכרונולוגי. את סיניבסקי ואת דניאל הושיבו בבית־סוהר בגלל זה, שהוציאו לאור את יצירותיהם בחו"ל בשמות בדויים, ובמדינה עצמה היו מפיצים הר־בה דברי ביקורת עליהן. אגב, ה„סאמאיזדאט" הפיץ במדינה גם את נאומי שני הסופרים בבית־המשפט.

אַז דער פּאַראַורטיילטער איז אַ ייִד. מ׳טוט דאָס זעלבע וואָס מ׳האָט געטאָן אין די פינצטערע יאָרן, ווען מ׳האָט געפירט אַ קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם. אויך דאַן האָט מען געטאָן אַלץ צו באַווײַזן, אַז דער קאָסמאָפּאָליט איז אַ ייִד, איצט באַווײַזט מען, אַז ייִדן באַגייען עקאָנאָמישע פאַרברעכנס.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו אַז ייִדן פלעגן נישט באַמערקן, אַז אין גאַנצן לאַנד קומען בכלל פאָר ענדערונגען. די שטימונג בײַ ייִדן איז געווען אַ געדריקטע. מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס די סאָוועטישע ייִדן האָבן אין זיך געדריקט אַלע איבערלעבונגען, וואָס בײַ זיי האָט אַרויסגערופן כרושטשאָווס דראָונג אַנצוווענדן קעגן ישראל אַטאָם-געווער. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז אויך קעגן דער בלוטבאָד אין אונגאַרן האָט מען קיין פּראָטעסטן נישט געהערט. מען האָט נאָך געלעבט מיט דער נעכטיקער שרעק פון סטאַלינס צײַטן. עס האָבן געדאַרפט אַוועקגיין יאָרן מען זאָל זי אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

אָבער אין לאַנד זענען פאָרגעקומען ענדערונגען. דער קרעמל איז געוואָרן אָפן פאַר אַלעמען. מ׳האָט אויסגעבויט אין אים דעם גרעסטן טעאַטער. מ׳האָט נישט נאָר אויפגעהערט שטערן די טראַנסלאַציעס פון ענגלאַנד און אַמעריקע, נאָר לעקטאָרן איבער פּאָליטישע פראַגן רעקאָמענדירן אויף זייערע לעקציעס מען זאָל הערן די טראַנסלאַציעס; דאָס, זאָגן זיי, פאַרברייטערט דעם וועלטבאַנעם. אַנעקדאָטן, אָפט בייזע און שאַרפע פאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער און מער. מ׳האָט קיין מורא נישט. עס ווערן אַלץ ווייניקער די פאַלן, ווען מען באַשטראָפט פאַר אַנעקדאָטן ווי פאַר כוליגאַניזם — כאָטש אין אייניקע אַנעקדאָטן וועגן כרושטשאָוון, פורצעװאַ און מיקאָיאַנען איז פאַראַן אַ גרויסע דאָזע פון **כוליגאַניזם**. קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען ס׳איז אויפגעקומען דער „סאַמאיזדאַט". עס גייען אַרום איבער די הענט אָפּגעדרוקטע אויף אַ שרייב-

טארסים היה מפרסם את ספריו בשמו הנכון, והיה מק־בל שכר־סופרים במטבע חוץ, חי חיי רווחה ואיש לא היה פוגע בו. אז אמרו עליו, שאינו שפוי בדעתו. הרשו לו לנסוע לאנגליה, כדי שייווכחו שם, כי הוא באמת לא נורמלי. אבל כשרצה לחזור הביתה, לא נתנה לו בריה"מ רשות לכך — שיישאר באנגליה. התהווה מצב לתפ־ארת: מדינה אחת משתחררת ממשוגעיה ומזכה בהם מדינה אחרת, ובו בזמן היא כולאת אנשים נורמליים במוסדות לחולי־רוח. תהו ובהו למופת. המושלים איבדו כושר־פיקוח כלשהו על עצמם ועל ארצם. המדינה הוצפה בספרות אנטיסטאליניסטית. לא נמצא איש, שיגן על סטאלין. להפך, ספרות ה„סאמאיזדאט" הרחיקה לכת והאשימה יחד עם סטאלין גם מנהיגים אחרים ואת כל התקופה. לא ייפלא איפוא, אם אי פעם יוכח, שהיצירות הראשונות של ה„סאמאיזדאַט" נגד האַנטי־שמיות נכתבו לא ע"י יהודים. במו עיניי קראתי העתק ממכתבה של אשה רוסיה, פרופ' בטכניון, לכרושצ'וב על הבעיה היהודית. על המכתב חתמה בשמה המלא וציינה את כתובת־מגוריה ואת מקום עבודתה. וזה תוכן מכתבה: היא משבחת את כרושצ'וב על פועלו לשירוש פולחן האישיות — אולם בשטח אחד לא די, שלא תוקן שום דבר אלא, להפך, המצב הורע — לא נעשה כלום לשירוש האנטישמיות, שכה התפשטה בארץ ביוזמתו של סטאלין. כי ידוע לכול, שמיום ליום גוברים קשיי־

מאַשינקע, אָדער איבערגעשריבענע מיט דער האַנט, לידער, אַרטיקלען, עפנטלעכע בריוו און רעדאַק־ציעס, וואָס די רעדאַקציעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצודרוקן זיי. קיינער קען נישט וויסן, און ווייס נישט, אין וויפל עקזעמפּלאַרן ס׳ווערט פאַר־שפּרייט אַ שאַפונג, וואָס דער מחבר האָט פאַר־פאַסט נאָר אין 3 עקזעמפּלאַרן. אָנפאַנגס, זענען זיי מערסטנס געווען אַנאָנימע. (שפּעטער פלעגט מען זיי אונטערשרייַבן מיטן פולן נאָמען, פאַמי־ליע און אַפילו אָנגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס). דער עיקר לידער. מען שרייַבט זיי צו צו פאַרשיידענע פּאָעטן. שפּעטער דערגייט דערצו, אַז גאַנצע ביכער פון הונדערטער זייַטן גייען אַרום פון האַנט צו האַנט ווי „סאַמאיזדאַט״-אויסגאַבן. מענטשן פילן זיך נישט זיי איבערצודרוקן אָדער איבערצושרייַבן. מען ווייסט, עס איז אָנגעוויזן, ווער דער אויטאָר איז. איך חזר איבער, אַז איך לייג אויס די געשעענישן נישט כראָנאָלאָגיש. מ׳האָט פאַראורטיילט סיניאַווסקין און דניאלן פאַר־וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע ווערק אין אויסלאַנד אונטער אַ פּסעוודאָנים, און דאָ אין לאַנד פאַרשפּרייט מען וועגן זיי אַ סך קריטישע אַרויסזאָ־גונגען. — אגב, די פולע רעדעס אויפן געריכט פון סיניאַווסקי און דניאל ווערן אויך פאַרשפּרייט דורכן „סאַמאיזדאַט״. טאַרסים פאַרעפנטלעכט זייַנע ווערק אונטער זייַן ריכטיקן נאָמען, ער באַקומט האָנאָראַר אין וואַלוטע און לעבט אַ גוטן טאָג, קיינער טשעפּעט אים נישט. מען זאָגט, אַז ער איז נישט נאָרמאַל. מען דערלויבט אים פאָרן קיין ענגלאַנד, זיי זאָלן זיך דאָרט איבערצייַגן, אַז ער איז אַן אומנאָרמאַלער. ער קומט קיין ענגלאַנד, אָבער ווען ער וויל פאָרן צוריק, דער־לויבט מען אים נישט זיך אומצוקערן. זאָל ער בלייַבן אין ענגלאַנד. עס באַקומט זיך זייער שיין און נייַ: איין לאַנד, איין רעגירונג וואָרפט אונטער אַ צווייטער אירע גייַסטיק קראַנקע! אין דער זעלבער צייַט

היהודים, הרוצים להתקבל לבתי־ספר גבוהים, ולהסתדר בעבודה מדעית, לאחר שכבר סיימו את לימודיהם באוניברסיטאות. מקבלים למכללות תלמידים פחות מוכ־שרים, ומאפשרים להם אחרי סיומם להמשיך במחקרים מדעיים, אם רק אינם יהודים. התוצאה היא, כי האנשים המוכשרים, שהיו יכולים להביא תועלת ולפאר את המ־דינה ואת העם, הולכים לאיבוד. ברור, שתשובה מכרוש־צ׳וב לא הגיעה.

אעפ״י שהיו ידועות הרבה יצירות־ה„סאמאיזדאט" נגד האנטישמיות, עשה השיר של יאבטושנקו „באבי־יאר" רושם על היהודים. הוא הופיע, כמדומני, לפני שנים באחד העיתונים כביטוי נגד האנטישמיות. לולא היתה הציבוריות הסוביטית מסתערת על יאבטושנקו, לא היה שירו מגיע לפרסום כה רב. אבל היא יצאה נגד המחבר בנזיפות ובגידופים, ולכן קיבל העניין ממד של שערוריה בינלאומית, וכרושצ׳וב מצא לנכון להתערב. מובן, שהוא היה לצד מאשימי־יאבטושנקו. התערבותו היתה במרץ 1963.

כדי להבליט את השפעת הזמן ההוא על אנשים אני נאלץ לדבר על עצמי — על אני הקטן.

פניתי לכרושצ׳וב במכתב בן שבעה וחצי עמודים והחלטתי להוציאו לאור ב„סאמאיזדאט". לכן הייתי זקוק למכונת־כתיבה. למכריי (בין לאלה, שנולדו בלטביה, ובין לאלה, שבאו לשם אחרי המלחמה), היו מכונות־

פאַרשפּאַרט מען נאָרמאַלע מענטשן אין פּסיכיאַטרישע שפּיטעלער. אַ פולשטענדיקער כאַאָס. די רעגירערס האָבן פאַרלאָרן יעדן קאָנטראָל איבער זיך און איבערן לאַנד. נאָר דאָס לאַנד ווערט פאַרפּלייצט מיט אַנטיסטאַליניסטישער ליטעראַטור. קיינער וואַגט נישט אַרויסצוטרעטן און פאַרטיידיקן סטאַלינען. פאַרקערט. די „סאַמאיזדאַט"-ליטעראַטור גייט נאָך ווייטער אין באַשולדיקן נישט נאָר סטאַלינען פערזענלעך, נאָר אויך אַנדערע פירערס, די גאַנצע עפּאָכע. עס וועט גאָר קיין ווּנדער נישט זיין, ווען ס'וועט ווען עס איז באַוויזן ווערן, אַז די ערשטע ווערק פון „סאַמאיזדאַט" קעגן אַנטיסעמיטיזם האָבן געשריבן נישט-יידן. איך האָב אַליין געלייענט אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס אַ רוסישע פרוי, אַ פּראָפעסאָר אין אַ טעכנישן אינסטיטוט, האָט געשריבן כרושטשאָוון וועגן דער יידן-פראַגע. זי האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן פולן נאָמען, אָנגעוויזן איר אַדרעס און אָנגעוויזן ווו זי אַרבעט. דער אינהאַלט פון בריוו איז געווען אַזאַ: זי לויבט שטאַרק כרושטשאָוון, וואָס ער טוט אַזוי פיל פאַרן אויסוואָרצלען דעם פּערזאָנען-קולט, נאָר אויף איין געביט איז נישט נאָר גאָרנישט געטאָן געוואָרן, נאָר פאַרקערט, עס ווערט נאָך ערגער: מ'האָט ביז איצט גאָרנישט געטאָן כדי אויסצוּוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס סטאַלין האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרשפּרייט. אַלע ווייסן, אַז וואָס ווייטער ווערט אַלץ שווערער פאַר יידן אָנצוקומען אין הויכשולן און, נאָכן ענדיקן זיי, זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. מען נעמט צו זיך לערנען ווייניקער פעיִקע און מען לאָזט זיי זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, אויב זיי זענען נישט קיין יידן. דער רעזולטאַט איז דער, וואָס דאָס לאַנד און די וויסנשאַפט פאַרלירט מענטשן, וואָס וואָלטן געקענט באַשיינען אי די וויסנשאַפט, אי דאָס לאַנד.

כתיבה. קראתי לפניהם את המכתב. הוא מצא חן בעי־ניהם וכולם אמרו פה אחד, שצריך לפרסמו. אבל כש־ביקשתי אותם להדפיסו, נעניתי בסירוב. היה להם אמון מלא ביושרי, אלא מה? נפוצה שמועה, שמומחי ק.ג.ב. (הקומיסריון לבטחון־המדינה) מסוגלים למצוא לפי אור־תיות־הדפוס לא רק את סוג מכונת־הכתיבה, אלא גם להיוודע מיהו בעל המכונה, שבה הודפס המכתב. וכולם פחדו. אין לי שום רשות לייסר את מישהו בשל פחדו. אני לכשעצמי פחדתי תמיד. כתבתי את ספרי בבריה״מ ופחדתי, שיבואו לאסור אותי וישמידו את חיבורי. בגלל הפחד הייתי עושה לעתים קרובות הפסקות בכתיבה. כשמסרתי את חיבורי לידידיי — בני משפחת קרלר — והסכמתי להבריחו לחו״ל כדי להוציאו לאור, הייתי אחוז חרדה לגורל הקרלרים ולגורלי עד שקיבלתי ידיעה, שהחיבור כבר בחו״ל. ולכן אינני יכול לבוא בטע־נות לאיש על עניינים, הקשורים בפחד מסוג זה. השאלה היא, האם יש יסוד כלשהו לפחד? האם אין הפחד של אתמול שרוי בליבנו גם היום, כשפג כבר בהרבה תוקפה של האימה?

נסעתי ממוסקבה ונפגשתי עם ידידי הטוב ומכרו של חלקין (עכשיו אני רשאי לקרוא בשמו ולציין את כתובתו המלאה, כי הק.ג.ב. טרם המציא בתי־כלא ומ־חנות־ריכוז לאפרו של אדם, שנשרף בקרימטוריום), הפסיכולוג הנודע — פרופ׳ גאלרשטין סולומון גריגו־

כרושטשאָוו האָט איר זיכער אויפֿן בריוו נישט געענטפֿערט.

כאָטש עס זענען שוין באַקאַנט געווען אַ סך „סאַמאיזדאַט"־אויסגאַבן וועגן אַנטיסעמיטיזם, האָט יעווטושענקאָס ליד „באַבי יאַר" געמאַכט אַ רושם אויף ייִדן. דאָס איז, דאַכט זיך, מיט יאָרן צוריק גע־וועז, אַן אָפּגעדרוקטע אין אַ צײַטונג אַרויסטרעטונג קעגן אַנטיסעמיטיזם. וואָלט די אַזוי־גערופֿענע סאָוועטישע עפֿנטלעכקייט נישט אָנגעפֿאַלן אויף יעווטושענקאָ, וואָלט זײַן ליד נישט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער. אָבער מען איז אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפֿע פֿאַרוואורפֿן קעגן דיכטער און מ'האָט דערפֿירט דעם ענין צו אַ סקאַנדאַל אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. כרושטשאָוו האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק זיך אַרייַנצומישן. קלאָר, אַז ער האָט זיך געשטעלט אויף דער זײַט פֿון די אָנפֿאַלער. זײַן אַרויסטרעטונג איז פֿאָרגעקומען אין מערץ 1963.

כדי צו באַווײַזן ווי די צײַט האָט געווירקט אויף מענטשן, מוז איך אַרײַנמישן מײַן פּערזאָן.

איך האָב אָנגעשריבן אַן אָפֿענעם בריוו צו כרושטשאָוון אויף 7½ זײַטן און באַשלאָסן אַרויסצו־געבן אים אין „סאַמאיזדאַט". צו דעם האָב איך גע־דאַרפֿט האָבן אַ שרײַב־מאַשינקע. בײַ מײַנע באַקאַנטע, סיי די וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין לעטלאַנד, סיי די געקומענע פֿון רוסלאַנד נאָכן קריג, זענען געווען אַזעלכע מאַשינקעס. איך האָב פֿאַר זיי דורכגעלייענט דעם בריוו. ער איז זיי געפֿעלן געוואָרן און זיי האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אים פֿאַרשפּרייטן. נאָר ווען איך האָב געבעטן אָפּצודרוקן אים אויף זייער מאַשינ־קע, האָבן זיי מיר אָפּגעזאָגט. זיי האָבן צו מיר גע־האַט פֿולשטענדיקן צוטרוי. נאָר וואָס דען? עס איז געווען אַ פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז עקספּערטן פֿון קא.גע.בע. קענען לויטן שריפֿט פֿעסשטעלן, נישט נאָר אויף וועלכן טיפּ מאַשינקע, נאָר אפילו געפֿינען אויף

ריאבין. והוא, אעפ״י שהגיעה אליו הדעה הנפוצה, שלפי אותיות־הדפוס אפשר לזהות את בעל מכונת־הכתיבה, שעליה הודפס משהו, לא רק נתן לי את המ־כונה, אלא הפך למפיץ הראשי של מכתבי לכרושצ׳וב. הוא גם סיפר לי, שהפרופסורית, שהזכרתי לעיל, — לא הכרתיה ולא ראיתיה מעולם — מפיצה את מכתבי זה באינסטיטוט, שהיא מלמדת בו. גם הקרלרים הפיצו את המכתב.

הבאתי את העובדות האלה לא כדי להוכיח, שה־יהודים, שפחדו מאוד, היו יהודים גרועים ומוגי־לב. אם לשפוט לפי התדמית, שקבעו וקובעים ליהודי, היו יהודי ריגה יותר יהודיים מפרופ׳ גאלרשטין וממני. יתירה מזאת — אותם יהודים, שפחדו במרץ־אפריל 1963 להרשות לי להדפיס את מכתבי, הדפיסו בשנים 1967 ו־1968 — לפני מלחמת ששת הימים — במכונות־הכתיבה שלהם מהדורות של ה„סאמאיזדאט״, לא רק בעניינים יהודיים, אלא גם בבעיות כלל־סוביטיות.

אין שום ספק, שדווקא היהודים, שלא הקדישו תשומת לב לתהליכים ולשינויים המתרחשים במדינה בכלל, היו פחות מוכשרים למאבק. כי יד ביד עם התעצ־מות התנועה הדמוקרטית, לא חדלה הגבלת זכויות היהודים. הן היו חוזרות ונשנות, ופה ושם אפלו עולות. וכשהיו מפנים את תשומת ליבם של יהודים אלה לת־מורות, החלות בארץ, היו מתכחשים להן.

ווערענס מאַשינקע דאָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. אַלע האָבן מורא געהאַט. איך האָב קיין רעכט נישט ווערמען עס איז פאַרצוואָרפן פאַר דער מורא. איך אַליין האָב שטענדיק מורא געהאַט. כ׳האָב אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד געשריבן מײַן בוך און מורא געהאַט, אַז מען קען קומען מיך אַרעסטירן און מײַן אַרבעט פאַרניכטן. אויס מורא פלעג איך גאַנץ אָפט מוזן מאַכן איבערדרײַסן אין מײַן שרײַבן. ווען איך האָב מײַן אַרבעט איבערגעגעבן מײַנע פרײַנד, די קער־לערס, און אײַנגעשטימט מ׳זאָל זי אַריבערשיקן קיין אויסלאַנד און דאָרט זאָל מען זי פאַרעפנטלעכן, האָב איך, ביז כ׳האָב באַקומען אַ ידיעה, אַז עס איז שוין אין אויסלאַנד, נאָך מער מורא געהאַט, אי פאַרן גורל פון די קערלערס, אי פאַר זיך. אַזוי, אַז איך קען צו קיינעם קיין טענות נישט האָבן פאַר מורא האָבן. ס׳איז נאָר אַ פראַגע, צי עס איז פאַראַן וואָס מורא צו האָבן. צי לעבט מען נישט מיט דער נעכטיקער שרעק, ווען איצט דאַרף מען זיך שוין אַזוי שטאַרק נישט שרעקן?

איך בין אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און כ׳האָב זיך געטראָפן מיט האַלקינס גוטן פרײַנד און מײַן גוטן באַקאַנטן (כ׳קען איצט אָנרופן זײַן פאַמיליע־נאָמען און אָנווײַזן זײַן גענויען אַדרעס, ווײַל די קא־גע־בע האָט נאָך נישט צוגעטראַכט קיין טורמעס און לאַגערן פאַרן אַש פון מענטשן, וואָס זענען נאָכן טויט פאַר־ברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע) דעם באַוווסטן פסיכאָלאָג פּראָפעסאָר געללערשטיין סאָלאָמאָן גרי־גאָריעוויטש. און ער, וויסנדיק וועגן דער פאַרשפרייטער מיינונג, אַז לויטן שריפט קען מען זיך דערקלײַבן צו דעם, אויף וועמענס מאַשינקע עס איז עפּעס אָפּגע־דרוקט געוואָרן, האָט מיר נישט נאָר געגעבן זײַן מאַשינקע, נאָר איז געוואָרן דער הויפּט־פאַרשפרייטער פון מײַן בריוו צו כרושטשאָוון. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז די פריִער דערמאָנטע פּראָפעסאָרין —

☆

את כרושצ׳וב דחו. הסטאליניסטים הגלויים וה־גלויים למחצה חשבו שהגיע תורם. הופסקה הופעת הזכרונות והיצירות האמנותיות על פשעי סטאלין. פה ושם פורסמו דעות וזכרונות, המציינות את מעלותיו. ההסתערויות על סטאלין נעלמו עד תום. מתקרב מועד הוועידה ה־23. היה ידוע, שמתכוננים בוועידה זו לטהר את שמו של סטאלין, אם כי לא אמרו ולא הודיעו על כך שום דבר. נערכו אסיפות במוסדות הלימוד ובמכוני המדע. אולם חברי המפלגה הוותיקים, שנרדפו ע״י סטאלין וזכויותיהם הוחזרו ע״י כרושצ׳וב, הצטרפו למאבק ויצאו באופן די חריף נגד הכיוון החדש. נאומיהם הופצו במדינה ב„סאמאיזדאט״. איני יודע, אם היו או לא היו קבוצות מאורגנות של דמוקרטים. כמו כן לא נהיר לי, מה היתה דמות הקבוצות היהודיות שביניהם. הייתי עסוק אז בכתיבת ספרי וחשבתי, שהן למענם והן למען עבודתי, מוטב להתרחק מזה. צריך גם להוסיף, שמעולם לא הייתי ציוני וגם איני כזה. אמנם ידעתי על קבוצה כזאת בריגה, אבל התייחסתי אליה לא ברצינות. התנהגותה היתה קלת־דעת. הבנתי, שקיימת חבורה יותר רצינית והכרתי יפה אחדים מחבריה. אולם אף פעם לא רמזתי להם, שאני חושד במשהו. התוכחתי אתם לא לעתים רחוקות. לפי דעתי, השפיעו הקבוצות הלא־יהודיות במשך זמן מסוים על שינוי מצב־הרוח של

איך האָב זי קיין מאָל נישט געזען און קען זי נישט — פאַרשפּרייט דעם בריוו אין איר אינסטיטוט. אויך די קערלערס האָבן פאַרשפּרייט דעם בריוו.

איך האָב געבראַכט די פאַקטן נישט כדי צו באַווײַזן, אַז די ייִדן, וואָס האָבן דאַן זייער מורא געהאַט, זענען געווען ערגערע ייִדן, גרעסערע פּחדנים. לויט אַלע מאָדעלן פון ייִד, וואָס מען האָט געשאַפן און מען שאַפט, זענען די ריגער ייִדן מער ייִדן ווי פּראָפעסאָר געללערשטיין און ווי איך. נאָך מערער — די זעלבע ייִדן וואָס האָבן אין מערץ־אַפּריל 1963 מורא געהאַט מען זאָל אויף זייער מאַשינקע אָפּדרוקן מײַן בריוו, האָבן אין די יאָרן 1966 און 1967 — ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה — אָפּגעדרוקט אויף זייערע מאַשינקעס אויסגאַבן פון „סאמאיזדאט", נישט נאָר וועגן ייִדישע פּראַגן, נאָר וועגן אַלגעמיינע סאָוועטישע פּראָבלעמען.

איך פאַרזיכער, אַז גראָד די ייִדן, וועלכע האָבן ווייניק אַכט געלייגט אויף די פּראָצעסן און אויף די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין לאַנד בכלל, זענען געווען אַמווייניקסטן פעיִק צום קאַמף. ווײַל צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג פלעגן די באַגרענעצונגען קעגן ייִדן נישט אויפהערן. זיי פלעגן זיך איבערחזרן און ערטערווײַז אפילו שטייגן. ווען מען פלעגט דעם סאָרט ייִדן אָנווײַזן אויף ענדערונגען וואָס קומען פאָר, פלעגן זיי אָפּלייקענען.

כרושטשאָוון האָט מען באַזײַטיקט. די פאַרבאָרגענע סטאַליניסטן און האַלב־סטאַליניסטן האָבן גערעכנט, אַז איצט איז געקומען זייער צײַט. זכרונות, קינסטלערישע ווערק וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס דערשײַנען מער נישט. דאָ און דאָרט דרוקט מען זכרונות, אַרויסזאָגונגען, ווו מען ווײַזט אָן אויך אויף סטאַלינס מעלות. אָנפאַלן אויף סטאַלינען זענען פאַרשוווּנדן. עס דערנענטערט זיך דער 23טער פאַרטייצוזאַמענפאָר. מען ווייסט, אַז מען קלײַבט זיך אויף

היהודים. זמן רב הושפעו הקבוצות היהודיות מה־תנועה הדמוקרטית הכללית.

השפעת מאבק היהודים על כל המדינה היא כיום, בלי שום ספק, רבה. אולם צריך לציין בהחלט, שלולא התנועה הדמוקרטית בבריה"מ לא היתה קמה בין היהו־דים תנועה בממדים כאלה. ברור, שבהערכת הגורמים, שהביאו למצב זה, אסור להתעלם מהתמיכה המוסרית, ולפעמים גם המדינית, שקיבלה התעוררות־היהודים מחו"ל. אולם זה קרה יותר מאוחר — לאחר התחזקות התנועה במדינה עצמה. אבל כדי שתוכל להתפתח ולגדול, צריכה היתה קודם לקום תנועה דמוקרטית כללית בקני־מידה בולטים.

עכשיו מופיעים כאן ומכריזים: כל זה צמח תודות למלחמת ששת הימים. במילים אחרות: לכל מה שהת־רחש בבריה"מ אין שום ערך, ולכל מה שגרם לתמורה, שחלה במשך כל השנים, בין היהודים עד 1967, לא צריך לשים לב. אנחנו כאן בישראל חוללנו את השינוי המ־הותי הזה במשך ששה ימים...

אי אפשר להתכחש, כי מלחמת ששת הימים הסעי־רה את היהודים. אבל דמותם של יהודי־1967 לא היתה כדמות יהודי־1953, ששרפו במו ידיהם ספרים יהודיים, ולא ליהודי־1956, שהחניקו בליבם את הכאב ואת הצער. גם אחרי מלחמת ששת הימים עברו מספר שנים, עד שקיבלו ממדי־המאבק את צורתם העכשווית. בצאתי

דעם צוזאַמענפאַר רעהאַבּיליטירן סטאַלינען, כאָטש אָפיציעל איז וועגן דעם נישט געזאָגט און נישט געמאָלדן געוואָרן. ס׳קומען פאָר פאַרזאַמלונגען אין לערן־אַנשטאַלטן, אין וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אָבער אויך די אַלטע פאַרטייער, וועלכע סטאַלין האָט רעפּרעסירט און כרושטשאָוו האָט זיי רעהאַבּיליטירט, האָבן זיך איינגעשלאָסן אין קאַמף און טרעטן אַרויס גאַנץ שאַרף קעגן דעם נייעם קורס. זייערע רעדעס ווערן פאַרשפּרייט איבערן לאַנד דורכן „סאַמאיזדאַט״. צי ס׳זענען דאָן געווען אָרגאַניזירטע גרופּעס פון די דעמאָקראַטן — ווייס איך נישט. איך ווייס אויך נישט וואָס פאַרא פאָרמען עס האָבן דאָן געטראָגן די גרופּעס ייִדן צווישן זיי. איך בין דעמאָלט געווען פאַרנומען מיט שרייבן מיין בוך און האָב גערעכנט, אַז אי פאַר זיי, אי פאַר מיין אַרבעט, וועט זיין בעסער און געזינטער איך זאָל זיך האַלטן ווייטער פון זיי. צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אַז איך בין קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען און בין עס נישט. זיכער האָב איך געוווּסט וועגן אַ גרופּע אין ריגע, נאָר איך האָב זיך צו זיי באַצויגן ווייט נישט ערנסט. זיי האָבן זיך געפירט לייכטזיניק. כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז עס עקזיסטירט אַ מער ערנסטערע גרופּע, און בין מיט אייניקע פון אירע מיטגלידער געווען גוט באַקאַנט, נאָר קיין מאָל האָב איך פאַר זיי נישט אַרויסגעוויזן, אַז איך שטויס זיך אָן וועגן דעם. דיסקוטירן מיט זיי פלעג איך נישט זעלטן. לויט מיין מיינונג, האָבן די נישט־ייִדישע גרופּעס, ביז אַ באַשטימטער צייט, געווירקט, אַז די שטימונג צווישן ייִדן זאָל זיך בייטן. אַ לאַנגע צייט זענען די גרופּעס באַווירקט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג. זיכער איז איצט די ווירקונג פון קאַמף, וואָס עס פירן ייִדן איבערן גאַנצן לאַנד, זייער גרויס. נאָר מען דאַרף קאַטעגאָריש אונטערשטרייכן, אַז אָן דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד,

מבריה"מ בפברואר 1971, שלוש שנים ושמונה חדשים אחרי המלחמה, אי אפשר היה להניח, שמאבק היהודים יתפתח בצורה כה נמרצת.

בוודאי יטענו כנגדי: הנה מגיעים אנשים מבריה"מ, ולדבריהם גרמה להתעוררות היהודים ברוסיה מלחמת ששת הימים!

התשובה היא, שבתופעה דומה, אולי פי כמה גדולה, נתקלנו במשך עשרות בשנים. מוסקבה היתה מביעה את דעתה על מאורעות-העולם בכללו ועל מדינות נפרדות, והיתה מפרסמת דעה זו ב„פראוודה". העיתונות הקומוניסטית הכללית היתה מעתיקה ומתרגמת אותה ועל הקומוניסטים היתה כמעט חובה להסכים לדעה זו. עסקני-המפלגות הקומוניסטיות בחו"ל היו מפרסמים מאמרים ומוכיחים, עד כמה הערכות-מוסקבה של המצב נכונות והגיוניות. עיתוני-מוסקבה מצדם היו מפרסמים את המאמרים הנ"ל, שהובעה בהם בעצם הדעה של מוסקבה עצמה, כדעת הקומוניסטים בחו"ל. אחר כך היו באים קומוניסטים מארצותיהם למוסקבה וחוזרים בה על עמדות-מוסקבה, כעל עמדות-הקומוניסטים בחו"ל. ודבריהם אלה היו שוב רואים אור בעיתוני-מוסקבה. לאמיתו של דבר, היתה אך ורק הערכה אחת, ניתוח אחד, שמקורו במוסקבה.

אותו הנוהג מקובל כעת בישראל בקנה-מידה יותר קטן. ישראל מייחסת את התעוררותם של היהודים הסו-

וואָלט אוממעגלעך געווען עס זאָל ביי ייִדן זיך אָנ־הייבן אַזאַ באַוועגונג און זי זאָל אָננעמען אַזעלכע פאָרמען. קלאָר, אַז ביים אָפּשאַצן די פאַקטאָרן, וואָס האָבן דאָ געווירקט, טאָר מען נישט פאַרגעסן די מאָ־ראַלישע און טייַלוויזיע אויף די פּאָליטישע שטיצע, וואָס די אויפלעבונג ביי ייִדן האָט באַקומען פון אויס־לאַנד; אָבער דאָס איז געשען שפּעטער, ווען די באַוועגונג איז שוין אויסגעוואַקסן אין לאַנד גופא. אָבער כדי זי זאָל זיך קענען אַנטוויקלען און אויסוואַקסן, האָט געמוזט פריִער אַנטשטיין אין אַ גרעסערן מאסשטאַב די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

איצט טרעט מען דאָ אַרויס און מען זאָגט: אַלץ איז צוליב דער 6־טאָגיקער מלחמה. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, און אויף אַלץ וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז אין פאַרלויף פון יאָרן האָבן זיך די ייִדן ביז 1967, אַזוי געענדערט, פון דאַנעט, פון ישראל, אין פאַרלויף פון 6 טעג קאַרדינאַל געענדערט....

קיינער קען נישט אָפּלייקענען, אַז די 6־טאָגיקע מלחמה האָט אויפגערודערט אַלע ייִדן. אָבער די ייִדן פון 1967 זענען שוין נישט געווען נישט די ייִדן פון 1953, וואָס האָבן מיט די אייגענע הענט פאַרברענט ייִדישע ביכער, און נישט די ייִדן פון 1956, וואָס האָבן אין זיך דערשטיקט דעם פאַרדרוס און ווייטאָג. אויך נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר ביז די פאָרמען פון קאַמף זענען געוואָרן אַזעלכע ווי זיי זענען איצט. איך בין אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטן־באַרבאַנד אין פעברואַר 1971, ד.ה. 3 יאָר מיט 8 מאָנאַטן נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה, אָבער אַז דער קאַמף וועט אָננעמען אַזעלכע פאָרמען ווי איצט, האָט מען זיך אפילו פאָרשטעלן נישט געקענט.

מען וועט דערווידערן: אָט קומען דאָך מענטשן

ביטויים במלחמת ששת הימים. דעה זו מגיעה ליהדות הסוביטית, והיא מקבלת אותה ללא כל ביקורת, כי איך אפשר לא להסכים להערכה, הבאה מישראל? הסיבה לכך היא, שמעטים מאוד שמו לב למתרחש בבריה״מ. עכשיו באים משם העולים החדשים ומביאים אתם את דעת־ישראל, כאילו היתה שלהם. ועובדה זו משמשת בישראל כהוכחה, שהערכת ישראל של המצב היתה נכונה. למעשה, היתה ועודנה קיימת רק תפיסה אחת — התפיסה הישראלית, והיא, לפי הכרתי, מסולפת.

חרפה ובושה היא, שכאשר מדברים על תחיית היהדות הסוביטית, שוכחים את התנועה הדמוקרטית הכללית, שקמה בבריה״מ. לולא תנועה זאת, לא היה חל כל שינוי בחיי היהודים בבריה״מ. כאמור לעיל, חייבים היהודים הסוביטיים הרבה מאוד לתנועה הדמו־קרטית הכללית. לפי ההיקף, שקיבלה תנועה זו בין היהודים — תודות לתמיכה המדינית והמוסרית מ־חו״ל — מסתבר, שהיא מתחילה כבר לתת אותותיה גם בתנועה הדמוקרטית הכללית בבריה״מ. הבה נקווה ונאחל, כי היקיצה בין היהודים תחזיר, לפחות בחלקה, את חובה הנ״ל, להתעוררות הדמוקרטית הכללית בבריה״מ.

✡

פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי אַליין דערקלערן די אויפלעבונג מיט דער 6־טאָגיקער מלחמה.!

דער ענטפער איז, אַז אין אַ פילפאַכיק גרעסערן מאַסשטאַב האָבן מיר ענלעכעס געזען אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן. מאָסקווע פלעגט געבן אָפּשאַצונגען וועגן דער גאַנצער וועלט און וועגן איינצלנע לענדער און פלעגט זיי פאַרעפנטלעכן מערסטנס אין „פּראַוודאַ”. די קאָמוניסטישע צײַטונגען אין דער וועלט פלעגן דאָס איבערזעצן און אָפּדרוקן, און פאַר קאָמוניסטן פלעגט זיין כמעט אַ מוז איינצושטימען מיט די דאָזיקע אָפּשאַצונגען. פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פלעגן אָפּדרוקן אַרטיקלען, אין וועלכע זיי פלעגן באַווייזן, ווי קלוג און ריכטיק מאָסקווע האָט אָפּגעשאַצט די לאַגע. די מאָסקווער צײַטונגען האָבן איבערגעדרוקט די אַרטיקלען, אין וועלכע עס זענען אויסגעלייגט געוואָרן די מיינונגען פון מאָסקווע, אָבער שוין נישט ווי מאָסקווער מיינונג, נאָר ווי די מיינונג פון אויסלענדישן קאָמוניסט. שפּעטער פלעגן קומען די קאָמוניסטן פון זייערע לענדער קיין מאָסקווע און איבערחזרן די מאָסקווער אָפּשאַצונגען, ווי אָפּשאַצונגען פון אויסלענדישע קאָמוניסטן, און די מאָסקווער צײַטונגען פלעגן עס ווידער איבערדרוקן. פאַקטיש איז געווען נאָר איין אָפּשאַצונג, איין אַנאַליז, וועלכן מאָסקווע האָט געגעבן. דאָס זעלבע קומט איצט פאָר אין אַ קלענערן מאָסשטאַב. ישראל דערקלערט די אויפלעבונג צווישן די סאָוועטישע ייִדן מיט דער 6־טאָגיקער מלחמה. דאָס דערגייט צו די סאָוועטישע ייִדן און זיי נעמען עס קריטיקלאָז אָן — ווי קען מען נישט איינשטימען מיט אַן אָפּשאַצונג פון ישראל? דאָס נעמט זיך דערפון וואָס זעלטן ווער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

במשך שהותי בישראל הצגתי לפני לא פעם את השאלה: מה מקורו של יחס זה ליהדות הסוביטית ולכל מה שנוצר שם? פרק זמן מסוים היה נדמה לי, שהוא תוצאה מאי־ידיעה. אולם תמוה בעיני, איך הפכה אי־ידיעה זו לשיטה קבועה. אם כן, יחס זה מניין הוא? הגעתי למסקנה, שהוא בא מ... בריה״מ עצמה, מהתעמולה הסוביטית הרשמית, שהותאמה לצרכים המקומיים.

במשך יובל שנים ומעלה שחייתי בבריה״מ, אי אפשר היה להתעלם מהתעמולה הסוביטית. היא היתה מגיחה ופורצת מכל מקום: מיצירות־אמנות, מספרי־מדע, מהרדיו, מהטלוויזיה, מההרצאות, מהמידע על אירועי העולם וכו׳ וכו׳. הכול בצורה שטחית ולעתים קרובות גם טפשית. ולא רק טפשית, אלא גם גסה. זאת היתה גסות של אנשים הסבורים, כי הם צודקים מאז ומתמיד. נדמה היה לי, שלאחר עוזבי את בריה״מ, איפטר מפגע זה אחת ולתמיד.

והנה אני כבר בישראל למעלה משנה וחצי ועוד רודפות אחרי דרכי התעמולה הסוביטית, כי התעמולה הישראלית היא העתק ממש של התעמולה הרוסית. הוחלפו רק מספר מילים מעטות והותאמו לצורכי המ־

און וועגן דעם געטראַכט. איצט קומען די נייע עולים קיין ישראל און ברענגען די ישראלדיקע אָפּשאַצונג ווי זייערע אַן אייגענע, און דאָ, אין ישראל, ווערט עס אַ באַוויַיז, אַז אין ישראל האָט מען די לאַגע ריכטיק אָפּגעשאַצט. אין דער אמתן איז געווען און איז פאַראַן בלויז איין אויפפאַסונג — די ישראלדקע. און, לויט מיַין טיפסטער איבערציַיגונג, איז זי אַ פאַלשע.

עס איז אַ שאַנדע און אַן אומרעכט, וואָס ווען מען רעדט און שריַיבט וועגן דער אויפלעבונג ביַי יִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרגעסט מען וועגן דער דאָרטיקער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג. אָן דער באַוועגונג וואָלט נישט מעגלעך געווען די איבערגעשטאַלטונג, וואָס עס קומט פאָר ביַי די יִדן אין ר"פ. די סאָוועטישע יִדן זענען זייער אַ סך שול־דיק דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג! לויטן פאַרנעם וואָס עס האָט לעצטנס אָנגענומען די באַוועגונג ביַי יִדן — אַ דאַנק דער מאָראַלישער און פאָליטישער שטיצע פון אויסלאַנד — קומט אויס, אַז זי הייבט שוין אָן צו ווירקן אויף דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. לאָמיר האָפן און ווינטשן, אַז די באַוועגונג צווישן די סאָוועטישע יִדן וועט כאָטש טיילוויַיז אומקערן דעם חוב, וואָס זי איז שולדיק דער אַלגעמיינער דעמאָקראַ־טישער אויפוואַכונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד' ...

פאַר דער צייט וואָס איך בין אין ישראל, האָב איך נישט איין מאָל זיך געשטעלט די פראַגע: פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ באַציִונג צום סאָוועטישן יִדנ־טום און צו אַלץ וואָס עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן? אַ געוויסע צייַט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון נישט וויסן. נאָר מיך האָט געוווּנדערט, וואָס דאָס נישט וויסן האָט אַ באַשטימטע סיסטעם. טאָ פון וואַנעט קומט עס? איך בין געקומען צום באַ־שלוס, אַז דאָס קומט פון... סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין, פון דער אָפיציעלער סאָוועטישער פראָפּאַגאַנדע, נאָר

קום והזמן. במקום „המפלגה הקומוניסטית-בולשביקית" שבבריה"מ, בא כאן שם מפלגה אחרת. שם היו מסתמכים על דברי הנבואה של מנהיג זה או אחר, שנאמרו בוועידה כלשהי של המפלגה, וכאן מסתמכים גם כן על דברי הנבואה של מנהיג פלוני, שנאם בוועידת אחת המפלגות. העובדה, שכאן אין קוראים בשם המפלגה האחת והיחידה, ומזכירים דברי מנהיגים שונים, אינה משנה את מצב העניינים. להיפך, זה מחמיר את המצב.

פחד תוקף אותך, כששומע אתה הכרזה בנעימת-מנצח: „אנחנו חזינו הכול מראש והזהרנו". איזו חשיבות יש לכל ההתנבאויות, אם לא חשו בחורבן המתקרב? המציאו הרבה תוכניות ותיאוריות מתוחכמות, אבל לא ראו מה מתרחש סביבנו, ולא הבחינו שהשתנה משהו ביחס העמים אלינו. כתבו (ועדיין כותבים) כי האנטישמיות לא השתנתה במשך אלפי שנים. אבל האנטישמיות שנתגלתה לנו, אינה דומה כלל לאנטישמיות, שהכרנו קודם. היתה אנטישמיות דתית, כלכלית ומדינית, וזו של היום היא זואולוגית. מבחינה זאת אין שום הבדל בין האנטישמיות הפשיסטית לבין הסוביטית. אולם איש לא השגיח בזה. בוודאי היה חשוב ומועיל ביותר, לו עמדנו על דמותה האחרונה,

זי איז אַ ביסל צוגעפּאַסט צו די היגע באַדערפעניש.

אין פאַרלויף פון די איבער 50 יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. זי פלעגט אַרויסקריכן פון אומעטום: פון קונסט־ווערק, פון וויסנשאַפטלעכע ביכער, פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע, פון פאָרטראָגן און לעקציעס, פון אינפאָרמאַציעס וועגן געשעענישן אין דער וועלט א.א.וו.. אַלץ איז געווען איבערפלעכלעך און גאַנץ אָפט נאַריש. נאַריש אַליין איז נאָך ווייניק — נאַריש און פרעך. דאָס איז געווען אַ פרעכהייט פון מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי זענען דורכויס גערעכט. כ'האָב געמיינט, אַז ווען כ'וועל אַוועקפאָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועל איך פון דעם אַלעם פטור ווערן.

און אָט בין איך שוין איבער 1½ יאָר אין ישׂראל און ס'פאַרפאָלגן מיך נאָך אַלץ די פאָרמען פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. ווײַל אייגנטלעך, איז דאָ די פּראָפּאַגאַנדע אָן איינפאַכע איבערזעצונג פון דער סאָוועטישער. מ'האָט פאַרביטן אייניקע ווערטער און צוגעפּאַסט זיי צו די באַדערפענישן פון טאָג און אָרט. אנשטאָט דעם, וואָס דאָרט האָט מען געזאָגט „די קאָמוניסטישע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי", רופט מען דאָ אָן אַן אַנדערע פּאַרטיי. אנשטאָט — אויף דעם און דעם צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט דער און דער פירער געזאָגט אַזוי און אַזוי, און זײַנע ווערטער זענען געווען נביאות, רופט מען דאָ אָן אַ צוזאַמענפאָר, פון אַן אַנדער פּאַרטיי, און אַנדערע פירער, און אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט איז געווען נביאות. דאָס וואָס דאָ ווערט אָנגערופן נישט איין פּאַרטיי, נאָר פאַרשיידענע און מען רופט אָן פאַרשיידענע פירער — בײַט גאָרנישט. עס מאַכט נאָך ערגער.

איז ממש שרעקלעך צו הערן, ווען מען טרעט דאָ אַרויס מיט אַ טאָן פון זיגער: „מיר האָבן אַלץ פאָרויסגעזאָגט". וואָס פאַראַ ווערט האָבן געהאַט אַלע

ולוּ למדנו, מהן תכונותיה. זה היה יותר מעשי מהתת־רברבות בחינת „שישו בני מעי״: אנחנו עשינו, אנחנו יצרנו — כפי שאומרים הקומוניסטים בבריה״מ. אולם שם, לפחות, היה לנין שאמר, כי מהפכת אוקטובר היתה פורצת גם לולא היתה קיימת תנועת הבולשביקים. אבל פה בישראל אין מי שישמיע משהו בדומה לזה... דעה כזאת לא הגיעה אלי.

יהודים יקרים! העתיד הקרוב חמור, מכדי שנוכל להרשות לעצמנו להתייחס לעברנו לא ברצינות, ולחפש אך ורק דברים, שאפשר להתפאר בהם.

יענו נא המתרברבים על השאלה: מה היה קורה בשעת המלחמה, לוּ, חלילה וחס, היתה הארמיה של רומל פולשת, ולוּ לזמן קצר, לפלשתינה? הרי הצבא הגרמני יחד עם האויבים הערביים היו עושים שמות בארץ והיו משמידים את הכול. איזה ערך היה אז לנבואות ולפרוגנוזות של וועידות המפלגות? האם חזה מישהו מראש, שגרמניה תחלש בחזיתות אחרות עד כדי כך, שתהיה נאלצת להעביר לשם חלק מצבאה שבמזרח התיכון ולסכל בזה את אפשרות חדירתו לפלשתינה? מניין ההעזה להיות קלי־דעת בזמנים כה חמורים? איך

פאַרוויסזאָגונגען ווען מען האָט נישט פאָרויסגעזען אזאַ פאַרניכטונג? מ׳האָט געשאַפן אַן אַ צאָל קלוגע טעאָריעס און פּראָגראַמען, אָבער זען וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז, אַז עפּעס האָט זיך געביטן אין דער באַציִונג פון די אַרומיקע פעלקער צו אונדז — דאָס האָט מען נישט באַמערקט. מ׳האָט געשריבן — און מען שרייַבט איצט אויך — אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נישט געביטן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן. אָבער דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר אונדז, איז דאָך גאָרנישט ענלעך צו דעם, וועגן וועלכן מען האָט געוווּסט. ביז לעצטנס זענען געווען: אַ רעליגיעזער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטיסעמיטיזם — אָבער דער לעצטער איז דאָך אַ זאָאָלאָגישער. אין דעם זין איז נישט פאַראַן קיין אונ־טערשייד פון פאַשיסטישן און סאָוועטישן אַנטיסעמי־טיזם. קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט. ס׳וואָלט וויכטיק און נוצלעך געווען פאַר אונדז אויסצולערנען זייַנע לעצטע פאָרמען. דאָס וואָלט פּראַקטישער געווען ווי פּאַטשן זיך אין בייַכל: מיר האָבן געזאָגט, מיר האָבן געטאָן, מיר האָבן געשאַפן — מיט איין וואָרט, אַזוי ווי עס זאָגן וועגן זיך די קאָמוניסטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָר אין רוסלאַנד איז נאָך געווען אַ לעניִן, וועלכער האָט געהאַט מוט צו זאָגן. וואָלטן יאָ געווען די באָלשעוויקעס, צי זיי וואָלטן נישט געווען, די אָק־טאָבער־רעוואָלוציע וואָלט סיי ווי פאָרגעקומען. דאָ, אין ישראל, איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל ענלעכס זאָגן... צו מיר זענען ענלעכע ווערטער נישט דער־גאַנגען.

מייַנע טייַערע יידן, די צייַט, די נאָענטסטע צו־קונפט איז אַ צו ערנסטע, מען זאָל זיך קענען דערלויבן אַזוי נישט ערנסט אָפּצושאַצן די נאָענטע פאַרגאַנגענ־הייַט און אויסזוכן נאָר דאָס, מיט וואָס מ׳קען זיך באַרימען.

זאָל מען ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע: וואָס וואָלט

מעזים לנצל את שואת היהודים באירופה בצורה כה נפשעת וכה דמגוגית?

מרבים להוכיח את בריה"מ בשל רדיפתה את השפה העברית ואיסור לימודה. מובן, שזאת שערוריה. אבל, כפי שהזכרתי כבר, גרמו לכך היאבסקים. שנית, אני מבטיח: לו היו בבריה"מ, בזמן שהיתה עוד הסקציה היהודית (היאבסקציה), הרבה יהודים, ששפת-אימם היתה עברית, כמספר היהודים בישראל, ששפת-אימם היא יידיש, לא היה עולה בידי היאבסקים לטפל בעברית, כפי שמטפלים כאן ביידיש. היאבסקים הגרועים ביותר לא היו מגיעים אז לוואנדליזם כזה. הרי בזמן שרק יהודים ספורים ידעו עברית, היה קיים התיאטרון „הבימה". בוודאי התנגדו לו היאבסקים ורצו לחסלו, אבל הוא היה קיים נגד רצונם. ומדוע אין בישראל תיאטרון טוב ביידיש? הרי אין אוצר תרבותי אצל עם כלשהו כשפתו. שפה אינה בנויה ממילונים, מכללי-דקדוק, אפילו לא מהספרות הכתובה בלשון זו. הספרות היא שלב מאוחר יותר. בטרם שנוצרה הספרות הרוסית העשירה, חי העם הרוסי מאות בשנים בשפתו. עם אנאלפביתי זה, שכל אחד מבניו ידע בערך 500 — 600 מלים, יצר שפה, שגאוניה הגדולים ביותר הצליחו

געווען ווען אין דער צייט פון קריג וואלט חם ושלום ראמעלס ארמיי זיך ארייננגעריסן, כאטש אויף א קורצע צייט, קיין פאלעסטינע? די דייטשע ארמיי, מיט דער הילף פון די פיינטלעכע אראבער, וואלטן דאך דא אפגעמעקט, פארניכטעט אלץ מיט אלעמען. וואס וואלט דעמאלט געווארן מיט דער גאנצער נביאות פון אלע פארטיי־קאנגרעסן, מיט אלע פארויסזאגונגען? צי האט מען כאטש פארויסגעזען, אז דייטשלאנד וועט אויף אנדערע פראנטן ווערן אזוי אפגעשוואכט, אז זי וועט מוזן אפציען א טייל פון אירע קרעפטן פון נאענטן מיזרח און דערמיט צו נישט מאכן די מעגלעכקייט ארייננצודרינגען אין פאלעסטינע? ווי וואגט מען אין אזא ערנסטער צייט צו זיין אזוי לייכטזיניק? ווי וואגט מען אזוי נאריש און שווידערלעך — דעמאגאגיש אויסצונוצן די קאטאסטראפע פון אייראפעישן יידנטום?

מען ווארפט פאר דעם ראטן־פארבאנד וואס ער האט נישט דערלאזט לערנען און האט אפילו פארפאלגט עברית. זיכער איז דאס געווען א סקאנדאל. נאר נישט די סאוועטישע יידן האבן דאס געטאן, נאר ווי דערמאנט, א קליינע גרופע יעווסעקן. דאס איז איינס. צווייטנס, פארזיכער איך: וואלטן אין סאוועטן־פארבאנד, אין דער צייט ווען ס'האט עקזיסטירט די יידישע סעקציע, געווען אזוי פיל יידן, וועמעס מוטערשפראך וואלט געווען עברית, וויפל עס זענען פאראן אין ישראל יידן, וועמעס מוטערשפראך איז יידיש, וואלטן אפילו די פארביסענע יעווסעקן נישט באוויזן אזוי צו באהאנדלען עברית ווי מען באהאנדלט יידיש אין ישראל. די ערגסטע יעווסעקן וואלטן צו אזא וואנדאליזם נישט דערגאנגען. האט דאך, נאך אלעמען, ווען עברית האבן געקענט בלויז געציילטע יידן, עקזיסטירט אין ר"פ א טעאטער אין עברית — „הבימה". מען וועט זאגן, אז די יעווסעקן האבן דאס אויך געוואלט פארניכטן — ער האט דאך אבער עקזיסטירט

להשתמש בה באופן חופשי ונוח ליצור ספרות רמת מעלה. שפת-היידיש איש לא בדה אותה. היא לא באה מההפקר — העם היהודי יצר אותה וחי בה. היא היתה לו, כמו לעמים אחרים, אוצרו התרבותי הגדול ביותר. בישראל מזלזלים באוצר זה. הגורמים עוול ליידיש, אסור להם להאשים את היאבסקים על יחסם השלילי לעברית.

קשים מאוד לבלי נשוא היו חיי הרוח שלי בברית-המועצות, אבל מה קשה לי גם כאן בישראל.

היוצא מכל זה: אני משוכנע, שבישראל לא ידעו ולא רצו לדעת על חיי היהודים בבריה"מ. יהודי בריה"מ מעולם לא חדלו מהיות יהודים. זמן מסוים עמדו לפני שתי אפשרויות: פוגרומים והשמדה או התמסרות לבריה"מ. בהיותם יהודים היו פרוסוביטיים. מוצא אחר למיליוני היהודים בימים ההם לא היה. אחר כך היו כלואים בין סטאלין לבין היטלר, ושוב נאלצו להתמסר בכל ליבם לבריה"מ ולחזקה, כי דרך אחרת לא היתה בנמצא. אותו ההיגיון: בהיותם יהודים היו פרוסו-ביטיים. הדנים את היהודים הסוביטיים לכף חובה, שמחו אותם מכלל העם היהודי, חייבים לציין, מה היתה האפשרות האחרת, שיכלו להשתמש בה להצלת חייהם.

קעגן זייער ווילן. און פאַרוואָס איז אין ישראל נישטאָ קיין גוט טעאַטער אין יִדיש? עס איז דאָך נישטאָ נאָך אַזאַ קולטור-אוצר ביַי אַ פאָלק ווי זיַין שפּראַך. אַ שפּראַך פון אַ פאָלק באַשטייט נישט פון ווערטער-ביכער און כּללים פון דקדוק. אפילו אויך נישט פון דער ליטעראַטור אויף דער שפּראַך. די ליטעראַטור קומט שפּעטער. ביז עס איז געשאַפן געוואָרן די רייַכע רוסישע ליטעראַטור, האָט דאָס רוסישע פאָלק, אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, זיך אויסגעלעבט אין זיין שפּראַך. אָט דאָס אַנאַלפאַבעטן-פאָלק, וואָס ביַי יעדן איינעם פון זיַינע קינדער האָט מען געקענט אָנ-ציילן אַ 500—600 ווערטער, האָט געשאַפן אַזאַ שפּראַך, אַז די גרעסטע גאונים האָבן זיך געפילט פריי אין איר און מיט איר. די יִדישע שפּראַך האָט קיינער נישט אויסגעטראַכט, זי איז געקומען נישט פון דרויסן — דאָס פאָלק האָט זי געשאַפן און האָט זיך אויסגעלעבט אין דער שפּראַך. איז די שפּראַך געוואָרן, ווי ביי אַלע פעלקער, זיין גרעסטער קולטור-אוצר. דער אוצר ווערט אין ישראל גרינגעשעצט. נישט די וואָס באַוואוּ-לען יִדיש האָבן רעכט צו באַשולדיקן די יעווסעקן פאַר זייער באַציִונג צו עברית.

ווי שרעקלעך עס איז געווען פאַר מיר דאָס גייס-טיקע לעבן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, נאָר ווי שווער עס איז אויך דאָ, אין ישראל!...

איך בין טיף איבערציַיגט, אַז מען האָט נישט געוואָלט אפילו וויסן וועגן יִדישן לעבן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד און מען האָט טאַקע נישט געוווּסט. די סאָוועטישע יִדן האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיַין יִדן. זיי זענען איין ציַיט געווען פאַרשפּאַרט צווישן 2 מעגלעכקיַיטן: אָדער פאָגראָמען און פאַר-ניכטונג, אָדער דינען געטריי דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. זיי זענען געוואָרן פּראָסאָוועטיש, וויַיל זיי זענען גע-ווען יִדן. קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר די מיליאָנען יִדן אין יענער ציַיט נישט געווען. נאָכדעם זענען זיי

אני מדגיש: אפשרות לא ל י ח י ד י ם, אלא למיליונים. ואם המקטרגים לא ידעו להצביע על דרך אחרת, האם יהיה להם האומץ להודות, שהם משהו לא הבינו, לא תפסו? אולי יחשיבו אחרת את הערכים הרוחניים, שיצרו היהודים הסוביטיים? אולי יבינו, שגם את הפסולת שבספרות-יידיש — שירי-ההלל לממשלה ה־סוביטית, לצמיחת-המשק, ואפילו ההימנונים לסטאלין — צריך להעריך אחרת: אלה הם קרבנות-ספרות, כי גם הסופרים התכוונו, כפי שכבר הסברתי לעיל, לתת יד למלחמה בפשיזם. אולם הפירוש, כי השירים הגרו־עים הם תוצאה של פחד או של אונס, ז. א. שכפו על המשוררים היהודים לכתוב שירים אלה, הוא עלילה זדונית. הם כתבו אותם מרצונם החופשי ובהכרה מלאה ללא כל לחץ.

בזמן האחרון מטרידה אותי כאן בישראל המח־שבה, שייתכן, כי דווקא אותן היצירות הגרועות, שבגללן רבתי וגם ייסרתי את מחבריהן, יכולות לשמש כהוכחה, שלסופרים היתה תחושה של שואה מתקרבת. אם ההצלה, שחיכו לה, אפילו היתה חסרת תועלת ומתעה, הרי יצירותיהם מעידות על חיפוש דרך כלשהי למנוע את השואה. תחושה כזאת ומעשים כאלה לא

פֿאַרשפּאַרט געווען צווישן סטאַלינען און היטלערן, און פֿאַר זיי איז ווידער קיין אַנדער אויסוועג נישט געווען ווי מיטצוהעלפֿן דער סאָוועטן-מאַכט זי זאָל זײַן וואָס שטאַרקער. ווידער דאָס זעלבע: זיי זענען געווען פּראָסאָוועטיש, ווײַל זיי זענען געווען ייִדן. זאָלן די, וואָס האָבן פֿאַראורטיילט די סאָוועטישע ייִדן, די וואָס האָבן זיי אויסגעמעקט אַלס ייִדן, אָנווײַזן וועלכע נאָך מעגלעכקייטן זענען געווען — און איך באַטאָן: נישט פֿאַר איינצלנע, נאָר פֿאַר די מיליאָנען ייִדן. און אויב מען וועט אויף קיין אַנדער אויסוועג נישט קענען אָנ־ווייזן, צי וועט מען כאָטש האָבן מוט צו זאָגן, אַז עפּעס האָט מען נישט באַנומען, עפּעס נישט פֿאַרשטאַ־נען? אפשר וועלן זיי אַנדערש אָפּשאַצן די גײַסטיקע ווערטן וואָס די סאָוועטישע ייִדן האָבן געשאַפֿן? אפֿ־שר וועט מען באַנעמען, אַז אַפֿילו צו דעם אָפּפֿאַל, וואָס איז פֿאַראַן אין דער ליטעראַטור — דאָס באַזינגען די סאָוועטן-מאַכט, דעם ווּקס פֿון דער ווירטשאַפֿט און אַפֿילו סטאַלינען — דאַרף מען צוגיין און אָפּשאַצן גאָר אַנדערש? אַז דאָס זענען געווען ליטעראַרישע קרבנות, אַז די שרײַבער האָבן מיט זיי געוואָלט ראַטעווען עפּעס פֿון עמעצן און עמעצן פֿון עפּעס. עס איז אַ בייזוויליק־קער בילבול, ווען מען דערקלערט מיט דער פֿאַלשער אנוסים-טעאָריע די לידער, מיט וועלכע די דיכטער האָבן געוואָלט מיטהעלפֿן איבערבויען דאָס לאַנד. כלומרשט — מ'האָט געשריבן אַזוי, ווײַל מען האָט געצוווּנגען, צוליב פּחד האָבן זיי אַזוי געשריבן. אין דער אמת'ן איז פּונקט קאַפּויער — גראַד די לידער, מיט וועלכע זיי האָבן געמיינט, אַז מיט זיי קענען זיי מיטהעלפֿן דאָס לאַנד זאָל ווערן שטאַרק און מעכטיק, האָבן זיי אַליין געוואָלט שרײַבן. קיינער האָט זיי נישט געצוווּנגען.

די לעצטע צײַט, שוין דאָ, אין ישראל, פֿאַרפֿאָלגט מיך ממש דער געדאַנק, אַז עס איז דאָך נישט אויס־געשלאָסן, אַז גראָד די שלעכטע, אָפּט אומדערלאָזבאַרע

מצאתי, לדאבוני, בספרות היהודית המצוינת, שנוצרה מחוץ לגבולות בריה"מ.

בחיבורי זה הבאתי דוגמא מזליג אקסלרוד. ברצוני להוסיף, שאותו אקסלרוד, כשנדמה לו, שאנשים אינם כנים, היה לו הכוח והאומץ לפנות אליהם בשורות אלה: „לברך פה את כולכם, / אזרחי-ארצי הטובים — / לשליטת מצפון מאיר / את ימיני אני מרים..." (תרגום חופשי). אבל כשדרשו בעלי-הדעה ויוצרי האידאולוגיה בגסות, ובעיקר ממנו, שיהפוך את עורו, שישתנה, ענה: „נניח, שכך הוא דרך העולם / איש חי מוכרח לנגוע באדמה, / אבל איני יכול לשתוק בכל הלב, / כי אין זה קל, ולהשתנות קשה" (תרגום חופשי). כעבור כמה שנים ייסר אקסלרוד את עצמו בשירו „עין בעין", על שאין לו שירים, הכתובים „ברוח הזמן", ז. א. שירים שיעזרו לשיקום המדינה.

מותר לו לכל אחד להתייחס לשירים כרצונו. אפשר לציין, כי כמעט לכל השירים מהימים ההם של המשוררים היהודים בברית המועצות לא היתה שום חשיבות אומנותית, כי בשירים אחדים הובעו אפילו רעיונות, שאין להעלותם על הדעת.

ואנחנו לא רק נאמר אמן בעל כורחנו לדיעה זו,

ווערק, וועגן וועלכע איך פלעג זיך אַזוי אַרומקריגן און שטאַרק טאַדלען, אַז גראָד זיי באַוויַיזן, אַז ביי די יידישע שריַיבער איז אויך געווען אַ פּאַרגעפיל פון דער פאַרשטייענדיקער קאַטאַסטראָפע... זאָל זיַין אַז די רעטונג, אויף וועלכע זיי האָבן געהאָפט, איז געווען אַ פאַלשע, אָבער זיי האָבן דאָך כאָטש געזאָרגט, גע־טראַכט, געזוכט מיטלען די קאַטאַסטראָפע אויסצו־מיַידן. אין דער, אָפּט אויסגעצייכנטער, יידישער לי־טעראַטור פון אַנדערע לענדער, איז אַפילו קיין שפור פון אַזאַ פאַרגעפיל נישטאָ. — צו מיר איז עס דער־וויַיל נישט דערגאַנגען.

איך האָב אין מיַין דאָזיקער אַרבעט געבראַכט דעם ביַישפיל מיט זעליק אַקסעלראָד. דאָ וויל איך צוגעבן, אַז דער זעלבער אַקסעלראָד, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן זענען נישט אויפריכטיק מיט זיך, האָט געהאַט שטאָלץ און מוט ווענדן זיך צו זיי מיט אַזעלכע שורות: „איַיך דאָ אַלעמען באַגריסן, / ליבע בירגער פון מיַין לאַנד — / פאַר אַ ליכטיקן גע־ווויסן הייב איך אויף מיַין רעכטע האַנט"... אָבער ווען די דעה־זאָגער, די אידעאָלאָגיע־מאַכער האָבן פרעך געפאָדערט פון אַלעמען, און פון אים באַזונדער, ער זאָל זיך „איבערבויען", זיך ענדערן, האָט ער אויף דעם געענטפערט: „זאָל זיַין — ס'וועט אַזוי שוין בליַיבן, / ווער עס לעבט מוז אָנרירן די ערד, / נאָר איך קאָן פאַר זיי מיט האַרצן נישט פאַרשוויַיגן, / אַז ס'איז נישט גרינג, ס'איז ענדערן זיך שווער"... — דער זעלבער אַקסעלראָד האָט זיך אין אַ פאָר יאָר אַרום געפּיַיניקט אין זיַין ליד „אויג אויף אויג", פאַרוואָס ביַי אים זענען נישט פאַראַן אַזעלכע לידער, וואָס זאָלן „זיַין מיט דער ציַיט", ד. ה. זיי זאָלן מיטהעלפן איבער־בויען דאָס לאַנד.

די הויפּט־סיבות פון די ענדערונגען אין סאָוועט־טישן יידנטום דאַרף מען זוכן נישט ערגעץ־ווו אַנ־דערש, נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא, ביַי די סאָ־

אלא אוליי גם נוסיף נופך משלנו. אפשר להרחיק לכת ולקבוע, כי לסופרים מותר להניח את העט, לאחוז בנשק ולצאת למלחמה. אולם אסור להם לסופרים להפוך את יצירותיהם לנשק (אם כי אפשר לחלוק גם על דיעה זו. הנה, למשל, התרברב הנריך היינה, כי הוא המתופף של המהפכה).

אפשר להביא דוגמאות רבות מסופרים, שלהם יצירות אומנותיות רבות ערך, שנוצרו בכוונה תחילה לשרת רק מטרה אחת ויחידה.

אבל מוכרחים להודות ולהכיר בעובדה חשובה אחת — שלא בשל פחדנות נאלצו הסופרים היהודים לכתוב ברוח זו, אלא מפני שנתעורר בהם הרצון לכתוב כך מתוך הכרה עמוקה, כי אין הצלה יותר טובה ליהודי רוסיה מאשר שלטון סוביטי רב עוצמה. וכך סברו גם רוב היהודים בברית המועצות.

את הסיבות לשינויים, שחלו בין היהודים הסו־ביטיים, צריך לחפש אך ורק בבריה"מ עצמה ובין יהודיה. כשנזדמנה האפשרות הראשונה, הודיעו יהודי בריה"מ לכל העולם כולו: „אנחנו כאן!" איש אינו מתכוון להכחיש, שהקמת מדינת ישראל השפיעה על

וועטישע ייִדן. ווי נאָר ס'האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ מעגלעכקייט, האָבן זיי אויף דער גאַנצער וועלט אַ געשריי געטאָן: „מיר זענען דאָ!” קיינער קען נישט אָפּלייקענען, אַז די אַנטשטייונג פון ישראל האָט גע־ווירקט, און צײַטנווײַז אַפילו שטאַרק געווירקט, אויף די סאָוועטישע ייִדן — בכלל האָט אויף זיי שטענדיק געווירקט אַלץ, וואָס עס פלעגט פאָרקומען מיט ייִדן אין דער גאַנצער וועלט: פּאָגראָמען אין פוילן, די פאַרפאָלגונגען פון היטלערן, דער אַלוועלטלעכער אַנ־טיסעמיטיזם. די קאַטאַסטראָפע מיטן אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט ביי אַלעמען — אָן אויסנאַם — אַרויס־גערופן אַ שאָק. נאָר דאָס אַלץ האָט געהאַט אַן אָרט, ווײַל אין גרונט זענען זיי שטענדיק געווען ייִדן. זיי האָבן געשאַפן פיל גײַסטיקע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועל־כע מען האָט איגנאָרירט און מען איגנאָרירט נאָך עד היום.

עס מוז פאָרקומען אַ גרינדלעכע איבערשאַצונג פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום סאָוועטישן ייִדנטום!...

היהודים הסוביטיים (לפעמים בצורה ניכרת). בכלל השפיע עליהם כל מה שהתרחש בין יהודי־העולם: הפוגרומים בפולין, רדיפות ההיטלריזם, האנטישמיות הכללית. השואה, שפקדה את יהדות־אירופה, זעזעה את כולם. כל זה במקובץ הרשים אותם, כי בתוך תוכם הם התמידו ביהדותם. הם יצרו הרבה ערכים רוחניים ולאומיים, שהעולם התנכר להם, ומתנכר להם עד היום.

יש הכרח להעריך מחדש כל מה שיש לו קשר ליהדות הסוביטית.